STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02987

GEKLIBENE SHRIFTN

Sz Horonczyk

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. האַראַנטשיק

געקליבענע שריפטן

פארלאג „יידיש-בוך"
ווארשע - 1950

הילע פראָיעקטירט

פון ק. גלעב

Sz. Horończyk
„GEKLIBENE SZRIFTEN“
Wyd. „Idisz-Buch“ Warszawa.

B-1-120771

Druk. „Nowe Życie“, W-wa, Al. Gen. Świerczewskiego 79.

שמעון האָראָנטשיק

געבוירן אין וויעלון, קאַלישער געגנט — י״ד ניסן י. 1889
אומגעקומען אין י. 1939

פאָרוואָרט

אין זיין בוך „דאָס הויז אויפֿן באַרג" ברענגט שמעון האַלאַנטשיק אַרויס דורך דעם פּאָזיטיוון העלד דניאלן אַ ביז גאָר וויכטיקן ליטעראַרישן קרעדאָ. דניאל פֿאַרטראַכט זיך איבער זיין שרייבן די משפּחה־כראָניק און קומט צו אַזאַ אויספֿיר:

„צי דאַרפֿן זיינען ריכטיק און אמתדיק בלויז נאָר יענע געשעענישן אין אַ מענטשנס לעבן, וואָס צופֿעליק זיינען זיי טאַקע פֿאַרגעקומען, און נישט די, וואָס לויט זיין, דעם מענטשנס, כאַראַקטער און שטעלונג צו זיינע מיטמענטשן, האָבן זיי געדאַרפֿט פֿאָרקומען נאָר צוליב עפּעס אַ סיבה זיינען זיי נישט פֿאָרגעקומען?"

און נאָך:

„ס'איז נאָך ווייניק צו באַשרייבן דאָס לעבן פֿון דעם און דעם יחיד. דאָס לעבן פֿון אַן איינצלנעם מענטשן, אָדער אַ קליינער משפּחה — נישט פֿאַרבונדן און געקייטלט מיטן לעבן פֿון דער אַרומיקער סביבה און דעם קאָליר פֿון דער צייט, אין וועלכער דאָס שפּיגלט זיך אָפּ, — זאָגט גאָר־נישט און איז פֿאַר קיינעם נישט וויכטיק".

ווען מיר גייען צו צו האַלאַנטשיקס שאַפֿן מיט אָט דער קריטעריע, וואָס ער אַליין האָט אַזוי אויסגעצייכנט פֿאָרמולירט, מוזן מיר קומען צום אויספֿיר, אַז אַ היפּשער טייל פֿון האַלאַנטשיקס ווערק גיט אָפּ גענוג בלאָס „דעם קאָליר פֿון דער צייט" און, אַז די „געקייטלטקייט" מיט דער סביבה איז אויך נישט אַלעמאָל אַ גענוג פֿאַרטיפֿטע. נאָך ערגער האַלט ביי האַ־לאַנטשיקן מיטן אַרויסברענגען דאָס טיפּישע, מיט דעם שילדערן די געשטאַלטן נישט בלויז ווי זיי זיינען, נאָר אויפֿזוכן אין זיי די סאָציאַלע פּאָטענצן, דאָס לייטערע און דערהויבענע, און זיי איינגלידערן אין זייער

צייט, ווי באַוווסטזיניקע טרעגער פון פּראָגרעסיווע אידעאַלן. דאָס איז אים ס׳רוב נישט געלונגען, ווייל ער האָט מערסטנטייל נישט געקאָנט זיך דערהייבן איבער זיין צייט, און איבער די פּערזענלעכע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען.

ביי האָראָנטשיקן פעלט אָפט די אידעאיש־אָנגעזעטיקטע צילבאַוווסטע פאָרעמונג, די פעיקייט צו סובלימירן די איינדרוקן און זיי דערהייבן ביז טיפּישע דערפאַרונגען און פאַקטן.

האָראָנטשיק גייט נאָך טראָט נאָך טראָט זיינע אייגענע לעבנס־דערפאַרונגען און ברענגט זיי אַרויס מיט אַ גרויסער פּינקטלעכקייט. זיין סטיכיע איז פיקסירונג. אָבער זיין דיכטעריש געמיט און נאַראַטיווער טאַלאַנט גיט צו דער פיקסירונג גאַנץ אָפט אַ לירישע באַאַרבונג און עמאָציאָנעלע אָנלאָדונג, ברענגען אַרויס דאָס שיינע און פאַרבאָרגענע און נישט בלויז דאָס, וואָס געפינט זיך אויפן אויבערפלאַך.

אין בוך „אין געוויש פון מאַשינען" האָט האָראָנטשיק ביז גאָר סוגעסטיוו אַרויסגעבראַכט דעם פּראָצעס פון פּראָלעטאַריזאַציע, דעם אויפקום פון קאַפּיטאַליסטן אין די קלענערע שטעט און דאָס איבערגיין פון דער „פּאַטריאַרכאַלער" עקספּלאָאַטאַציע צו דער קאַפּיטאַליסטישער.

אין דעם זעלבן בוך געפינען מיר אַ גלענצנדיק בילד פון אַ שטרייק און שטאַרק געצייכנטע געשטאַלטן פון פאַבריקאַנטן און זייערע משרתים. האָראָנטשיק האָט אויך פיקסירט די צייט פון פאַר דעם יאָר 1905 און האַרט נאָך דעם. דאָס אויפוואַכן פון קאַמף־באַוווסטזיין און קלאַסן־באַוווסטזיין ביים יידישן פּראָלעטאַריער, אַפילו ווען ער האָט נאָך שטאַרק געשטעקט אין טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער. דערביי טרעפן מיר שוין ווייט נישט אָן בלויז דאָס „ווילדערישע" און „סטיכישע", ווי ביי ווייסנבערגן, נאָר עפּעס דערפון, וואָס מען וואָלט געקאָנט באַצייכענען אַלס רעוואָלוציאָנערן באַוווסטזיין. יעדנפאַלס איז אין גאַנצן שאַפן פון האָראָנטשיקן שוין נישט אָנצוטרעפן דאָס קלאַסן סאָלידאַריסטישע, כלל־ישראלדיקע.

די קלאַסן־שייד־ליניע האָט ער געזען זייער בולט און שאַרף. דאָס דאַרף פאַרצייכנט ווערן ווי אַ גרויסע דערגרייכונג אין דער יידישער פּראָזע. עס דאַרף באַזונדערס אָפּגעמערקט ווערן האָראָנטשיקס ביז גאָר גענויע פיקסירונג פון דעם פּראָצעס פון פּראָלעטאַריזאַציע אין דער יידישער סביבה, דאָס אונטערגיין פון פּאַטריאַרכאַלן לעבנס־שטייגער און דעם אויפקום פון קאַפּיטאַליסטישן.

האָראָנטשיק האָט געשטערט אין זיינע גרויס־פּאַרנעמיקע ביכער ווי „אין געוויש פון מאַשינען", „1905" צו געבן אַ ריכטיק רעאַליסטישע שילדערונג פון די טרייב־קרעפטן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג

ערשטנס, דער נאַטוראַליסטישער אופן פון באַשרייבן אַלץ, וואָס זיינע אויגן האָבן געזען, און צווייטנס, דאָס טראַקטירן ווי דאָס גאַנצע בירגערטום אין יענער צייט, דעם „בונד" און פּ. ס. ווי ווירקלעך רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, צוליב וואָס עס באַקומט זיך דער פאַלשער איינדרוק, אַז די דאָזיקע פּאַרטייען זיינען עס געווען דער באַוועגער, דער מאָטאָר פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן...

אין האָראַנטשיקס אַלע גרעסערע ווערק דאָמינירט דאָס אויטאָ־ביאָגראַפישע. דער מאָטיוו פון דער פּאַראַרעמטער מאַמען מיט איר געזינד און דעם רייכן פאַבריקאַנטישן ברודער, דעם עקספּלאָאַטאַטאָר, חזרט זיך איבער סיי אין „ביים שוועל", סיי „אין געדויש פון מאַשינען", סיי אין „דאָס הויז אויפן באַרג", סיי אין אַ מאָדיפיצירטער פאָרם אין „זומפּ" און אין די נאָוועלן. אינטערעסאַנט איז דערביי אונטערצושטרייכן, אַז אַ ריי העלדן, אַפילו נעמען ווי: בנימין, ישראל נח, מלכה — חזרן זיך נאָכאַנאַנד איבער. און אַט דער ביאָגראַפישער מאָמענט ווייזט דייטלעך אָן, אַז האָראַנטשיק האָט זיך אין זיינע ראָמאַנען געהאַלטן ביי די פּערזענלעכע נאָענטע דערפאַרונגען און האָט זעלטן דערפילט דעם פּאָסטולאַט פון שילדערן דאָס, וואָס „האָט געדאַרפט און געקענט פאָרקומען און איז נישט פאָרגעקומען". האַלטנדיק זיך ביי דעם שטרענג ביאָגראַפיש, ווערן די העלדן זיינע, די נעבעכדיקע קעמפער, די פאַרשיקטע — באַלעבעסלעך, — אונטערנעמער, פאַרפלאָנטערן זייער וועג מיט פאַרשיידענע אומגליקלעכע ליבעס און ווערן נישט געוועלירט די געשטאַלטן. אַזוי פאַרלירן סיי ישראל נח און סיי בנימין אין לעצטן, דריטן, טייל פון „1905", דעם מוט צו ווייטערדיקן קאַמף. ישראל נח איז שוין דאָן ווי בנימין פאַרפלאָנטערט אין ליבע־געשיכטן, דערביי איז ישראל נח שוין אַ זייף־פאַבריקאַנטל אויך, אַלזאָ אַ פולשטענדיקע פאַרשמעלערונג פון אויסבליק, פון פּערספּעקטיוו.

עס איז אַ פאַקט, אַז די צייט פון נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע האָט פיל מיטלויפער, דער עיקר פון דער אינטעליגענץ און קליינבירגערטום „אַנטוישט", אַז ס'איז געקומען אַ האַסטיקער אַפּפלוס פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, וועלכע האָט אין די יאָרן 1901—1904 מיטגעריסן פיל וואַקלדיקע. עס איז אָבער אויך אַ פאַקט, אַז די קאָנסעקווענטע מאַרקסיסטן, די אמתע קעמפער פאַר דער באַפרייונג פון אַרבעטער־קלאַס, די מאַרקס־לענינישע פּאַרטיי, האָט איר טעטיקייט נישט אָפּגעשוואַכט, דעם גלויבן נישט פאַרלוירן. דעם פאַקט האָט האָראַנטשיק באַמערקט בלויז אין זיין ערשטער העלפט (דעם אַפּפלוס פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע און דאָס אַוועקגיין פון גרויסע טיילן פון דער אינטעליגענץ און פון דעם קליינבירגערטום). דערפאַר האָט ער ביז גאָר טרעפלעך אַרויסגעבראַכ:

די צעמענטירונג, די אָרגאַניזירונג פון די פאַבריקאַנטן־פאַרבאַנדן, זייער אונטערשטיצן די פאַרשידענע רעליגיעזע חברות, זייער טראַקטירן דעם צאַר ווי אַ פאַרבינדעטן אין זייער קאַמף מיט דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָ־לעטאַריאַט, און אַזוי אַרום אַרויסגעבראַכט דעם היסטאָרישן אמת, אַז הגם די רעוואָלוציע פון 1905 יאָר איז געווען אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישע האָט די בורזשואַזיע אין איר מורא פאַר דער אַקטיווקייט פון די מאַסן, גאַנץ גיך, פאַרן פּרייז פון באַשטימטע קאָנצעסיעס געביטן דעם פראָנט און זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער סטאָליפּינישער רעאַקציע. די שילדערונג אין בוך „1905", ווי דער סוחרים־פאַרבאַנד אונטערשטיצט די רעליגיעזע חברה, וועלכע שרייבט אַ ספר־תורה און די גרויסע שמחה ביים סיום געהערט צו איינע פון די גלענצנדיקסטע.

אין קורצן קורס פון געשיכטע פון אַל. ק. פּ. (ב) ווערט די צייט כאַ־ראַקטעריזירט אויף פאָלגנדיקן אופן:

„די מפּלה פון דער רעוואָלוציע האָט געבראַכט צו צעפאַלונג און דעמאָראַליזאַציע צווישן די ציטווייליקע אָנהענגער פון דער רעוואָלוציע. די צעפאַלונג, די גייסטיקע ירידה און די אַנטוישונג האָט זיך באַזונדערס געשטאַרקט צווישן דער אינטעליגענץ. די ציטווייליקע אָנהענגער פון דער רעוואָלוציע, וועלכע זיינען גע־קומען אין אירע רייען פון דער בורזשואַזער סביבה בעתן שטור־מישן אויפשטייג פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע האָבן די פּאַרטיי פאַרלאָזן אין די טעג פון רעאַקציע... „אַוועקגייענדיק פון דער רעוואָלוציע, האָבן אירע ציטווייליקע אָנהענגער זיך באַמיט צוצופּאַסן צו דער רעאַקציע, זיך צופּאַסן צום צאַריזם" (קור־צער קורס פון דער געשיכטע פון אַל.ק.פּ.(ב), זייט 114, פּוילישער טעקסט).

שמעון האַראָנטשיקס פאַרדינסט באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט פיקסירט דעם פּראָצעס פון פּראָלעטאַריזאַציע אין דער יידישער סביבה, געוויזן, הגם נישט פּאַרטייפּט און אַלזייטיק, דעם אויפשטייג פון קלאַסן־באַוווסטזיין און די אויסווירקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע אויף דער יידישער גאַס. האַראָנטשיק האָט אויך געשילדערט כאַראַקטע־ריסטישע בילדער פון אַרבעטער־שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס, פּאָליציי־זשאַנדאַרמישע מאַסאַקרעס און דעם אַפּפלוס פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע — גרונטיקע שטריכן פון אַ ביז גאָר וויכטיקער עפּאָכע, וואָס קומען צום אויסדרוק אין „אין גערויש פון מאַשינען", אין „1905" און אנד.

האָראָנטשיק האָט אויך נישט פאַרמיטן אַרויסצוברענגען די סביבה פון די אויפגעקומענע גבירים, די מלחמה־גבירים, די צעפּוילטע קליינבירגערלעכע מאָראַל פון די גאָלדפעלדס, פון די מיטעס און אירע טעטטער, די שוויצערס. ווען מיר זאָלן אַרויסלאָזן איניקע קאַפּיטלען, וואָס צאָלן צינז דעם נאַטוראַליזם, צו וועלכן האָראָנטשיק איז, אגב, געווען שטאַרק געניגט („אין הויז אויפן באַרג" און אין „זומפּ", וואָלט דאָס לעצטע בוך, דער זומפּ געקענט דינען ווי איינע פון די שטאַרקסטע פּאַראורטייל־ווערק פון יידישן אויפגעקומענעם, צעפּוילטן בורזשואַ. דערביי איז אין גאַנצן ווערק, אפילו אין די נאַטוראַליסטישע קאַפּיטלען, נישטאָ די באַשרייבערישע גלייכגילטיקייט, וואָס איז אַזוי אייגנטימלעך די פאָנענטרעגער פון רויען נאַטוראַליזם (א. מ. פוקס, עוזר וואַרשאַווסקי, ז. שניאור), נאָר עס מערקט זיך דעם שרייבערס בפירושע שנאה צו די טרעגער פון עטישער און מאָראַלישער פאַרווילדערונג, צעפּוילטקייט און אכזריות.

אינטערעסאַנט איז דערביי אונטערצושטרייכן אַט דעם כאַראַקטעריסטישן פאַקט, וואָס בדרך כלל איז האָראָנטשיקן שווער אויסצוקומען אָן אַ פּאָזיטיוו געשטאַלט, אָן אַ טרעגער פון אמתער נשמה־שיינקייט אפילו אין די ווערק, וואָס זיינען אַוועק אויף די „פאַרפלאָנטערטע וועגן" פון נאַטוראַליסטישער געשטאַלטיקונג, פון באַרבלען זיך אין מענטשן־אָפּפאַל. אין „א הויז אויפן באַרג", אין דער „נחם תיבה", וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס הויז פון אַלטן געלט־גבירקן דייטש, ווו עס האָט זיך אויפגעקליבן סיי דער געזעלשאַפטלעכער דעק פון לומפּן־פּראָלעטאַריאַט, און סיי די רייכע האַטשניקעס, מיט די רעטיסטן, און קרעמערלעך, ווערט אַרויסגעבראַכט אַ ביז גאָר זויבער געשטאַלט פון אַ פּוילישער פרוי, וואָס שטייט סיי גייסטיק און סיי מאָראַליש העכער אפילו פאַר דעם שרייבערישן הויפּט־העלד, — פון הניאלן, וועלכער האָט זיך אַהער פאַרקליבן צו פאַרצייכענען די כראָניק פון זיין אונטערגייענדיקן יחוסדיקן שטאַם. וואַנדאַ אין איר באַציונג צום לעבן, צו יידן, צו דער געזעלשאַפט איז אָן אָן ערך רייפער און סימפּאַטישער פאַר דעם שרייבער און אפילו פון מאָלער.

בכלל דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז האָראָנטשיק איז מסתמא דער ערשטער אין אונזער ליטעראַטור, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט רעוואָלוציאָנערע פרויען־געשטאַלטן. מעמערל, זינא און דאָראַ אין „1905" זיינען שיינע טיפּן פון דער באַפרייטער, קעמפערישער פרוי.

עס איז באַוווסט, אַז די מערהייט פון האָראָנטשיקס פילבענדיקע ווערק זיינען געגאַנגען אין צייטונגס־אָפּשניטן. און אַט דער פאַקט האָט

נישט אין קיין קלענער מאָס געווירקט אויף דעם פּעליעטאָן־כאַראַקטער פֿון יעדן קאַפּיטל, וואָס ענדיקט זיך כמעט מיט אַ באַשטימטער פּוענטע.

צום שבח פֿון האָראָנטשיקן דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז ער האָט נישט געפֿעלשט דאָס בילד, געשילדערט אין זיינע בעסערע ווערק דאָס לעבן אַזוי, ווי ער האָט עס געזען.

האָראָנטשיק האָט נישט געקענט באַאַרבעטן, שלייפֿן זיינע ווערק. ער איז אָפֿט צו באַרעדעוודיק, צעפֿלאָסן. און דאָך איז שווער זיך אָפּרייסן פֿון זיי. דאָס באַווייזט, אַז ער געהערט צו אונזערע טאַלענטירטע פּראָזאַיקער, צו די שרייבער פֿון ברייטן אָטעם, פֿון פּלאַסטישן אַרויסברענג. עס וואָלט געווען נישט ריכטיק, ווען מיר זאָלן זאָגן, אַז האָראָנטשיק איז געווען אַ גוטער קאָנסטרוקטער, האָט געקענט אַרכיטעקטאָניש שטאַרק צונויפֿבינדן די באַזונדערע פֿעדים פֿון דער אַקציע, אָבער די טיפֿע קענטעניש פֿון לעבן, פֿון מענטשלעכן כאַראַקטער, דאָס פּרעכטיקע אָפּגעבן כאַראַקטעריסטישע דיאַלאָגן — אימפּאָנירט ביי האָראָנטשיקן. דאָס ווייזט אויף דער שאַרפֿקייט פֿון זיין אויג, אויף זיין פּאַרקוקטקייט אין לעבן, אויף זיין פֿעיקייט פֿאַקטן אויטאָביאָגראַפֿישע איבערצוגעבן דורך דער פּערספּעקטיוו פֿון צייט, ווי אַ זייטיקער צושויער.

אין האָראָנטשיקס ווערק דעפּילירן פֿאַר אונז פֿאַרביי כמעט אַלע שיכטן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג, קומט אויף די פּוילישע לאַנדשאַפֿט, די צווישן־באַציונג צווישן יוד און פּאָליאַק, דער פּוילישער באַפֿעלקערונג און דעם צאַריזם. דערביי דערהויבט ער זיך ערטערווייז אין זיין פֿיקסירן די צווישן־באַציונגען צווישן ייד און קריסט איבער דעם טראַדיציאָנעל־יידישן, בירגערלעך־שאָוויניסטישן, וואָס האָט באַהערשט די דעמלטיקע יידיש־בירגערלעכע ליטעראַטור, און ברענגט אַרויס די דאָזיקע באַציונגען, אָן שום צומיש פֿון נאַציאָנאַליסטישן סם. און אויב וואַנדאַ געפֿינט זיך נאָך אונטער דעם נאַציאָנאַליסטישן דרוק פֿון איר פֿרום־קאַטוילישער היים, און דניאל — אונטער געוויסע פֿאָראורטיילן, ווערן זיי, די פֿאָראורטיילן, ווי פֿאַראורטיילט דורך דער עצם־שילדערונג גופֿא. און דאָס באַווייזט, אַז האָראָנטשיק האָט זיך געקענט צייטנווייז דערהויבן איבער זיין צייט און איבער זיין סביבה.

סומירנדיק דעם קינסטלערישן בייטראָג פֿון האָראָנטשיקן אין אונדזער ליטעראַטור, דאַרף מען נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן, אַז ער האָט באַוויזן אַרויסצוהייבן וויכטיקע פֿאַקטן פֿון יידישן און אַלגעמיינעם לעבן אין לאַנד און איבערברוך־מאָמענטן אין דער געשיכטע, אַרויסהייבן די צייט פֿון פֿאַר און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און ווייזן אין זאַפֿטיקע רעאַליסטישע בילדער די ענדערונג, וועלכע זי האָט מיט זיך געבראַכט.

אָט די אַלע מאָמענטן איז אויסן צו אילוסטרירן די זאַמלונג פון נאָוועלן און קאַפּיטלען, וואָס ווערן אין דעם בוך פאָרגעשטעלט. מיר מיידן אויס דאָס נאַטוראַליסטישע ביי האָראָנטשיקן, ווייל מיר זעען דאָס וויכטיקע ביי אים נישט דאָרט, וווּ ער שילדערט דעגענערירטע געשטאַלטן און סביבות און איז באַשעפטיקט מיט „זינד“, נאָר דאָרט, וווּ ער איז דורכגעדרונגען מיט ליבע צום אַרבעטס־מענטש, וווּ ער ברענגט צום אויסדרוק דאָס מענטשלעך־דערהויבענע, קלאַסן־באַוווּסטזיניקע.

שלמה לאַסטיק.

וואַרשע, אָקטאָבער, 1950 י.

מעשה־ביכלעך

איך האָב פרי אָנגעהויבן צו לייענען ביכלעך.

איך בין געווען אַ ייִנגל אַ יתום. אין שטוב ביי אונדז איז געווען אַ גרויסע נויט, טעג גאַנצע האָט מען ביי אונדז קיין געלעכטער נישט געהערט.

די מאַמע מיט די קינדער זיינען רק געווען פאַרנומען מיט דער גרויסער זאָרג וועגן עסן, און כדי זיך צו פאַרשפּילן און די גרויסע זאָרג פון קאָפּ אַ ביסל אַרויסצושלאָגן, האָב איך אָנגעהויבן צו לייענען ביכלעך. דאָרט, אין די ביכלעך, איז געווען אַן אַנדערע וועלט, אַ פאַנטאַסטישע, אַן אויסגעטראַכטע און נישט רעאַלע, אָן געלט־דאגות און אָן נויט — ליכטיקער און פריילעכער ווי אין אונדזער אָרעמער שטוב.

די ביכלעך, וואָס איך האָב געלייענט זיינען געווען פאַרשידענע. איך האָב מיר זיי נישט אויסגעקליבן. איך האָב געלייענט, וואָס עס איז מיר געקומען אין דער האַנט אַריין. אָבער — אַלץ איינס: צי האָס איז געווען אַ קבֿ־הישר, אָדער כּתּם אַ מעשה־ביכל, צי די מעשה פון פרומען ר' טוביה מיטן פיש — רייכער ווי דאָס לעבן אין אונדזער שטוב — זיינען זיי אַלע געווען.

ביי מיין חדר־חבר מאיר׳ל אין שטוב איז געווען אַ פולע שאַנק ספרים און ביכער, צווישן זיי אַ סך גוטע פאַר מיר צום לייענען. מאיר׳ל האָט מיך געגרן מיטגענומען צו זיך אַהיים, מיר זאָלן צוזאַמען לייענען אַ ביכל, איך בין אויך גערן אַהין געגאַנגען, ווייל זייער שטוב איז אויך פאַר מיר געווען, ווי אַ נישט געוויינלעכע מעשה פון אַ ביכל אַרויס: דאָרט איז געווען שיין, ריין און רייך — גאַרדינען און שפּיגלען און אַזאַ אָנגענעמער ריח, וואָס גאָר אין פאַרמעגלעכע שטובן פילט מען אים אָבער

די עלטערן מאירלס זיינען, אפנים, נישט איבעריק צופרידן געווען פון מיין ארויפקומען צו זיי. ס'איז זיי, מוז זיין, נישט אנגעשטאנען, אז זייער יינגל זאל זיך אהיימברענגען חברים נישט פון זיין גראד — און זיי האבן מיך נישט אזוי גוט אויפגענומען; און איך, ווי איך בין נישט געווען אן אמביציעז יינגל און כסדר נאכגעשמעקט, צי איך בין נישט עמעצן לעסטיק, איז אבער דער חשק צו לייענען א ביכל ביי מיר געווען אזוי שטארק, אז איך האב גארנישט געמאכט מיך פארשטיין, צי איך בין אן אנגעלייגטער גאסט, צי נישט און בין אלץ אהינגעגאנגען, אזוי לאנג געגאנגען, ביז איינמאל האט מען מיך פשוט געהייסן גיין פון שטוב.

— פון אזוי ווייט אזש קומסטו דא אהער? האט מיך מאירלס מוטער, וואס איז שטענדיק געגאנגען יומטובדיק אנגעטאן, אמאל באגעגנט ביים ארייַנקומען — קאנסט דיר נישט זוכן צו גיין נענטער? און מיין מאיר איז דאך אזוי פיל יינגער פון דיר. גיי, גיי, יינגל, ס'איז נישט פאר דיר.

מילא, דאס „ווייט" איז נישט געווען ריכטיק. איך האב געוווינט גארנישט ווייט, קוים אין צווייטן געסל ביים ראג באלד. יינגער פון מיר איז מאירל אויך נישט געווען. מיר זיינען געווען אין איינע יארן, און אין חדר האבן מיר געלערנט פון איין גמרא. נאר דער „גיי, גיי, יינגעלע" איז געווען א צו דייטלעכער אנגעהער, און איך בין מער נישט ארויפגעגאנגען.

איצט איז ווידער געווען שלעכט מיט לייענען א ביכל. דער מאמעס טייטש־חומש האב איך שוין לאנג געהאט אדורכגעלייענט. אינטערעסאנט איז עס שוין פאר מיר אויך נישט געווען. די מעשות פון דארט האב איך שוין געקענט פון חדר און די משלים — שוין וויפל מאל איבערגעקייעט, און אז די מאמע האט מיך געטראפן זיצן איבער איר טייטש־חומש, איז געווען הימל עפן דיך.

— צו דעם שפאר איך מיר אפ דעם ביסן פון מויל און צאל פאר דיר אין חדר, זאלסט זיצן איבער א ווייבעריש חומש — האט די מאמע געהאט צו מיר טענות.

איבער א לשון־קודש ביכל וואלט זי שוין נישט אזוי געארט, אבער איבער א חומש פון עברי־טייטש, ווו זי קען לייענען און יעדע אנדערע ידענע אויך — טא צו וואס לאזט זי זיך אויף מיר קאסטן.

א גאנצן ווינטער האט איך דערמלט נישט געהאט וואס צו לייענען. איך בין שוין געווען א יינגל פון א יאר צוועלף. אין חדר האט מען מיך געשמאפט גמרא, דארט איז געווען איינטאניק און נישט היימלעך. אין

דער היים — נייט און זאָרג און קיין שטיקל מעשה־ביכל ביי וואָס זיך א ביסל אָפּצופרישן, איז נישט געווען.

דערפאַר, אַז דער ווינטער איז אַוועק, די ליבע זון האָט אַ שיין־אויף־געטאָן, און די שטובן האָט זיך אָנגעהויבן אַ רוימען און לופטערן — האָט זיך געעפנט פאַר מיר אַ וועלט... יידישע אותיות טאָר מען נישט סתם אַרויסוואַרפן אויפן מיסט — פון אַלע זייטן האָט מען געטראָגן צעריסענע, צעשיטע ספרים אין בית־מדרש אַריין; דער שמות־קאַסטן האָט זיך גענומען אָנפילן... ביז איבערן ברעג. איך האָב דאָרט געפונען פון אַלע מינים: לשון־קודשע און יידישע, פרומע און נישט פרומע מעשה־ביכלעך. איך בין בסדר פאַרנומען געווען מיט איבערטראָגן די אוצרות פון בית־המדרש צו אונדז אַהיים, דאָרט האָב איך זיי ערשט סאָרטירט און גלייך געלייענט.

די שטוב ביי אונדז איז פול געוואָרן מיט צעשיטע, צעפּאָרענע, האַלבע און גאַנצע ספרים. די ריחות פון די אָנגעזאַפּטע ווילגאַטשן פון פאַרשי־מלדענע שטובן האָב איך צוזאַמענגעבראַכט צו אונדז אַהיים.

די מאַמע האָט פאַראיבל געהאַט:

— נאַריש יינגל, וואָס טוסטו, אַנדערע וואַרפן אַלטע שמות אין בית־המדרש-קעלער און דו ברענגסט זיי גאָר אַהיים.

נישט געווען קיין ברירה. איך האָב מיר די שמות באַהאַלטן אין קע־לער און אויפן בוידעם אונטערן דאַך, אומעטום, וווּ עס האָט זיך נאָר געלאָזט באַהאַלטן, און מיינע מאַגאַזינען זיינען געווען פול: איך בין געווען פאַרזען מיט לייען־מאַטעריאַל ביז העט, העט אויף חדשים אַרום.

אַ יאָר שפּעטער האָב איך מיך שוין געפונען אין אַ גרויסער שטאָט און בין געווען אַן אַרבעטער.

דאָ בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ נייער פרעמדער סביבה. אין פאַבריק האָט מען געמוזט אַרבעטן. עס האָבן זיך געדרייט רעדער, טראַנסמיסיעס האָבן געהודזשעט, פּאַסן האָבן זיך געיאָגט. ס'האָט גערוישט און גע־טומלט. אין פאַבריק האָבן געאַרבעט אויך מיידלעך. דאָס אַלץ איז געווען פאַר מיר ניי און ווילד־פרעמד. די ערשטע צייט בין איך אַרומגעגאַנגען, ווי צעחושט און צו עפּעס אַנדערש, ווי אַרבעטן, האָב איך קיין צייט און קיין קאָפּ נישט געהאַט.

שפּעטער, ווען איך בין שוין מער אַריין אין דער אַרבעט און די פאַבריק איז מיר שוין אויך געוואָרן נענטער און היימישער, האָב איך זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן ווו איך האַלט אין דער וועלט און האָב זיך צוריק גענומען צו די ביכלעך.

כ'בין פון עמעצן געוויר געוואָרן, אַז דאָרט און דאָרט, אין אַ גאַס, אין אַ קעלער, קריגט מען ביכלעך פאַר לייען־געלט.

איך בין דאָרט געוואָרן אַ „סטאָלע” איינגייער. דער אייגנטימער פון דער לייב־ביבליאָטעק איז געווען אַ ייִד אַן איינביינדער, האָט געטראָגן שווארצע ברילן און אַ פּירקאַנטיק פּאַרשוירן בערדל — איך האָב ביי אים געפונען פון כּל־טוב — אַלערליי ראָמאַנען, כאָטש זיך צו באָדן אין זיי ביז איבערן האַלדז, אָבער די צרה איז געווען, וואָס דער דאָזיקער ייִד האָט אַזוי קונציק איינגעטיילט די ביכער, אַז מער ווי אַ צוואַנציק זייטלעך האָבן זיך צוויש, די טאָוולען נישט געפונען. אַן איינמייליקן האָמאַן האָט ער געקאָנט איינביינדן אין כ׳ווייס נישט וויפל ביכלעך און פאַר יעדן גענומען באַזונדער צו צען גראָשן לייען־געלט.

בין איך האָך געווען אַ נאַשער אויף ביכער, איז אויסגעקומען, אַז נאָך איבערן וועג אַהיים האָב איך אַזוי אַריינקוקנדיק און מישנדיק בלעטל נאָך בלעטל דאָס ביכל אַדורכגעלייענט, אויפגענאַשט עס, ווי האָניק פון אַ גלעזל און ווען איך בין נאָך רעכט נישט געווען צוגעקומען צום הויז אַהיים, איז דאָס בוך שוין געווען געענדיקט, און ס׳איז מיר מער נישט געבליבן, ווי צוריקצוגיין נאָך אַ צווייטס און ווייטער אויפצונאַשן איבערן וועג אַהיים. ..

קיין גרויסער איבערקלייבער אויף לייען־שטאָף בין איך דעמלט נישט געווען. יעדעס בוך האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ נייער וועלט און מיך באַקענט מיט נייע מענטשן, און פונדעסטוועגן זיינען מיר נישט אַלע ביכער גלייך געפעלן. אויב ביי שמרן איז מיר געפעלן זיין שילדערן דאָס יידישע לעבן, און די אויסגעטראַכטע ליבעס פון די אַדאָלפס מיט די שאַרלאָטעס מיט זייער הולצערן דייטשמעריש האָט מיך געלאָזט קאַלט און אפילו געלאַנגווייליקט, אַזוי, אַז איך האָב די ליבע־שמועסן איבערגעהיפּערט, ווי די מיט די קליינע אותיות אָנגעפּיקעוועטע שטיקער יוצר פון ימים־נוראימדיקן מחזור, זיינען מיר ווידער געפעלן ביי זשול ווערן די פאַנטאַסטישע געוואָגטע רייזעס מיט זייער וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט. בלויז די אַמעריקאַנער גראַב בייכיקע ראָמאַנען מיט די צענפּאַכיקע מאָרדן און רויבערייען האָבן מיר אָנגעצויגן די נערוון, און ווען איך האָב נאָר געהאַלטן ביים לעצטן בלעטל, האָב איך מיך געפילט אויסגעבלאָזן און אויסגעהוילט, ווי איינער וואָס גייט אַוועק נאָך אַ גאַנצער נאַכט פון קאָרטןטיש.

פונדעסטוועגן — פאַרדייעט האָב איך אַלע מינים ביכער! און פרייטיק נאָכמיטאָג האָב איך נישט אַזוי פיל געטראַכט פון מאָרגנדיקן רוטאָג אָן אַרבעט און אויך נישט פון מאָרגנדיקע מאכלים, וואָס זיינען שבת געווען אַ ביסל בעסער, ווי אַ גאַנצע וואָך, נאָר פון ביכל, וואָס איך וועל מאָרגן לייענען. אין וואָסער נייער וועלט וועט עס מיך אַריינפירן און מיט וואָסערע

נייע אומבאַקאַנטע מענטשן און געשעענישן מיך באַקענען. דאָס האָט מיך אינטערעסירט, געמאַכט מיין האַרץ קלאַפּן, און איך האָב אין געדאַנק אונטערגעזאָגט דעם זייגער ער זאָל זיך גיכער רוקן, ס'זאָל שוין ווערן פאַרנאַכט, מען זאָל שוין פאַרמאַכן די געוועלבער, וואָרים דעמאָלט וועלן מיר אויך אָפּשטעלן די מאַשינען און פאַרלאָזן די פאַבריק. און אַז ס'איז אָנגעקומען דער פרייטיק פאַרנאַכט, דער סטרוזש האָט געקלאַפּט מיט די גרויסע שליסלען, האָבן מיר אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אַרבעטס־בלוזעס, אַוועק אַהיים און דעמאָלט האָב איך מיך גלייך אַ כאַפּ געטאָן צום בוך, ווי אַ שיכור צום פלעשל. ס'איז מיך ניט אָנגעגאַנגען ניט קיין עסן, ניט קיין טרינקען. ס'בוך איז געווען מיין עסן און מיין טרינקען און מיין אַלץ. איך — פון איין עק טיש, און מיין יינגערער ברודער ביים צווייטן — זיינען מיר געזעסן, געשלונגען די שורות און געמישט די בלעטלעך. אַז די מאַמע האָט אונדז געדאַרפט רופן צום עסן, האָט זי אונדז געמוזט וועקן, ווי אין די פראַסטיקע ווינטער־פאַרטאָגן אַרויסצוקריכן פון אויסגעוואַרעמטן בעט.

יאָ, קיין זאַך לאָזט מען ניט באַקומען אינגאַנצן! אין משך פון שבת־נאָכן זיינען אויך אויסגעבראָכן סיכסוכים. דאָס פלעגט געשעען, ווען די אויסגעגעבענע שוועסטער פלעגט קומען נאָכמיטאָג צו אונדז צו גאַסט און עס האָט זי פאַרדראָסן, פאַרוואָס די מאַמע דערלויבט אַזוי מיר מיטן ברודער צו זיצן אַ גאַנצן שבת איבער די נאַרישע מעשה־ביכלעך און ניט עפענען אַ חומש.

— יאָ, מיין ליבע שוועסטער! היינט ביסטו אין סאָוועטן־רוסלאַנד, קעמפסט דאָרט שטאַרק קעגן אַלטן לעבן בכלל און רעליגיע בפרט...
איך האָב דיר שוין לאַנג מוחל געווען, וואָס דו פלעגסט מיך דעמאָלט אין מיין אייניציקן פרייען שבת־טאָג יאָגן פון ליבן ביכל צום אַלטן, שוין טויזנט מאָל איבערגעקייעטן חומש מיט רש"י. דעמאָלט האָט מיך טאַקע אויף דיר שטאַרק פאַרדראָסן, נאָר אַזוי ווי דו האָסט סיי ווי גאָרנישט אויסגעפועלט — האָב איך עס גיך פאַרגעסן.

דעם גאַנצן שבת־טאָג ביז אין דער שפּעטער נאַכט בין איך געזעסן איבער דעם ליבן בוך און בין געגאַנגען שלאָפן, ווי באַטרונקען. פאַרטאָגס בין איך מיט אַ פולן קאָפּ אַוועק אין פאַבריק און דעם גאַנצן טאָג ביי דער מאַשין געווען אומרויק וועגן דעם גורל פון מיינע ליבע העלדן, עס זאָל דערוויייל מיט זיי ניט חלילה עפּעס געשעען.

אַזוי זיינען אַוועק טעג, חדשים, אַ לאַנגע צייט. די וואָכן־טעג האָב איך פאַרבראַכט אין פאַבריק, ביי דער מאַשין, און די רו־טעג ביי די מעשה־ביכלעך, ביז... ביז מען האָט אין אָנהייב זומער אויפגעהערט

אַרויסצוגעבן פון קאַנטאַר שטאָף און גאַרן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּצושטעלן די מאַשינען. אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט איז אַ מאַשין שטיין געבליבן... אייניציקווייז האָבן זיי זיך אויסגעלאָשן, ווי ליכט... ביז זיי זיינען אַלע שטיין געבליבן. די פאַבריק איז ליידיק געוואָרן פון מענטשן. דער סטרוזש האָט זי פאַרמאַכט, אָנגעהאָנגען אַ שלאָס אויף דער טי־ און מיר, די אַרבעטער, זיינען זיך צעגאַנגען אַהיים אין אַ פּראָסטן מיטוואָך און זיך מאָרגן אַהין צוריק צו קערן.

אויב ביז איצט האָב איך די פאַבריק געקענט אַלס אַזעלכע, וואָס שלינגט מיך איין יעדן פאַרטאָג גלייך פון געלעגער אַראָפּ און לאָזט מיך אַרויס שפּעט אין דער נאַכט אַ מידן, אַ צעבראָכענעם אָן אַ פּיצל חיות אין זיך, און דערפאַר באַקום איך אין קאַנטאָר יעדן מאָנטיק אַ מאָגערן לוין אויף צו דערהאַלטן האָס לעבן, כדי צו קענען ווייטער זיצן ביי דער מאַשין, האָב איך אַצינד מיט איין מאָל דערזען די צווייטע, נאָך ערגערע זייט פון דער מטבע פון פאַבריק־לעבן, אָט יענע זייט, ווען דער אַרבעטער, וואָס דרייט זיך אַרום פוסט און פּאַסט, איז מקנא אַפילו אַ הונט, גלייבנדיק, אַז אָט דער הונט האָט שוין היינט מן הסתם יאָ געגעסן: דער זאַטער באַלעבאָס זיינער לאָזט אים נעווים נישט הונגערן.

איך בין דעמאָלט געווען אַ יינגל פון קוים זיבעצן יאָר אַלט, אָבער דאָס האַרטע לעבן האָב איך אין די אַרבעטסלאָזע חדשים דערקענט פון דער אַכזריותדיקסטער זייט.

ביכער האָב איך ווייטער געלייענט, איצט האָב איך שוין דווקא געקאָנט לייענען צו דער זאַט: דער ביבליאָטעקאַר האָט מיר געגעבן צו לייענען אויף קרעדיט, געגלייבט, אַז איך וועל אים אַמאָל פאַרט באַצאָלן... יאָ, צייט צום לייענען האָב איך איצט געהאַט אַ סך, אָבער — דעם אמתן טעם פון אַמאָל האָב איך איצט אין לייענען מער נישט געפילט.

איך האָב געלייענט, געלייענט איין בוך, געלייענט אַ צווייטס, אַ דריטס, אָבער — דאָס, וואָס מיך האָט געבריט אין האַרץ, דאָס לעבן פון אַ מיינס גלייכן און בכלל דעם גאַנצן קנויל מחשבות, וואָס דאָס אַרומדרייען זיך אַרבעטסלאָז און הונגעריק אין די שיינע זומער־חדשים, ווען פון אַלע פענצטער און קוישן קוקט צו דיר אַלדאָס־גוטס — האָט אין מיר אַרויסגערופן און געזוכט באַשייד — אָט דאָס האָב איך אין מיינע ביכער נישט געפונען.

ביי אונדז אין דער היים איז די נויט אַזוי גרויס געווען, אַז וואָכנאַנצע האָט מען אונטער דער פּליטע נישט געהייצט, אָבער מיין נאָענטער קרוב, דער פאַבריקאַנט, וואָס ביי אים אין פאַבריק האָב איך געאַרבעט,

און די פאבריק איז אים געשטאַנען, — ער האָט דאָס ווייב און די קינ־דער קיין אויסלאַנד אין אַ קוראָרט סיי ווי אַוועקגעשיקט.

— זעסט — האָט מיין ברידערל אַ זאָג געטאָן נאָך אַ ווײַלע טראַכטן, און די אויגן האָבן אים אויפגעבליצט, ווי פון אַן אַנטדעקונג — אַז מיר גייען ליידיק, האָבן מיר שוין נישט צו עסן און ביי אים (ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון אונדזער קרוב, דעם פאַבריקאַנט) שטייען ליי־דיק אַלע מאַשינען, און פונדעסטוועגן האָט ער אויף אַלעם...

די מאַמע האָט אַ זיפץ געטאָן און גאָרנישט געזאָגט.

איך האָב מיך דערמאָנט, ווי דער דאָזיקער קרוב און פאַבריקאַנט האָט מיך אַמאָל ביים באַגעגענען אין גאַס מיט אַזאַ ביטערער נישט ניהאָדיקייט אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— וואָס קומסטו מיר נאָך אונטער די אויגן — כאָטש מיר זיינען אים נישט געלעגן אפילו אין דער לינקער פּיענטע.

זיץ איך איינמאָל אַזוי אין דער היים מיט מיין ברודער און מיר לייענען זיך צוזאַמען אַ בוך, לייענען פאַר איינער פאַרן צווייטן. קומט אַריין מיין געשוועסטערקינד מענדל. ער זאָגט: „גוט מאָרגן". די מאַמע ענטפערט אים. מיר זיינען פאַרטאָן אין לייענען און זען גאָרנישט, נאָך אונדזער זאַך. מענדל קוקט אַ ווײַלע, ווי איך קייע אַזוי להוט דאָס גראָב־בייניקע בוך און טוט מיך אַ פרעג:

— וואָס לייענסטו דאָס דאָ?

— איך — פון הדרך־ארץ צו אים — ווייל ער רעכנט זיך פון די בעסטע אַרבעטער אין שטאָט און ווייל מ'שושקעט זיך קעגן אים, אַז ער גייט קעגן קייזער, — ווייז איך אים דאָס בוך.

— „דער געבילדעטער מערדער" — לייענט ער מיט אַ שמייכל, גיט מיר צוריק דאָס בוך און זאָגט:

— וואָס האָסטו פון אַזאַ בוך?

— ס'איז אַ שיינע מעשה — רופט זיך אָן מיין ברודער און טוט מיר אַ צופּ ביים אַרבל, איך זאָל נישט באַלעמוטשן, נאָר ווייטער לייענען.

איך האָב מיך פאַרשעמט פאַר מענדלען און געענטפערט שטאַמ־לענדיק:

— אַז איך האָב אָבער נישט קיין אַנדערע ביכער, און דאָס קריג איך אויף קרעדיט.

— דערפאַר נאָר לייענסטו עס די ביכער?

ער האָט אַ לאַך געטאָן, און שפּעטער דערהאַפּנדיק מיך אַ ווײַלע אַליין, האָט ער מיר שטיל געזאָגט:

— נו, איך וועל דיר ברענגען אויף קרעדיט אַנדערע ביכער, ווילסטו?

דאָס וואָרט „ס׳־עדיט" האָט ער שטאַרק אַקצענטירט. איך האָב געזאָגט:

יאָ, אוודאי וויל איך לייענען, אָבער זיכער ביי מיר בין איך נישט, צי זיינע ביכער וועלן טאַקע גוט זיין.

צומאָרגנס פאַרנאַכט האָט מענדל געבראַנגט און מיר שטיל אָפּגע־שטעקט אַ בוך. דאָס איז געווען אַ קליין ביכל מיט דינע בלעטעלעך, ווי פון פּליס־פּאַפּיר, און קליינע אותיות, זייער געדיכט אָנגעפּיקעוועט. פאַר־טאָג האָב איך מיך אַרויסגעגנבעט פון בעט, ווו איך בין געשלאָפן מיט מיין ברודער. איך בין אַרויס אויפן הויף, מיר אָפּגעזוכט אַ ווינקל און זיך געזעצט לייענען.

אין אָנהויב האָט מיך דאָס ביכל נישט גענומען. עס האָט זיך דאָרט גערעדט פון גאָר אַנדערע ענינים, ווי אין „געבילדעטן מעהרער", אָדער אין שמרס ראָמאַנען. אויך דאָס לשון דאָרט איז מיר געווען פרעמד און אומפאַרשטענדלעך, אָבער דער ענין, וואָס דאָס ביכל האָט באַהאַנדלט, איז מיר געווען נאָענט. ס׳האָט געהאַט אַ שייכות צו מיין לעבן מיט אַ פּאָר חדשים צוריק אין פאַבריק און מיט דער איצטיקער אַרבעטסלאָזיקייט. און דערפאַר ווי שווער עס איז מיר נישט געווען, האָב איך דאָס ביכל אַדורכגעלייענט איינמאָל און נאָכאַמאָל, ביז איך האָב עס גוט באַנומען. איך האָב עס מענדלען דערנאָך צוריקגעגעבן, געקריגן אַ צווייטס און... נאָר דאָ דאַרף איך שוין אָנהויבן אַ צווייט קאַפּיטל זכרונות.

פון בוך „די פּרינצעסין"

בײַ אַ רײַכן קרוב

צו דער פֿאַבריק, װוּ איך האָב געאַרבעט, איז מײַן פֿעטער איסר־לײב געװען אײנער פֿון די צװײ שותּפֿים און טאַקע דער הױפּט־שותּף. דאָס האָט פֿאַר מיר עפּעס באַטײַט; איך, דאָס פֿערצניעריקע ייִנגל, האָב אין דער שטיל שטאָלצירט דערמיט.

כאָטש איך בין געװען אין דער פֿאַבריק פֿון די קלענסטע שרײַפֿעלעך און האָב סך־הכּל פֿאַרדינט פֿערציק גראָשן אַ װאָך, האָט מיך אָבער געפֿרײט דאָס װיסן, אַז דער גאַנצער געברױז און געיעג פֿון די מאַשינען, גרױסע און שװערע, פֿון טיף אונטן — אין קעלער, ביז הױך אַרױף — אױף דעם ערשטן און צװײטן שטאָק, אַט דאָס אַלץ גײט פֿאַר מײַן פֿעטער. אַז איך פֿראַצעװע פֿון פֿריען באַגינען ביזן שפּעטן בײַנאַכט — טו איך עס נישט פֿאַר קײן פֿרעמדן, נאָר פֿאַר אַן אײגענעם... און אַלע אַרום מיר און אין גאַנצן הױז, אַלע טוען עס אױך פֿאַר דעם זעלבן...

און זײ דאַרפֿן עס װיסן און פֿאַר מיר האָבן דרך־ארץ...

געװוּסט האָט מען עס טאַקע, אין דער גאַנצער פֿאַבריק האָט מען געװוּסט, אַז איך געהער מיך אָן מיטן פֿאַבריקאַנט. גערעדט האָט מען אױך, נאָר צו מיר איז דערפֿון צוגעקומען כּבֿוד, — דאַכט זיך, אַז נישט...

אַזױ אָבער איז די נאָענטקײט פֿון מײַן מאַמע, דער אַלמנהס שטוב מיט דעם פֿעטער, דעם פֿאַבריקאַנטס הױז, געװען זײער אַ לױזע און װײַטע. מען פֿלעגט פֿון רײַכן פֿעטער יעדעס האַלבע יאָר, נאָכן צײַט־װעקסל, אַרױפֿשיקן צו אונדז די אַלטע מלבושים, װאָס די קינדער און עלטערע האָבן אױסגעטאָן, אָפּגעטראָגענע און עס האָט מער נישט געלױנט זײ איבערצולאָזן אױף איבעראַיאָר... אַזױ אַרום פֿלעגט אױסקומען, אַז

אין זומער האָב איך געהאַט אָנצוטאָן שווערע ווינטערדיקע זאַכן, און פאַרקערט ווידער, ווינטער — לייכטע, זומערדיקע!

אין פאַבריק האָט דאָס אויף מיין חשבון אַרויסגערופן אַ סך היי־טערקייט און איך פלעג ביי אַזאַ שמועס נישט וויסן ווי די אויגן אַהינ־צוטאָן.

איינמאָל אין אַ וואַרימען טאָג בין איך געקומען אין פאַבריק אַריין אָנגעטאָן אויף מיינע צעפליקטע שיך מיט „אָפענע מיילער" אַ פּאָר גלאַנ־ציקע, טיפע פעטערבורגער קאַלאָשן. אָנגעטאָן האָב איך זיי, ווייל אין דער גישט געברוקירטער אונטער־שטאָט־גאַס איז מיר אַריינגערינען בלאָ־טע אין די שיך און די קאַלאָשן האָבן דאָס פאַרהיטן. דער טאָג אָבער איז געווען אַ העל זוניקער, וואַרעמער פאַר־פסח־טאָג, און אַזוי ווי איך בין נאָר אַריינגעקומען אין פאַבריק מיט די גלאַנציקע, טיפע, צו גרויסע, קאַלאָשן, וואָס האָבן שטאַרק אַראָפּגעשריגן פון מיינע פיס און נאָכמער צוליב דעם איבעריקן „הולך" מיינעם — ווי איך האָב נאָר די טיר געעפנט, איז געוואָרן אַ געשריי:

— שאַ, שאַ! דער הער „פאַבריקאַנט" איז דאָ!

און נאָר איינער ווי אויף באַשטעלונג, האָט זיך כלומרשט פאַר מיר אָנגענומען, איבערשרייענדיק אַלע:

— לאָזט אים געמאַך, ס'איז נישט פון ווילטאָג, חלילה!

און אָט דאָס געשריי יענעמס האָט מיך מער געאַרט, ווי דאָס אַפלאַכן.

איינמאָל אין אַן ערב־יום־טוב־נאָכמיטאָג, איז מיין קליין שוועסטערל געקומען צו לויפן אין דער פאַבריק אַריין און מיר עפּעס אַריינגערוימט אין אויער; עס האָט זיך געהאַנדלט דערין, אַז פון פעטערס שטוב האָט מען צו אונדז אַראָפּגעשיקט פיש, און ווייל דאָס אַרטיקל איז געווען ביי אונדז אַ זעלטנהייט און מיין שוועסטערל האָט געוווסט, אַז דאָס וועט מיך פרייען און ס'איז פאַר איר אַליין אויך געווען אַן איבעראַשונג, איז זי אַזש געקומען צו לויפן און מיר דערציילט:

— פיש האָט מען אונדז געשיקט פון פעטער איסר־לייב.

און כאָטש געזאָגט האָט זי מיר דאָס גאַנץ שטיל אויפן אויער, האָט אָבער, מסתמא, מיין שוועסטערלס האַסטיקע אַריינקומען און איר צע־רויטלט פנים אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט און איינער ביי אַ מאַשין האָט צו וויסן געטאָן איבער׳ן גאַנצן מאַשינען־זאַל מיט אַ הויך קול, אַזוי ווי מען רופט אויס אויף אַ ליציטאַציע:

— דער פעטער פאַרבעט זיי אויף מאָרגן צו „מייערן" אין צוקערגיע (די גרויסאַרטיקסטע אין שטאָט) אויף אַ פאַרטיע בילאַרד, דערנאָך אויף

א שפּאַציר הינטער דער שטאָט מיט אַן אויטאָ און שפּעטער מיט אהיימ־צונעמען צו זיך אויף אויסצולעקן די טעלער פון מיטאָג...

דער אויסרופער פון דעם איז געווען פּנחסל. זיין פאָטער איז געווען דער אין שטאָט באַקאַנטער בדחן און דער זון האָט זיך געקענט וויצלען.

אַ יונג מיט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר, און מיידלעך זיינען נאָך אים די כפרה געגאַנגען... ער פלעגט זיך אויך פאַרנעמען מיט אויסקלערן לידער צו זינגען. ווי עפּעס אַ וויכטיקע געשעעניש אין שטאָט, האָט פּנחס דערויף צוגעטראַכט אַ ליד. אַלע האָבן זיי זיך אָנגעהויבן מיט איין און די זעלבע ווערטער:

הערטס, מענטשן, דאָס נייעס,
וואָס האָט זיך אין קאַליש פאַרלאָפן..."

אַזוי איז אויסגעקומען, אַז אַלע לידער, וואָס פּנחס האָט פאַרפאַסט, זיינען צום ערשט געזונגען געוואָרן אין אונדזער פאַבריק, ווייל דאָ האָט דער פאַרפאַסער געאַרבעט. יעדער שטיקער־אַרבעטער, אויב ער האָט נאָר געקענט ווי עס איז שרייבן, האָט עס זיך אָפּגעשריבן און עס געהאַט אָנ־געשטאַכן אויפן ברעט נעבן מוסטער און עס אַזוי געזונגען, ביז ער האָט עס זיך אויסגעלערנט פון אויסנווייניק.

מיר פלעגן דערמיט שטאָלצירן און זיך איבערנעמען און מ'האָט אונדז אין אַנדערע פאַבריקן מקנא געווען... לעצטנס אָבער האָט מען גערעדט, אַז פּנחסל האַלט איצט אין אויסטראַכטן אַ ליד וועגן מיינע מתנות פון פעטער, דעם פאַבריקאַנט. איך האָב דערפאַר געציטערט, און אַז ער האָט געבערענגט אַ נײַ ליד, האָט מיך אַן אַנגסט־שוויס באַשלאָגן, איידער איך האָב דערהערט די ווערטער.

איך ווייס נישט ווי אַזוי די מאַמע האָט פאַרטראָגן איר אַנגעהע־מיטן רייכן ברודער, אַרויסגעוויזן האָט זי עס קיינמאָל נישט. אַז מ'פלעגט עפּעס פון דאָרטן ברענגען, האָט זי שיין געדאַנקט און זיך געדרויטלט, דערנאָך פלעגט זי נעמען דאָס פּעקל סאָרטירן מיט אַן ערנסט און ריידן צו זיך:

— דאָס וועט גיין פאַרן עלטערן, — דאָס פאַרן יינגערן, דאָס ווי־דער — פאַרן קינד (אַזוי פלעגט די מאַמע רופן אונדזער שוועסטערל) און דאָס וועט זיין פאַר מיר איבערצומאַכן אַ ביסל.

נאכן איבערסארטירן פלעגט זי געשווינד אוועקלייגן די זאכן און הויך זאגן, מיר זאלן הערן:

— מיט אנטאן זענט איר דערווייל א ביסל פארזארגט, איצט זאל גאט ווייטער העלפן...

— און שוין — מער פלעגט מען דערפון נישט רעדן און בכלל וויניק „זיי" דערמאנט.

אז דאס שוועסטערל איז אמאל אהיימגעקומען און דערציילט, אז זי האט געטראפן אין דער גאס עמעצן פון „זיי", פלעגט די מאמע אויספרעגן, וו זי האט געזען, ווי יענער אדער יענע איז געווען אנגעטאן, צי יענע האט געזען דאס שוועסטערל, גערעדט אדער אפגעשטעלט... אזוי אבער ווי דאס האט קיינמאל נישט געטראפן, און דאס שוועסטערל האט נאר געהאט צו דערציילן.

— ניין, פארבייגעגאנגען און — גארנישט —

האט די מאמע עס פון אונטער דער האנט אוועקגעמאכט:

— מסתמא דיך נישט באמערקט; דו ביסט, מיין קינד, נאך אזא פיצעלע, קוים מ'זעט דיך אן. — און שטיל, גאר שטיל א זיפצל געטאן און גענומען רעדן פון עפעס אנדערש.

מאכט זיך אמאל אין אן ערשטן טאג יום־טוב, ווען מיר האבן נאך געהאט פאר זיך גאנצע אכט טעג יום־טוב און חול־המועד נישט צו ארבעטן — קומט צו אונדז ארויף אין שטוב מיט א יום־טוב־וויזיט דער פעטער איסר־לייב, דער פאבריקאנט.

דעם פעטערס וויזיט ביי אונדז אין שטוב איז אין אונדזער לעבן געווען אן אומגעווייטלעך געשעעניש. די מאמע האט עס כלומרשט רויק אויפגענומען, נאר ווען זי האט א שטול דערלאנגט און מיט א האנטוך גענומען אפווישן פון דער שטול דעם שטויב, דער גאסט זאל זיך נישט איינריכטן די מלבושים, — כאטש עס איז ערשט נעכטן גרינטלעך אויפגערוימט געווארן ביי אונדז אין שטוב, — האבן איר דערביי די הענט ווי געפלאטערט א ביסל און דאס פנים האט דאן אויסגעדריקט איבעראשונג, און זי האט א ווייל, די ערשטע ווייל געשוויגן ווי די וואנט, נישט געוווסט ווי אזוי אנצוהייבן צו רעדן.

— וואס הערט זיך ביי דיר, רבקה? — האט דער פעטער דער ערשטער אנגעהויבן.

דעמלט האט ערשט די מאמע צוריקבאקומען א ביסל דאס לשון:

— זעץ זיך דא... וועסטו זיך נישט איינשמירן און ס'איז יוארעם — האט זי געשמאלט.

דער פעטער איז א ביסל געזעסן, מיט זיינע נייע, גוטע מלבושים, קלאָר־שוואַרצער באָרד און אַלעם איבעריקן, האָט ער עפּעס ווי פאַרנומען די גאַנצע שטוב; אַלץ איז מיט זיין דאָ זיין פול געווען — דער שפּיגל אויף דער וואַנט האָט אין זיין אַנוועזנהייט אויסגעזען נאָך אָרעמער און נאָך מיט מער פלעקן, ווי ער האָט מאַקע געהאַט; די גאַנצע שטוב האָט איצט נעבעכדיקער און שפּלדיקער אויסגעזען...

די מאַמע איז געזעסן קעגנאיבער דעם פעטער מיט פאַרלייגטע הענט אויפן האַרץ, געקוקט אים אין פּנים אַריין און געשוויגן, ווי זי וואָלט זיך געשפּיגלט אין אים און ווי זי וואָלט געוואָלט די איצטיקע מינוט טיף אין זיך איינקריצן, כּדי זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן. דאָס פינף־יעריקע שוועסטרל אונדזערס איז געשטאַנען נעבן דער מאַמעס קני און מיט אָפענע אויגן און מיילעכל זיך איינגעקוקט אין פאַרנעמען פעטער, ווי אין עפּעס א גרויס חידוש. און איך און מיין עטוואָס יינגערער ברודער זיינען געזעסן א ביסל פונדערווייטנס, אָנגעטאָן אין די מתנה־מלבושים, גע־קוקט אויף אַלע דאָרט ביים טיש; מיר האָבן כּלומרשט מיט גרינגשעצונג זיך איבערגעוואונקען אויף דעם „גראָבן בויך" דאָרט, אָבער אין דער אמתן איז דעם פעטערס דאָ זיצן געווען ביי מיר און מסתּמא אויך ביי מיין ברודער, גאַרנישט פון די קליינע געשעענישן, און ווייל אָט דאָס גאַנצע איז אויך געווען פאַר אונז אַן איבעראַשונג און מיר האָבן זיך גע־פילט נישט באַקוועם צוליב „אונדזערע" מלבושים, וועלכע ער קאָן דער־קענען — האָב איך א וווּנק געטאָן צו מיין ברודער, ער צו מיר צוריק, מיר האָבן זיך אויפגעשמעלט פון די זיץ־ערטער, עפּעס א מורמל געטאָן אונטער דער נאָז, ווי א געזעגענונג, אַרויס פון שטוב און ערשט אונטן האָבן מיר פרייער אָפּגעאָטעמט... זיך געלאָזט גיין א ביסל אויפן שפּאַ־ציר, דורכוואָרפנדיק זיך פון ווייל צו ווייל מיט א וואָרט וועגן דעם, וואָס זיצט איצט אויבן...

אַז מיר זיינען דערנאָך צוריק אַהיים געקומען, האָבן מיר לאַנג געוואַרט ביי דער פאַרשלאָסענער טיר; שפּעטער ערשט איז די מאַמע מיטן שוועסטערל געקומען. זי איז געווען צוגאַסט דאָרט, ביים פעטער; דער פעטער האָט זי אַהין מיטגעשלעפּט; דורכאויס זי מוז מיטגיין און מאַקע שוין מיט אים צוזאַמען.

די מאַמע האָט אונדז דערציילט, אַז דער פעטער מיטן וויב פאָרן דעם ערשטן טאָג חול־המועד אַוועק מיט דער עלטסטער טאָכטער ערגעץ אין א ווייטער שטאָט תּנאים שרייבן. זיי וועלן זיך דאָרט זוימען א דריי טעג, כּמעט גאַנץ חול־המועד, בעטן זיי, אַז די מאַמע צוזאַמען מיט די

קינדער זאָלן זיך אהין איבערקלייבן אויף די עטלעכע טעג; דאָרט וועלן זיי עסן און שלאָפן.

— און א שיינע כלה הרייט זיך דאָרט ארום — אנטציקט זיך די מאמע און דערהייבט די אויגן צום הימל — אָן איר שאָדן דעם קינד אמאָל — לייגט די מאַמע ארויף דעם שוועסטערל די האַנט אויפן קאָפּ און די טריבע אויגן ווערן איר פול.

— יאָ, תנאים שרייבן — צעפלאַפּלט זיך דאָס שוועסטערל אונ־דזערס — דער חתן איז א רב.

— וואָס א קינד פּלוידערט — פאַרבעסערט די מאַמע — נישט דער חתן, נאָר דער מחותן איז א רב.

— א רב נאָר — מאַכט דער ברודער. לויט זיין מיינע פאַרשטיי איך, אז ער וואָלט אוודאי בעסער געוואָלט, דעם פעטערס מחותן זאָל זיין א פאַבריקאַנט פון הי, וואָלטן מיר געהאַט נאָך א יחסן אין דער משפּחה.

— לויט ווי מען שמועסט — קאָן זיך די מאַמע נישט זאָט אַנדער־ציילן — א גרויסער רב און דער חתן וועט עס אויך זיין. ער קען עס שוין איינגאַנצן...

— וואָס, ער קען שוין איינגאַנצן? — האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען, נאָר מסתמא, אז די מאַמע זאָגט, ווייסט זי.

— און מאָרגן פאַקט מען זיך שוין אהין אריבער — דערמאַנט די מאַמע נאָכאַמאָל — און דאָ וועט מען גוט צושליסן און בעטן די שכנטע און דעם סטרוזש, להבדיל, א קוק צו טאָן.

צומאָרגנס אין דער פרי שוין, צום אָנבייסן, האָבן מיר געוווינט ביים פעטער, אין די געמאַלטע, מיט רייכקייט שמעקעדיקע שטובן און געהאַט ארום זיך דינסטן, וואָס האָבן אונדז באַדינט...

מאָרגנע טעג זיינען עס געווען דעמלט, ווי אין א חלום. מיר האָבן מאַקע ווייטער געטראָגן די אָפּגעטראָגענע, נישט אויף אונדז געפּאַסטע בגדים און נישט גוטע שיך, אָבער — געזעסן ארום א גרויסן שווערן טיש, פיין סערווירט, געוווינט אין אויסגעטאַפּעטירטע שטובן, מיט פראַטערירטע פּאָדלאָגעס, געגעסן קוכן און צוגעטרונקען קאַקאַאָ. דינסטן האָבן אונדז באַדינט און נאָכן עסן זיינען מיר געגאַנגען שפּאַצירן מיטן פעטערס קינדער אין גרויסן אויבסט־גאָרטן, וואָס געפינט זיך ארום דער וווינונג, און אַז מיר האָבן זיך פאַרמאַטערט שפּאַצירנדיק — זיך אָפּגערוט אין דער אַל־טאַנקע.

כ׳בין נאָך זאַט און שוין רופט מען אויף א צווייט פרישטיק, און ווידער סערווירט מען א טיש מיט נאָר אַנדערע מאכלים ווי פריער... שפּעטער א ביסל, איך טראַכט נאָך גאָרנישט דערפון — און שוין רופט

מען ווידער — איצט אויף מיטאָג, דערנאָך ווידער — ווידער עסן און אין אָוונט ערשט נאָכט־עסן און גוטע מאכלים, וואָס איך בין גאָרנישט געווינט זיי צו זען אפילו; גאָרנישט געוווּסט, אַז אַזעלכע זיינען פאַראַן.

די מאַמע פלעגט אונדז אין אַ ווינקל אָפּשטעקן אַ סוד:

— קינדער, פאָרזיכטיק, איר וועט זיך נאָך, חלילה, דעם מאָגן קאַליע מאַכן.

מיר איז דער מאַמעס שפּרוך אויסגעקומען גאָר מאָדנע; נישט געוווּסט, צי זי מיינט עס ערנסט.

און טאַקע, פאַרוואָס עפּעס גראָד אונדז? און אַז דאָ עסט מען אַזוי אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר?... פּונקט אונדז זאָל עס פאַרשאַטן?... פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן נישט געקוקט דערויף, ווי די מאַמע וואָלט גאָר נישט געזאָגט.

— און איצט וועט מען גיין אַ ביסל שפּאַצירן אין די גאַסן — לייגט פאָר מיין שוועסטערקינד יוזשעק, וואָס איז אין די זעלבע יאָרן מיט מיר און וואָס ביז איצט האָב איך אים גאָרנישט געקענט.

און מיר גייען טאַקע שפּאַצירן; מיר גייען אין די זעלבע גאַסן, וווּ איך פלעג דורכלויפן יעדן איינדערפרי מיט אַ בהלה, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן אין דער פאַבריק אַריין. מיר קוקן אַריין אין די זעלבע שויפענצטער, ווו איך פלעג קוקן, בעת איך בין געגאַנגען אויף מיטאָג. איצט קוק איך גאָר אַנדערש אַריין און זע זיי גאָר אַנדערש...

מיר גייען נישט געאיילט, און אַז מיר נעמען זיך שוין יאָ איילן, איז עס פון פאַרגעניגן, ווייל דער „האָבער שטעכט אונדז", ווי די מאַמע זאָגט אַמאָל; און צוריק אַהיים גיי איך נישט, דאָרט אויף אונדזער בוידעמשטיבל, אויפן הויף נעבן יידישן שפּיטאָל, ווו מיר וווינען, וואָס ווינטער איז דאָרט קאַלט, כאָטש וועלף צו טרייבן, — אַזש אין בעט איז פייכט דאָס קישן פון ווילגאָטש... מיר גייען איצט אין פעטערס רייכן הויז, אין די פיינע שטובן. מיר עסן עפּעס אַ לייכט עסן, וואָס די דינסט ברענגט. מיר שמועסן ביים טיש און גייען שלאָפן אין קינדער־צימער. די מאַמע — מעשה באַלעבאָסטע — גייט אַרום באַפעלן צו דער קיך אויף מאָרגן. מיר שלאָפן יעדער באַזונדער אין בעט, אויף ווייכע מאַטראַצן, פּונקט ווי געצערטלטע קינדער. מיר געדענקען גאָרנישט, ווילן גאָרנישט טראַכטן, ווי אייערנעכטן איז געווען און וואָס שפּעטער וועט זיין...

צוזאַמענגענומען נאָכן עסן האָט אונדז די מאַמע געהייסן ברענגען צווייגן און גרינס אויף צו באַצירן דעם אַריינגאַנג לכבוד די צוריקגעקומענע מחותנים און לכבוד דער כלה, האָבן מיר זיך דערין אַנגעכאַפּט. מיר

האָבן געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג; צוזאַמענגעשלעפּט פון גאָרטן ווי נאָר עפּעס אַ שטיקל גרינס, אַ בלום; אָנגעפּעסטיקט די צווייגן און זיך דערביי פריילעך געוויצלט, געשלעפּט און — געלאַכט — פריילעך דערויף געהאָ-רעוועט...

דעם פעטערס קינדער בלאַסע און בטבע נישט דירעוודיקע, זיינען אָנגעשטעקט געוואָרן פון אונדזער מעביען און לאַכן; די מאַמע אויגן זיי-נען זיי ווי עפּעס לעבעדיקער געוואָרן.

— קומט שטענדיק צו אונדז — האָבן זיי נאָכאַנאַנד גערעדט — ווען וועסט קומען? — האָבן זיי דאָ מיך, דאָ מיין ברודער, געבעטן. — ס'איז אַזוי גוט מיט אַנק דאָ!...

פאַרנאַכט. מיר זיצן און עסן ביים טיש מיט די פיל סערוועטלעך — טוט זיך אָן עפּן אַ ווייטע טיר, אַ נעענטערע און נאָך אַ נעענטערע, ביז די טיר צו אונדז אַריין און ס'טועט זיך אַ באַווייז די צוריקגעקומענע מיט דער כלה.

איך האָב די ערשטע ווײַלע נישט געוווּסט, ווער דאָס איז, גע-מיינט, אַז דאָס זיינען עפּעס פרעמדע מענטשן. דעם פעטער האָב איך צום ערשט דערקענט. די מומע, אַ רויטע, דיקע, אויסגעפּוצטע, די כלה, אַ פולע, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז, עפּעס ווי ברוגז און פאַרשעמט...

דער פעטער האָט ווי פון יוצא וועגן אַ זאָג געטאָן:

— גוטן אָוונט...

די רויטע, פולע אויסגעפּוצטע יידענע איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע אין דער אָפענער טיר, אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט אַהער פאַרבלאָנדזשעט אויף איר באַלעבאַטישקייט און דאָ אָנגעטראָפן אַ היישעריק, געבליבן לסוף שטיין מיט די אויגן אויף אונדז, אויף אונדזערע מיילער איבער די טאַסן קאַקאַאָ:

— כ'דערקען נישט מיין שטוב, איך דערקען גאָרנישט — אַרומגע-קוקט זיך און יעדע ווײַלע פאַרבלאָנדזשעט מיט די אויגן ווידער צו אונדז.

אָפּגעזאָגט דאָס, איז זי גיך אַריין אין אַ ווייטערדיק צימער, נאָך איר, די כלה. זיי האָבן זיך פון דאָרט מער נישט אַרויסגעוויזן; דער פעטער האָט געשפּאַנט אַרויף און אַראָפּ איבער דער עס-שטוב מיט האַרטע טריט, שווייגנדיק און אומגעדולדיק, ווי אייגער וואַרט אויף אַ וואָקזאַל, דער טרעגער זאָל שוין קומען און דאָס געפּעק צונעמען.

—קומט ענק כאָטש אַ מזל-טוב? — האָט זיך די מאַמע געווענדט צום פעטער מיט נישט נאַטירלעכער פאַראינטערעסירונג, ווי דערמיט אַ ביסל ווייכער מאַכן די לופט.

א לענגערע ווײַלע קומט נישט קײן שום ענטפער, נאָר לסוף זאָגט דער געפרעגטער:

— ס'וועט נאָך קומען, אָבער דערווײַל נאָך נישט; דער רב דאַרף איז עפּעס נישט געזונט.

שפּעטער האָט זיך די מאַמע מיט אונדז געשלעפּט אַהיים. די מאַמע מיטן שוועסטערל בײַ דער האַנט פֿאָרויס און איך מיטן ברודער — א טריט הינטער זײ.

אין די גאַסן האָט מען שוין אָנגעצונדן די גאַז־לאָמפּן; א הויכער פֿויער מיט א שטעקן, וואָס האָט אויבן אין שפּיץ געברענט ווי א ליכט, איז געלאָפֿן פֿון אײן לאָמטער צו דער צווייטער און אָנגעצונדן. א בײַז הארבסט־ווינטל האָט שאַרף אַדורכגעווייעט די גאַס און צעיאָגט די אָנגעוואָרפֿענע פּאַפּירן, אַלע האָבן מיר געשוויגן; מיר, די קינדער, האָבן זיך געפֿילט ווי ארויסגעטריבענע פֿון גן־עדן... נאָר דערנאָך אַז מיר זײַנען אַרײַנגעקומען אין דער שפּיטאָל־גאַס, וווּ אונדזער וווינונג געפֿינט זיך, האָט די מאַמע זיך אָנגערופֿן, מיט א געפּרעסטן קול:

— נעמט אײַך אין זינען אַרײַן, קינדער: ס'איז בעסער א קאַרטאָפֿל מיט זאַלץ בײַ זיך, ווי פֿלאָדן מיט קאַקאַאָ בײַ יענעם, מעג עס אַפֿילו זײַן בײַ אַן אײגענעם ברודער! —

און לסוף שטיל ווי צו זיך:

— אַז זיי האָבן דאַרט נישט געקאָנט פֿאַרטיק ווערן און זיך צעגאַנגען, בין איך און מײַנע קינדער שולדיק!

מײַן מאַמע האָט דערבײַ א זיפֿץ געטאָן און אַזוי ווי אויסגעשפּיגן:

— אָט דאָס זײַנען די נגידים...

פֿון בוך „די פּרינצעסין"

אין גערויש פון מאשינען

(קאפיטלען)

קורצנס איז מען אין קאנטאָר צוגעטרעטן קלענערן די פּרייזן פון „שטיק”, און ווער עס וויל נישט דערויף איינגיין, קינדיקט מען אויף פערצן טעג.

ס'איז דעמאָלט געווען א גרויסע בהלה, נישט נאָר דאָ אליין, נאָר אין אלע פאבריקן, ווייל מ'האָט געוווסט, שוין גאָר גוט געוווסט, אז רייסן פּרייזן איז אַן אָנשטעקנדיקע קרענק...

נאָר איין איינציקער אין דער גאַנצער פאבריק האָט געעצהט זיך נישט אַקעגנצושטעלן און מקבל זיין באהבה די קלענערע פּרייזן — דאָס האָט געראַטן דער אַלטער פּראָפּער, וועלכער האָט זיך שוין דאָ געפילט, ווי אַן אָפּגעאַרבעט אַלט פערד, וואָס נאָר פון לאַסקע וועגן האַלט מען עס און מען לאָזט עס נאָך גיין אין שפּאַן.

און כאָטש פּראָפּער איז געווען דער שטענדיקער קרבן אין קאָנ-טאָר — האָט ער אָבער מורא געהאַט, ער זאָל דאָס ווייניקע אויך נישט אָנווערן און מוזן זיך באַזעצן אין הקדש, האָט ער געעצהט: פאַרבייסן די ליפּן און שווייגן.

דער יינגערער עולם האָט אָבער נישט געוואָלט שווייגן. מ'האָט אויסגעקליבן דריי מענטשן: יואל פּאַנטשער, קריידע — כדי ער זאָל דאָס נישט אויסגעבן אין קאַנטאָר — און טעוול קנאָפּ (זינט ער האָט פעלדבערגן מקיים-פּסק געווען, איז זיין אָנזעען שטאַרק געשטיגן...) און מ'האָט זיי געשיקט צום אינספּעקטאָר זיך באַקלאָגן.

זיי האָבן זיך דאָרט געזוימט דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג, דערנאָך האָבן זיי דערציילט, אַז דער אינספּעקטאָר האָט זיי געלאָזט לאַנג וואַרטן

הינטער דער טיר, און אַז ער האָט שוין לסוף אויפגענומען, איז ער זיי באַפאַלן, וואָס מ'קומט אים דרייען אַ קאָפּ, זיי אָנגערופן „בונטאַוואָטשיקעס" און „מערזאַווצעס". נאָר פונדעסטוועגן האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער וועט קומען זיך איבערצייגן.

און ער איז טאַקע געקומען.

אין אַ נאָכמיטאָג איז עס געווען, בליץ שנעל האָט זיך די בשורה פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן הויז, איבער אַלע שטאָקן, איבער אַלע זאַלן און מאַשינען... ס'האָט זיך באַלד נישט געלאָזט גלויבן. ערשט, אַז מ'האָט באַשיינפּערלעך געזען דעם אינספּעקטאָרס געשפּאַנט קעטשל שטיין פאַר דער טיר, איז געוואָרן קלאָר פאַר אַלע, אַז ס'איז אמת — ר'איז טאַקע דאָ, דער אינספּעקטאָר.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג, אַ לויפן איינער צום אַנדערן, און אַ שושקען זיך. מ'האָט געשיקט „שטאַפּעטן", אַרייַנקריכן זיך אין קאַנטאָר מיט עפּעס אַ תירוץ, כלומרשט מען איז וועגן עפּעס געקומען, און זען און אויפכאַפּן אַ וואָרט, וואָס „ער" טוט און וואָס „ער" רעדט.

אין קאַנטאָר אָבער איז די טיר געווען פאַרשלאָסן. האָט עולם אַרבעטער צוגעלייגט די אויערן צו דער שפּאַרע און אָנגעשטרענגט געהאָרכט...

מ'איז זיכער געווען, אַז דעם אינספּעקטאָרס זיצן דאָרט איז נישט גלאַט אַזוי־זיך, און מ'האָט געמורמלט מיט אַ נקמה־באַפרידיקונג:

— איצט וועלן זיי שוין וויסן, ווי צו רייסן פּרייזן...

אַז ערך אַ האַלבע שעה האָט זיך דער אינספּעקטאָר געזוימט אין קאַנטאָר, אַז ער האָט זיך ענדלעך פון דאָרט באַוויזן, זיינען די אַרבעטער אַרויסגעקומען ווי די מייז פון די לעכער, אַ קוק געטאָן אויף דעם „מאַטן" זייערן... נאָר אַז זיי האָבן דערבליקט אַז ראָזנבלום איז מלאַזשענעם קאַנטאָר־רעקל מיט די גאָלדענע ברילן אויף דער נאָז, מיטן צעשמייכלטן צעפרידענעם פּנים און פולע בעקלעך באַגלייט דעם אינספּעקטאָר אַראָפּ צום קעטשל, און דער אינספּעקטאָר רעדט מיט אים פרייַנטלעך, גאָר פרייַנטלעך, ווי צוויי גלייכע, וואָס האָבן אָט ערשט צווישן זיך פאַרהאַנדלט עפּעס, און זיינען ביידע דערפון צופרידן — איז זיי די גאַנצע האָפענונג פון די פּנימער אַראָפּ, אויף דעם געמיט האָט זיך זיי געלייגט אַ וואָכעדיקע שווערקייט: נאָך שווערער און וואָכעדיקער, ווי ביז היינט, און זיי זיינען אַוועק, יעדער אין זיין ווינקל, צו זיין מאַשין, און יעדער איינער מיט אַ מורא אין האַרץ, צי ראָזנבלום האָט אים כאָטש נישט באַמערקט.

יענעם אָוונט, נאָך דעם אינספּעקטאָרס באַזוך, איז ביז שפּעט ביי נאַכט ליכטיק געווען אין קאַנטאָר. נאָכן שליסן די פאַבריק איז דאָרט פאָרגעקומען אַ שטרענג פאַרטרוילעכע באַראַטונג.

פון די קאַנמאַר־אָנגעשטעלטע האָט זיך קיינער נישט באַטייליקט אין דער דאָזיקער באַראַטונג. אַ חוץ די צוויי שותפים, אייגנטימער פון דער פירמע, האָט זיך נאָך בלויז באַטייליקט מאָריץ וואָלבערג, לייב חיימס שטיף־ברודער.

מאָריץ איז געווען לייב־חיימס יינגערער ברודער, פון איין פאָטער, און האָט געשמט פאַר אַ גרויסן קאָפּ און קענער. מ'האָט דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל באַלייגט עקזאַמען, און חשק געהאַט שטודירן אַלס אַדוואָקאַט, נאָר דער פּרומער, פּאָטער האָט דאָס נישט דערלאָזט. איז מאָריץ וואָלבערג געבליבן עפּעס אַ נישט דערבאַקענער, פון אַלטן דור אַרויס און צום נייעם נישט צוגעקומען...

ער האָט געטראָגן אַ קורץ העל אָפּגעבליאַקעוועט בערדל, טונקעלעברילן, אַלט פרענקישע דייטשע מלבושים; האָט זיך באַשעפטיקט מיט בוכהאַלטעריע אויף „שטונדן" און האָט ליב־געהאַט אַפּצולאַכן פון די היינטיקע געבילדעטע...

ער, מאָריץ, האָט אויך אָנטיילגענומען אין דער געהיימער באַראַטונג. וואָרום כאָטש ער איז נישט געווען אָפיציעל אָנגעשטעלט דאָ, איז ער געווען די נשמה פון געשעפט, און סיי לייב־חיים, סיי סאַמועל ראָזנבלום האָבן נישט געטאָן די קלענסטע זאַך אָן זיך צו באַראַטן מיט אים.

אויף דער היינטיקער באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן; אַז אָפּיציעל רייסן די פּרייזן זאָל מען נישט. נאָר מ'זאָל דאָס אַזוי איינאָרדענען, אַז יעדע וואָך זאָל אַראָפּגיין „אָפּצוג" וויינינקסטנס פון פופצן ביז צוואַנציק פּראָצענט.

אַזוי איז געוואָרן באַשטימט. קיינער האָט נישט געהאַט דערקעגן. לייב־חיים האָט יאָ עפּעס געמאַכט אַ נישט ניחאדיקע מינע, נאָר מ'האָט אים גאָרנישט געלאָזט דאָס מויל עפענען אויף קעגן, האָט ער געמוזט צופרידן בלייבן כאָטש דערמיט, וואָס ער מישט זיך ווייניק אין דער פאַבריק־פירונג און ביים אויסצאָלן וועט ער נישט דערביי זיין...

וויזט אויס, אַז די פירמע „וואָלבערג ראָזנבלום", איז אויך ווייטער נישט פויגלדיק געשטאַנען, נישט געקאָנט בייקומען, די קאָנקורענץ פון די אויפגעקומענע יונגע, רירעוודיקע פירמעס, און ס'האָט זיך אַ שום גע־

מאָן א האַגל נגישות אויף די אַרבעטער. פעלדבערג האָט געקריגן די גאַנצע
מאַכט איבער די שטריקערס, און פאַר א ליאַדע וואָס איז מען באַשטראַפט
געוואָרן מיט א געלט־שטראַף.

און טאָמער איז דאָס ווייניק געווען, איז פלוצלינג אַרויס פון קאַנטאָ־
א גזירה, אַזאַ אויסטערלישע, וואָס האָט צערודערט נישט נאָר די אַרבע־
טער דאָ, נאָר די גאַנצע שטאָט שטיקערס, פון אַלע פאַבריקן.

אין וואָלבערגס פאַבריק איז אין איינעם א טאָג איינגעפירט געוואָרן,
אַז ביים אהיימגיין פון דער אַרבעט, און אפילו אין מיטן טאָג, ווען עמעץ
פון די אַרבעטער האָט אַמאָל געדאַרפט אַרויסגיין אין גאַס, זיינען אַלע
באַזוכט געוואָרן אין די קעשענעס.

אין קעמערל, וואָס מ׳מוז אַדורכגיין, אום אַרויסצוקומען אין גאַס,
איז געשטאַנען פעלדבערג (אין מיטן טאָג, דער סטרוזש), און דער אַרויס־
גייער איז באַטאַפּט געוואָרן אין אַלע קעשענעס און הינטערן וועסטל, צי
ער טראָגט נישט אַרויס קיין גאַרן.

ס׳איז נישט געווען אַזוי ווייט די חרפה פון באַזוכן אַרבעטער ווי
אַרעסטאַנטן אין די גאָלד־גרובנס — ווי די פאָלגן, וואָס דאָס באַזוכן
האָט מיט זיך געברענגט; באַזוכן אַליין — באַטאַפּן, אויסשאָקלען די
קעשענעס און לאָזן ווייטער גיין, וואָלט די אַרבעטער, און בפרט די על־
טערע, נישט אַזוי שטאַרק אויפגערעגט. זיי, די עלטערע שטריקערס, זיינען
אין זייער פאַבריק־לעבן שוין אַדורכגעגאַנגען פאַרשידענע באַליידיקונ־
גען און דערנידעריקונגען, זיי זיינען שוין געווען אַזוי פאַרשטיינערט און
די רוקנס זייערע אַזוי געבויגן, אַז דער באַגריף „בושה" האָט שוין ביי זיי
אינגאַנצן נישט עקזיסטירט. פאַר זיי איז געווען דאָס ערגסטע נישט דאָס
באַזוכן גופא, ווי דאָס, וואָס ביי וועמען פעלדבערג האָט געוואָלט גע־
פונען געגנבעטן גאַרן, ביי דעם האָט ער „געפונען", האָט יענער געמעגט
זיין אפילו דער ערלעכסטער; אַפּלייקענען, אויפווייזן, האָט גאָרנישט גע־
האָלפן, אין קאַנטאָר האָט מען געגלייבט נאָר פעלדבערגן, און אַז פעלד־
בערג האָט צוויסן געטאָן, ביי וועמען ער האָט געפונען, האָט מען יענעם
געקינדיקט די שטעל.

דער סוף פון דעם קינדיקן פלעגט כמעט שטענדיק זיין דער אייגענער:
דער אָפּגעזאָגטער אַרבעטער האָט אין ערגעץ נישט געקאָנט קריגן קיין
אַרבעט, ווייל מען האָט נישט געוואָלט געבן פון קאַנטאָר קיין „רעקאָמענ־
דאַציע" (ער איז דאָך א גנב!) איז ער סוף כל סוף געקומען בעטן, מ׳זאָל
אים צוריקנעמען. נאָך לאַנגע בקשות, האָט אים ראָזנבלום צוליב געטאָן.
צוריק אַריינגענומען אין פאַבריק, נאָר שוין אויף א קלענערן פּריַיז פאַר־
שטייט זיך, און אויף אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס ראָזנבלום האָט דיקטירט.

און אַז די אַרבעטער האָבן געשיקט אין קאַנטאָר דריי פֿון די עלטסטע שטיקערס, וואָס אַרבעטן דאָ פֿון דעם ערשטן טאָג, וואָס די פֿירמע עקזיסטירט, מיט אַ בקשה, מ'זאָל אָפּשאַפֿן די באַזוכונגען פֿאַר אַלע, אַ חוץ די, וואָס אויף זיי איז אַ חשד פֿאַראַן, האָט זיי ראָזנבלום קורץ און גראָב געענטפֿערט:

— אייך אַלע בין איך חושד! — און דאָס באַזוכן איז נאָך שטרענגער געוואָרן.

אַ שווערע אָנגעכמורעטקייט, אָנגעפֿילט מיט איינגעהאַלטענע זיפֿצן און דערשטיקטע קולות ווי די הימל־שוואַרצקייט פֿאַר אַ שטורעם, האָט זיך איבער דער פֿאַבריק צעלייגט; די לופֿט איז געוואָרן אָנגעשטרענגט, שטיל, פֿול מיט חשדים און אומצוטרוי; אַלטע באַקאַנטע, גוטע פֿריינט אַפֿילו, האָבן מורא געקריגן איינער פֿאַרן צווייטן, צי יענער שפּיאָנירט נישט אַמאָל פֿאַרן קאַנטאָר, פֿאַר פֿעלדבערגן; אַן איבעריק וואָרט אַרויסצורעדן האָט מען זיך געהיט. און האָט איינער געפֿרעגט דעם צווייטן, וויפֿל גאַרן דאָס מוסטער דאַרף צו האָבן, האָט דער געפֿרעגטער מורא געהאַט אויסצוזאָגן, יענער זאָל דאָס נישט איבערגעבן אין קאַנטאָר און דערנאָך וועט מען אים כאַפּן אויף דער ווענדקע, פֿאַרלאַנגען חשבון...

די פֿאַבריק איז געוואָרן, ווי אַ טורמע, און די קאַנטאָר־לייט, ווי די תפֿיסה־וועכטער. פֿאַר פֿעלדבערגן האָט מען געציטערט, מער ווי פֿאַ־ראָזנבלומען אַליין, און נישט נאָר אין פֿאַבריק, בשעת דער אַרבעט, נאָר אויך אין גאַס, און שבת אַפֿילו, אַז מ'האָט געטראָפֿן פֿעלדבערגן, איז די מנוחה שוין געווען געשטערט.

ראָזנבלומען האָבן שטיקערס געזוכט אויסצומיידן, נישט צו קומען אים אונטער די אויגן: „בעסער — האָט מען זיך געזאָגט — זאָל ער אין מיר אַביסל פֿאַרגעסן, צי איך לעב גאָר אויף דער וועלט".

דערפֿאַר אָבער אין גאַס אַמאָל, אַז עס איז שוין צו שפּעט געווען אַריינצולויפֿן אין אַ הויז, צו באַהאַלטן זיך פֿון ראָזנבלומס אויגן; מ'האָט אים שוין נישט געקאָנט אויסמיידן, געמוזט זיך מיט אים באַגעגענען, איז דער פֿאַרשטיינערטער דרך־ארץ און פֿורכט פֿאַר אים געווען אין לשער; דער כאַפּ אַראָפּ דאָס היטל, די פֿאַרגליווערטע אויסגעצויגנקייט, און באַלד דער טיפֿער בויג אַראָפּ דעם קאָפּ און דער באַגלייט מיט די אונטערטעניקע אויגן ראָזנבלומס זיך דערווייטערנדיקן רוקן. עס האָט דערמאָנט, שטאַרק דערמאָנט הינטישע קריכערישקייט, ווען דער הונט פֿויזעט און קריכט אויפֿן בויך פֿאַרן בייזן באַלעבאָס צוליב אַ ברעקל ברויט, צוליב אַן אָפּגעגריזשעטן ביין, באַהאַלטנדיק דערביי זיינע שאַרפֿע ציין, און

אָנשטאָט זיי ווייזט ער די נאָסע, אונטערטעניקע, נאָך א פרעס־לעכצנדיקע מאָרדע

אפילו דער בחור פּיוול, וואָס האָט זיך איצט שוין געטופּן פעליקס — פעליקס וואָלבערג — און איז געזעסן אין קאָנטאָר איבער די גע־שעפטס־ביכער און נאָכגעקוקט די מיידלעך פעדלערקעס — אפילו פאַר אים האָבן שוין די עלטערע שטיקערס אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן זייער פאַרכט און באַגעגנדיק זיך מיט אים אין פאַבריק־קאָרידאָר, אָדער אויף די שטיגן, — אים אונטערגעטראָגן דעם גרויסאַרטיקן „גוט־מאָרגן" און מיט גרויס רעספּעקט אים דעם וועג אָפּגעטראָטן.

און אַז ס'איז געקומען דער טאָג פון אויסצאָלונג, ווען דער סטרוזש גייט אַרום איבער די מאַשינען נאָך די אַרבעטס־ביכלעך און טראָגט זיי אין קאָנטאָר צום איינשרייבן די רעכענונגען, זיינען אַלע אַרבעטער געווען נערוועז שוין פון אינדערפרי און מיט א גרויל האָט מען געוואַרט אויפן סטרוזשס גלעקל — אַריינצוגיין נאָכן געלט.

און אַז מ'איז צוריקגעקומען מיטן ביכל און געלט, האָט מען אויס־געזען, ווי אַז מ'קומט פון א שרעקלעכער סכנה, פון א לעבנס־געפאַר... אונטן פאַרן טויער האָבן געוואַרט ווייבער און מאַמעס, אַז עמיצער א שטיקער איז אַרויסגעקומען פון טירל אין גאַס, איילנדיק און געוועלבל קויפן א פעקל פּאַפּיראָסן — זיינען אים באַפאַלן די ווייבער און מאַמעס האַרצפּלאַטערדיקע פראַגן:

— און מיינער, און מיינער, ווי האָט היינט אָפּגעשניטן?

נאָר באַקומענדיק דעם אַלגעמיינעם ענטפער: ס'האָט קיינער נישט גוט אָפּגעשניטן — האָבן די ווייבער גענומען זיך ווישן די אויגן און שעלטן פעלדבערגן.

און אָט איז דער דאָזיקער אָנגעשטרענגטער לופט, אָנגעזאַפּט מיט אוממעטיקן האַס פון איבער פופציק שטיקערס, ווי טרוקן גראָז, וואָס האָט געגוג נאָר איין פונק, בלויז א קליינעם פונק, אום זיך אָנצוצינדן — איז אָנגעשוווּמען א טאָג; פריטיק איז עס געווען — פאַרנאַכט, ווען די אַרבעטער זיינען אין א גרעסערער צאָל צוזאַמען אַהיימגעגאַנגען. אין קעמערל, ביים אַרויסגיין, האָט זיי פעלדבערג באַזוכט. באַטאַפּט פון אויבן ביז אַראָפּ, און נאַטירלעך גאַרנישט געפונען. ווען זיי האָבן זיך געריכט, אַז אָט וועט מען עפענען דאָס טירל צו דער גאַס און זיי וועלן אַהיימגיין, און זיינען שוין אומגעדולדיק, וואָס מ'האַלט זיי דאָ אויף, און געפאָדערט, אינגאַנצן דער סטרוזש זאָל שוין אַמאָל עפענען — האָט זיך פעלדבערג אין גרויסן געדראַנג איינגעבויגן צו דער שטיינערנער דיל און א דערהייב געטאָן פון דאָרט א פעקל גאָרן, א צעטראָטעוועטס פון טרעטן דערויף מיט

די שטיוול. פעלדבערג האָט דאָס פעקל גאָרן אַ ווייל געהאַלטן אין דער הויך, אין דער אויפגעהויבענער האַנט, אַלע זאָלן דאָס זען — און באַלד גענומען זיך טשעפּן צום רויקסטן און שטילסטן פון אַלע — צו משה בינשטאָק, אַז ער האָט דאָס פעקל גאָרן אַרויסגעוואָרפן פון קעשענע, פאַר מורא, אַז מ׳וועט דאָס ביי אים געפונען...

— פאַרוואָס פונקט איך? — פרעגט בינשטאָק, ווי זיין שטייגער, רויק.

— ווייל דו האָסט עס אונטערגעוואָרפן! — שרייט שוין פעלדבערג מיט זיין אויפגעריסענעם חוצפהדיקן פיסק.

ס׳איז אויסגעבראָכן אַ העפטיק געטענהכץ. בינשטאָק האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט אַנערקענען צום געפונענעם פעקל גאָרן. ער האָט אָפּן געזאָגט, אַז דאָס איז נישט אַנדערש, נאָר פעלדבערג האָט עס אַליין אונטערגעוואָרפן, כדי ער זאָל האָבן וואָס צו געפונען. — פעלדבערג האָט געפאָדערט, בינשטאָק זאָל מיט אים אַרויפגיין אין קאַנטאָר, בינשטאָק האָט נישט געוואָלט. די איבעריקע אַרבעטער האָבן תחילת געשוויגן, נאָר זעענדיק, אַז פעלדבערג וויל קיינעם נישט אַרויסלאָזן פון קעמערל — אום בינשטאָק זאָל נישט מיט־אַרויסלויפן — זיינען זיי אומגעדולדיק געוואָרן; און אַזוי ווי בינשטאָק האָט נישט געשריגן, נישט צוריק געזידלט, נאָר רויק און פעסט איבערגעחזרט, אַז דער גאָרן איז נישט זיין — זיינען זיי איינציקווייז אַלע אַריבער אויף זיין זייט, קעגן פעלדבערגן, און זיי האָבן אויך געטענהט, אַז אַנהערש קאָן עס נישט זיין, נאָר אַז פעלדבערג האָט אומישנע אונטערגעוואָרפן דעם גאָרן, כדי ער זאָל אין קאַנטאָר באַווייזן זיין טויגערישקייט...

ווען בנימין איז אַראָפּגעקומען, איז איגנאַצי דער סטרוזש נישט אונטן געווען; אויף פעלדבערגס באַפעל איז ער אַרויפגעגאַנגען אין קאַנטאָר מעלדן ראָזנבלומן, וואָס אונטן קומט פאָר — ווען בנימין איז אַראָפּגעקומען, האָט די מחנה שטויקערס מיט כוח געהאַלטן פעלדבערגן צוגעשפּאַרט אין אַווינקל, איינגעפּרעסט צווישן צוויי ווענט, געזוכט ביי אים דעם שליסל פון טירל, און אַז מ׳האָט ביי אים דעם שליסל נישט געפונען,

— דער סטרוזש האָט אים געהאַט ביי זיך — האָבן אַנדערע — אַ צען פּאָר הענט — מיט אומגעדולדיקן געפילדער אויפגעריסן דאָס טירל, און מיט דער פרייליכקייט פון פאַרשפּאַרטע אַרעסטאַנטן, ווען דאָס טירל צו דער פרייַ עפנט זיך פאַר זיי — אַרויס אין גאַס מיט אַ האַסטיקייט און גענומען איייליק לויפן, יעדער אין זיין געגנט. —

דאָס איז פאָרגעקומען פרייטיק פאַרנאַכט. נאָך שבת, ווען די אַרבעטער זיינען ווי געוויינלעך געקומען אין פאַבריק און זיך געזעצט אַר־

בעטן, יעדער ביי זיין מאַשין, איז אין דער אָנבייסן־צייט איגנאַצי דער סמרוזש, אין די זונטיק־מלבושים, אַרומגעגאַנגען אויף אַלע שטאָקן ביי אַלע מאַשינען, פאַרלאַנגט פון יעדן זיין אַרבעטס־ביכל און מיטן צוזאַמענגעקליבענעם פעקל ביכלעך אין די הענט, איז ער אַרויפגעגאַנגען אין קאַנטאָר.

באַלד האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אין קאַנטאָר אויבן ווערט איצט אַלעמען געקינדיקט, און דערפאַר האָט מען עס געשיקט נאָך די ביכלעך, כדי דאָרט איינצושרייבן דאָס קינדיקן.

ס'איז געוואָרן אַ בהלהדיק געלויף אין קאַנטאָר; תחילת עלטערע אַרבעטער, אָבער די איבעריקע האָבן שוין אויך נישט קיין געדולד געהאַט צו זיצן און וואַרטן (ס'האָט זיך זיי געחלומט, אַז די אַלטע פאַרהאַנדלען אויבן אויף זייער חשבון), זיי האָבן אויך גענומען פּאַקן זיך אַרויף אין קאַנטאָר, זיך דערוויסן, וואָס דאָ קומט פאָר.

דאָרט אין קאַנטאָר האָבן זיי געטראָפן זייערע חברים שטיין זייער צערודערט און תחנונימדיק איינטענהן מיט ראָזנבלומען...

ראָזנבלום האָט איבערגעחזרט איין און דאָס זעלבע, אַז אַזוי ווי פּריוויוט פאַרנאַכט זיינען די אַרבעטער אַריבערגעטרעטן די פאַבריק־פאָרשריפטן: נישט געלאָזט זיך באַזוכן, פאַרטיידיקט אַ גנב, ביי וועלכן מ'האָט געפונען געגנבעטן גאַרן, געשלאָגן דעם אויפזעער, דעם אָנגעשטעלטן פון קאַנטאָר, און געמאָן האָט דאָס נישט איינער אָדער צוויי, נאָר אַלע צוזאַמען, ווערט אַלעמען געקינדיקט אויף פערצן טעג.

— און דערנאָך, נאָך די פערצן טעג, וועט זיין די ברירה ביי מיר, ווּעמען איך וועל וועלן וועל איך צוריקנעמען אַרבעטן, און וועמען נישט וועל איך נישט צוריקנעמען, האָט ראָזנבלום געלאָסן געפּערלט ווערטער, וואָס זיינען אַריינגעדרונגען אין די הערצער פון דער מחנה אַרבעטער, ווי טעמפּע שפּיזן, און דאָרט וווּנדן געבויערט.

אַרויס פון קאַנטאָר, אין די הענט די ביכלעך, וווּ ס'איז שוואַרץ אויף ווייס איינגעשריבן דאָס קינדיקן, זיינען די פינף צענדליק שטיקערס געגאַנגען מיט בייזע, — פאַרמרה־שחורהטע פנימער זיי זיינען נישט צוריקגעגאַנגען אין די זאַלן יעדער צו זיין מאַשין נאָר געשטאַנען בינטלעכווייז אויף די שטיגן, אין קאָרידאָר און שושקעדיק זיך געשמועסט צווישן זיך...

אַ גרעסער בינטל אַרבעטער איז פאַרקראָכן אין נאָענטסטן זאַל, אין שכנות פון קאַנטאָר. איינציקווייז זיינען אַהין צוגעקומען די פון די שטיגן און פון קאָרידאָר... ס'איז דאָרטן געוואָרן פול; אַרבעטער מיט אַרויפגעשאַרצטע העמד־אַרבל און פאַרביסענע, פאַרצאָנטע פנימער; פעדלערס און פעדלערקעס זיינען אויך דאָ געווען. דערשפּירנדיק אַ פרייע מינוט, זיינען

זיי געשטאַנען די הענט אונטער די באַקעס, לײדיקגײעריש, און געװוּנטשן דאָס זאָל װאָס לענגער דויערן.

דעם אַלטן פּראָפּער, װאָס האָט אױפגעװיזן, אַז קודם זאָל מען נישט באַלאַמוטשען, נאָר זעצן זיך אַרבעטן, האָט קײנער נישט געהערט. אַן אַנדער פּלאַן, עמעצנס, מ׳זאָל זיך גיין באַקלאָגן צום אינספּעקטאָר, איז תּחילת גינסטיק אױפגענומען געװאָרן, נאָך דערנאָך אָפּגעװאָרפן געװאָרן מיט דער איבערצײַגונג, אַז דער אינספּעקטאָר האַלט שטענדיק נאָר דעם פאַבריקאַנטס זײַט. דער טויטער אבֿרהם האָט דעם און יענעם אָפּגעשטעקט א סוד אין אויער, צי ס׳װאָלט נישט געװען א פּלאַן צו באַנוצן זיך מיט געדונגענע שלעגער...

אײנס זײַנען אַלע אײנשטימיק געװען, אַז װײַטער אַזױ אַרבעטן קאָן מען נישט, און װאָס עס זאָל זײַן אין צװײ װאָכן, קאָן שױן איצט געשען.

דער עולם האָט זיך גאָר פאַרגעסן, אַז זײ געפונען זיך דאָ געבן קאָנטאָר, אָפּגעטײלט קוים דורך א װאַנט מ׳האָט זיך צערעדט, אַלץ װאָס איז געלעגן אויפן האַרץ, האָט זיך אַרויסגעריסן הויכן מויל, קײנער האָט גאַרנישט געװאָלט, דער צװײטער זאָל אים הערן מ׳האָט גערעדט פאַר זיך, יעדער פאַר זײַנע אײגענע אויערן און דער גערויש און געפילדער איז געװען אַזוי גרויס, אַזש דרויסן אויף די שטיגן אָדער אונטן הינטער די פענצטער האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז דאָרט אויבן אין דעם זאָל הודושעט עפּעס א מאַשין, אַזאַ ברומענדיקע און פילדערנדיקע מאַשין...

און אין מיטן בעסטן האָט זיך צװישן הודזשענדיקן, רעדנדיקן און זיך באַקלאָגנדיקן עולם באַװיזן ער — סאַמועל ראָזנבלום, מיטן פּנים און פאַרשװירן בערדל, װי ניקאָלײַ דער צװײטער, נאָר מיט רויטערע בעקלעך אַביסל און מיטן גראָבן בויך און גאָלדענער קײט, װאָס שלענגלט זיך איבער דער פּליושענער װעסט פון טעשל רעכטס צום טעשל לינקס, דורכגעצויגן דורכן קנאָפּ־לאָך.

ראָזנבלום איז א װײַל געשטאַנען פון דער װײַטנס, אָנגעקוקט דעם צעפּילדערטן עולם, װעמען ער איז געװוינט צו זען שװײַגנדיק אונטערטעניק — און זעענדיק, אַז זײַן אַרײַנקומען אַהער איז נאָכנישט באַמערקט געװאָרן, האָט ער א געשרײ געטאָן:

— װאָסער קנײפּע איז דאָס דאָ! יעדער צו זײַן מאַשין, זאָפאָרט!

פּראָפּער האָט זיך אײַנגעהויקערט און גענומען גיין דווקא פאַרבײַ ראָזנבלומען, ער זאָל זען, װער עס האָרכט אים דער ערשטער.

ראָזנבלום האָט נאָכאַמאָל א געשרײ געטאָן:

— די מינוט — יעדער צו זײַן מאַשין!

אלע זיינען געשטאַנען ווי פאַרגליווערט, מיט אָפענע מיילער און בלאַסע, געלע, דערשראָקענע פּנימער, געשטאַנען ווער אַנטשלאָסענער און ווער שוואַכער, וואַקלדיקער, מיט אַ צעציטערט האַרץ און מיט פיס, וואָס האָבן קענטיק געחלשט צו פאָלגן דעם באַפעל — נאָר גערירט פון אָרט האָט זיך נישט קיינער.

ראָזנבלום, האָט אַ רוף געטאָן:

— איגנאַצי!

— און נאָכאַמאָל אויף פּויליש:

— זאָל איגנאַצי שוין קומען!

ס'האָט זיך דערהערט עמעצנס גיין אויף די שטיגן — קריידע האָט זיך אַ ריר געטאָן, מיט אַ ווונק אַ רוף געטאָן זיינע פעדלערס, און מיט די פעדלערס הינטער זיך, ערנסט און געהאָרכזאַם געשפּרייזט מיט די לאַנגע פיס — געגאַנגען אַרויף צו זיין מאַשין אַרבעטן.

די איבעריקע זיינען נאָך געשטאַנען און נישט גערירט זיך.

איגנאַצי איז נישט געקומען. פעליקס וואָלבערג, דער בוכהאַלטער, איז אַריינגעקומען און געמאָלדן ראָזנבלומען, אַז דער סטרוזש איז נישטאָ, וועט אָבער באַלד קומען.

ראָזנבלום האָט שטום און שטרענג געקוקט אויף די אָנגעזאַמלטע אַרבעטער. זיי ווידער זיינען געשטאַנען נישט אַנטשלאָסן, מיט אַראָפּהענגענדיקע קעפּ, די בליקן איינגעגראָבן אין דער ערד, און נישט גערירט זיך פון אָרט, ווי פאַרעקשנטע חדר־יינגלעך.

און שטיל איז געווען — שאַ! פּלוצים הערצער האָבן דעם אָטעם איינגעהאַלטן, אַ פליג וואָלט מען געהערט זשומען. אין דער שטילער שטילקייט האָט זיך געהערט ערגעץ אויף אַ העכערן שטאָק דאָס קלאַפּן פון אַ מאַשין, און פון אַנדערן עק אויף נאָך אַ העכערן שטאָק האָט איר געענטפערט אַ צווייטע מאַשין, ווי אַ ווידער־קול; דאָס איז געווען פּראַצער און קריידע, וואָס האָבן געפאָלגט ראָזנבלומען און זיך געזעצט אַרבעטן.

— וואָס איז דאָס דאָ? פרעגט פעליקס מיטן מיידלשן פּנים און קוקט אַרום זיך פאַרחידושט

— זיי זיינען משוגע געוואָרן — זאָגט ראָזנבלום מיט פאַראַכטונג.

און אומגעדולדיקער פרעגט ער:

— וואָס פאַרט ווילט איר? זאָל איינער רעדן!

אויף פעליקס ליאַלעוואַטע פּנים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ שמייכל, ווי אין דערוואַרטונג אויף אַ ספּעקטאַקל ער האָט באַמערקט צווישן עולם בנימינען און אים אָנגעקוקט איראָניש:

„שפּילסט אויך מיט זיי מיט״..

און צוליב פעליקס קוק אפשר — דעמלט אין דער שטילסטער שטיל־קייט און אטעם פארכאפנדיקער הארצקלאפעניש האט בנימין זיך אנ־גערופן:

— מיר פארלאנגען, איר זאלט אויסשטרייכן דאס קינדיקן

ביידע, ראזנבלום און פעליקס, האבן בנימינען אנגעקוקט — ראזנ־בלום, ווי פארחידושט אין א קאפעטשקעלע דערשראקן פון זיין דרייסטער קייט — פעליקס ווידער, ווי עס וואלט אים הנאה געטאן, וואס איין בנימין איז א ביסל אנדערש, ווי אט אלע דא

ראזנבלום האט נאכאמאל בנימינען אפגעמאסטן מיט א בליק פול פאראכטונג און געפרעגט, נישט קוקנדיק גאר צו בנימינען, ווי ער וואלט ערשט גארנישט גערעדט —

אלזא, פארוואס גייט איר נישט ארבעטן?

פון ערגעץ א באהאלטענעם ווינקל, פארשטעלט דאס פנים מיט א מוס־טער־בערעט פון א מאשין, האט זיך געהערט דעם טויטן אברהמס קול, מיט א משונהדיקן קלאנג, ווי פון א פאס ארויס:

— אפשאפן פעלדבערגן און דאס באזוכן.

פאנטשערס קול האט זיך נישט געהערט גארנישט. און בנימינען האט דאס געחידושט. ער האט געזוכט מיט די אויגן און אים אין ערגעץ נישט געזען.

אין אט נאכן טויטן אברהמס קול, האט זיך אנגעהויבן א געפילדער, ווי אלע וואלטן אין איין רגע דאס לשון צוריקגעקריגן; נאר יעדער וואס האט עפעס גערעדט, האט זיך באמיט מ׳זאל אים נישט זען.

— נישט מאכן קיין אפצוגן!

— געבן בעסערע מוסטערן!

— נישט נאכרעכענען דעם גארן!

— — — — — — — — — — — — — —

ראזנבלום האט א מאך געטאן מיט דער האנט, ווי א געננד־טרייבער מיט דער בייטש, ווען ער שטייט צווישן דער פילדערנדיקער מחנה גענדז און ער פארשטייט, אז פרווון זיי איינשטילן איז אוממעגלעך, א מאך גע־טאן מיט דער האנט ווי איינער זאגט: „פאראן דא מיט וועמען צו טענהן”. ער און פעליקס זיינען ארויסגעגאנגען. דער סטרוזש האט גענומען פאר־שליסן די זאלן. באלד איז ער אויך אהער אריינגעקומען מיטן פאק

שליסלע. דער עולם האָט תחילת נישט קיין חשק געהאַט אים צו פאָלגן, אָפּצורוימען דעם זאַל, נאָר אַז ראָזנבלום האָט זיך באַוויזן, האָט דער עולם גענומען אַרויסגיין

אין גאַנצן עטלעכע שטאָקיקן הויז זיינען געגאַנגען נאָר צוויי מאַשינען: פון פראָפּער און פון קריידע דעם חונפניק ווייטער איז געווען שטיל און טויט

הגם בנימין איז געווען פאַבריק־אַרבעטער נישט פון היינט, און האָט, דאַכט זיך, שוין גוט געקענט די שאָטן־זייטן פון דער אַרבעט — האָט ער פונדעסטוועגן געוווסט בלויז נאָר דאָס, אַז די אַרבעט ווערט שלעכט באַצאָלט און די פאַבריקאַנטן באַרייסן מיט אָפּצוגן, און דעריבער — אום עפּעס מער צו פאַרדינען — מוז מען אַרבעטן אַ לאַנגען אַרבעטס־טאָג. אַז די דאָזיקע קאָמאָרגע נאַגט אויס דאָס בלוט פונם מענטשן, און יאָר־יערלעך פאַלט אַוועק אַ גרויסער פּראָצענט שטיקערס פון שווינדזוכט און בלוט־שטורצן — דאָס האָט בנימין געוווסט בלויז פון הערן דערציילן. און אין דעם סאָציאַליסטישן ־ קרייזל האָט ער דאָס אַזוי נאָכגערעדט, אַלס אַ באַווייז פון דער שלעכטער לאַגע פון די אַרבעטער — לשם פּראָפּאַגאַנדע, זיי אַזוי אַרום צו אַגיטירן פאַרן סאָציאַליזם. — זען מיט די אייגענע אויגן אַן אַוועקגעפאַלענעם פון אַ בלוט־שטורץ איז בנימינען דאָס ערשטע מאָל אויסגעקומען ביי אַראָנסאָנען אין פאַבריק. גראָד אין דער פאַבריק, וווּ די ריינלעכקייט, גרוימקייט און הויכקייט פון די חדרים איז געווען אַ ביסל בעסער, ווי אַנדערשוווּ און דער אַרבעטס־טאָג איז אויך נישט געווען אַזאַ אומגעהייער לאַנגער.

אָט דאָ, אין אַראָנסאָנס פאַבריק, איז בנימינען באַלד די ערשטע פאָר וואָכן אויסגעקומען בייצוווינען די שוידערלעכע סצענע. דער קרבן פונם בלוט־שטורץ איז געווען אַ יונג אפשר קוים ניינצן־יעריק בחורל — אַ שטי־קער מיט אַ קלאָר פנימל, מיט רויטע בעקלעך און גראָע אָפענע אויגן, וועלכער האָט געאַרבעט אויף איינער פון די נייע מאַשינען אין שכנות־דיקן זאַל פון בנימינען, און וואָס אין פאַבריק האָט נאָך כמעט קיינער נישט געוווסט, ווי ער הייסט; זעלטן ווער האָט נאָר געוווסט, אַז ער איז אַ יתום, אָן אַ פאָטער, געקומען אַהער פון אַ שטעטל, אַז די, וואָס פעדלען ביי אים זיינען זיינע אייגענע ברודער און שוועסטער, און אַז ער איז ביי דער מוטער דער אַלמנה — דער עלטסטער זון, דער פּרנסה־געבער.

ס'איז געווען אַרום האַלבן טאָג, די לעצטע וואָך פאַר פּסח. אַלע מאַ־שינען זיינען געגאַנגען, יעדער שטיקער איז געזעסן ביי זיין מאַשין, גע־

אַרבעט מיט התמחה, און קיין געשפּרעכן פון איין מאַשין צו דער צווייטער — דאָס איבערשרייען זיך אויף אַ קול צווישן שכנים — איז אויך ניט געווען צו הערן.

ס'איז די לעצטע טעג פון „זמן", שטיקערס זיינען להוט אַריינצוכאַפּן נאָך אַ „שפּאַן", פאַרדינען נאָך עטלעכע רובל אויף יום־טוב. דער קאָפּ קאָמבינירט, טראַכט, רעכנט, ווי אַרום אויסצושפּאַנען וואָס פריער און גאָבאַמאָל אויפשפּאַנען — „אַריינכאַפּן" נאָך אַ שפּאַן, כאָטש אַ קליינעם שפּאַן, שיטערע מוסטערן, ווייניק שטיק, אַבי האָבן נאָך איין שפּאַן צו דער אויסצאָלונג.

ווידער די פעדלערינס — האָט זיך אויך יעדע אירע זאָרגן די לעצטע טעג פאַר פּסח: צי וועט די מאָדיסטקע דאָס זומער־היטעלע מאַכן, און די שניידערין זאָל ניט פאַרפירן און איבערלאָזן פאַרטיק צו מאַכן דאָס קליידל אויף נאָך יום־טוב — און צו זיצן דאָרט איר אויפן קאַרק; יאָגן, זי זאָל עס דווקא פאַרטיק מאַכן — דערווייל איז נישטאָ קיין צייט.. איטלעכער אין פאַבריק האָט זיך דעמלט זיין זאָרג. און יעדער איז געזעסן שטיל און געאַרבעט.

דרויסן איז געווען אַ זוניק וואַרעמער טאָג, ווי עס טרעפט פאַר פּסח — ביי טייל מאַשינען זיינען אָפן געווען די פענצטער, און די זון האָט זיך אַהין אַריינגעריסן מיט איר גאַנצער לייטזעליקייט; ביי טייל ווידער — איז געווען אַראָפּגעלאָזט די ראָלעטן וואָס פון גראָבער זאַק־לייוונט — די שטראַלן זאָלן חלילה נישט אַריינדרינגען; פאַראַנען אַזעלכע, וואָס קאָנען נישט פאַרטראָגן די זון, די שטראַלן שאַדן צו די אויגן, מאַכן קאַליע די ראיה, שטעכן אין פּנים, רופן אַרויס אַ שוויים אויפן לייב — פאַריאָגט מען זיי, די מילדע פרילינג־זון שטראַלן, מ'גיט זיי נישט קיין צוטריט דורך די אַראָפּגעלאָזטע גראָבע ראָלעטן; מ'האָט ליב דאָס זיצן אין דער טונקל, עס אַרבעט זיך געשמאַקער. —

איז עס געווען אַ שיינער פאַר פּסח־טאָג. ס'האָט זיך געפילט דער נאָענטער יום־טוב, די פרייע טעג און זומער־לעב, וואָס קומט נאָך... ס'איז געווען שטיל, און מער ווי דעם ריטמישן טעמפּ פון די בראָזגעדיקע מאַשינען האָט מען גאָרנישט געהערט; ס'האָט געקאָנט דעמלט זיין אַ זייגער צוועלף און אפשר — האַלב איינס — אַז מיט אַמאָל האָבן זיך דערטראָגן יאָמער־קולות, אַ געוויין, ווי אַז מ'באַקלאָגט עמעצן ביי יציאת־נשמה. איז געוואָרן אַ גילויף אַרויס, שטיקערס, פעדלערס, האָבן גיך פאַרלאָזט די מאַשינען און פעדל־טישלעך, געלאָפן אַ קוק טאָן, וואָס איז געשען.

בנימין איז אַרויסגעלאָפן צוזאַמען מיט אַלע: דרויסן, אין הויז, איז געשטאַנען אַ מיידל, געיאָמערט, געשריגן, און זיך געהאַקט דעם קאָפּ אָן דער וואַנט.

בנימין האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר — אַ חוץ דאָס מיידל איז גאָרנישט געווען צו זען — ער האָט זי מיט אָפענע אויגן אָנגעקוקט. דערווייל האָט ער באַמערקט, ווי דער עולם איילט פאַרביי דעם יאָמערדיקן מיידל אין דער אָפענער טיר פונם שכנותדיקן מאַשינען־חדר. בנימין איז אויך אַריין אַהין, אַרום איין מאַשין זיינען אַלע שטיין געבליבן און זיך געדריקט איינס ס׳אַנדערע, געפּרוווט זיך מאַכן אַ רונג מיט די עלנבויגנס, און אַז מ׳האָט זיך ענדלעך דורכגעקריגן ביז פאַרנט אָפּער און געבליבן שטיין, האָט מען דערזען ליגן אויף דער ערד אַ בחור מיט אַרויפגעשאַרצטע אַרבל, ווי ביי דער אַרבעט. ער איז געלעגן אויף דער ערד מיט אַ געל פּנים און פאַרמאַכטע אויגן, די רויטע פלאַמען אויף די באַקן מיטן בלוילעכן אָפּגלאַנץ האָבן נאָך קוים געזען זיך, ווי די מערב־האָריזאָנט־רויטקייט אין אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט, און פון מויל האָט זיך אים נאָך געצויגן אַ שנירל בלוט.

ס׳איז געקומען צו לויפן מיט אַ ווילדן אימפּעט אַ יידענע — די מוטער, — מיט אַן אַראָפּגעפאַלן טיכל, וואָס האָט זיך איר נאָכגעשלעפּט פון אַקסל — נאָך איר עטלעכע קינדער, קליינע און גרעסערע. אַלע מיט געשרייען און געוויין.

דער עולם אַרום האָט זיך צעטיילט אין צוויי העלפטן, געמאַכט אַ פרייען דורכגאַנג פאַר דער משפּחה ס׳איז געקומען אָנצולויפן אַלץ מער מענטשן פון גאַנצן הויז. אויף די געוואַלדן איז אָנגעקומען פון קאַנטאָר קאַרלין דער געשעפטס־פירער, לייזעראָוויטש דער בוכהאַלטער און קיווקע, וואָס איז דעם פאַבריקאַנטס אַ קרוב און איז געהילפס־בוכהאַלטער — און אַז אַלע אַרום זיינען געשטאַנען און שווייגנדיק צוגעהערט דער מוטערס און די קינדערס האַרצרייסנדיקע געשרייען און קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, האָט עמעץ אַ זאָג געטאָן הויך:

— שטייען אַרום און קוקן, ווי די בהמות, לאָזן אַ מענטשן אויסגיין און ראַטעווען נישט!

האָבן זיך עטלעכע אַ לאָז געטאָן אַראָפּ אויפן הויף מיט די קאַוועקענדלעך נאָך וואַסער צום פּלומפּ, אַנדערע האָבן דעם פאַרחלשטן דערהויבן פון דער ערד. דער עולם אַרום איז אַ ביסל אָפּגעטרעטן, זיך צערוקט. מ׳האָט אים גענומען אויף די הענט, אַרויסגעטראָגן אין הויז, און אַז מ׳איז געקומען אַ שטאָק נידעריקער, האָט מען אים גענומען אַריינטראָגן אין קאַנטאָר, כּדי דער דאָקטער, נאָך וועלכן מ׳האָט געשיקט, זאָל איב

דאָרט האַטעווען, און דערנאָך וועט מען אים אוועקנעמען אַהיים, אָדער אין שפּיטאָל אַריין.

אין דער געעפנטער קאָנטאָר־טיר, ווו מ׳האָט אָנגעהויבן אַריינטראָגן די אומהיימלעכע משא, איז געשטאַנען דער פאַבריקאַנט אַראָנסאָן, מיט די אויפגעשטעלטע כיטרע אויגן. און נישט דערלויבט אַהין אַריינטראָגן:

— היער ניכט! — האָט ער שטרענג אויסגערופן.

דער עולם מיטן געחלשטן אויף די הענט איז שטיין געבליבן.

סיווקע, וועלכער איז קענטיק געווען גערירט פון דעם טראַגישן געשעניש, — דערויף האָט עדות געזאָגט זיין פּנים־בלאַסקייט, — האָט זיך נישט דרייסט אָנגערופן:

— אָנקל, נאָר אויף אַ פּאָר מינוט, דער דאָקטאָר, וועט נאָר איבערזוכן, וועלן זיי אים אוועקטראָגן.

— היער ניכט — האָט אַראָנסאָן איבערגעחזרט, — דאָ איז נישט קיין קראַנקן־הויז — און ער איז אַריינגעגאַנגען און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

אין דער פּלעט־שטוב אפשר? האָט לייזעראָוויטש דער בוכהאַלטער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט און אָנגעקוקט קאַרלינען, צי ער איז מסכים.

קאַרלין האָט בלויז אַ צי געטאָן מיט די פּלייצעס, גאָרנישט געזאָגט, און אַלע דריי זיינען זיי אַריינגעגאַנגען צוריק אין קאָנטאָר.

איצט, אַז די קאָנטאָר־לייט זיינען שוין נישטאָ געווען, האָבן שוין אַלע געפּילדערט:

אין דער פּלעט־שטוב...

— אין דער פּלעט־שטוב לאָמיר אים דערווייל אַראָפּטראָגן...

דער עולם, וואָס איז נאָך געשטאַנען ווי אַ שטיין פאַרגליווערט פון אַראָנסאָנס אָפּזאָג, האָט זיך אַ ריר געטאָן, גענומען אַראָפּגיין: „דאָס קליינוואַרג, פּעדלערס, איז פאַרגעלאָפן, פאַר זיי איז דאָס קודם־כל געווען אַ שטיקל געטועכץ, אַן איבעררייס אין דעם מאָנאָטאָנעם פאַבריק־לעבן. די מוטער, ברידערלעך און שוועסטערלעך האָבן זיך פריש צעלאָזט אין אַ געוויין און מ׳איז געגאַנגען אַראָפּ פון די שטיגן.

אָבער אונטן אין דער פּלעט־שטוב, האָבן די שיקסעס נישט קיין חשק געהאַט צו לאָזן אַריינטראָגן דעם געחלשטן. דאָ זיינען די שטיקערס שוין נישט געווען אַזעלכע שטילע, געוואָלט מיט כוח זיך אַריינרייסן, אָבער די שיקסעס זיינען אַלע אַרויסגעקומען, פאַרשליסנדיק הינטער זיך די טיר. זיי האָבן זיך פאַרענטפערט, אַז זיי קאָנען נישט אַריינלאָזן, וואָרום דרינען ליגט אַ סך סחורה צום פּלעטן, און אויב עס וועט דערנאָך עפּעס פעלן,

אָדער נאָר בלויז פאַרשמוצט ווערן, זײַנען זיי, די פלעטערינס, פאַראַנט־וואָרטלעך.

ס׳איז נישט געווען וואָס צו מאַכן.

מ׳האָט קוים געפועלט אַרויסצוקריגן אַ קויבער אַ גרויסן, וואָס דערין־טראָגט מען אַראָפּ אין קאַנטאָר די פּאַרטיקע סחורה, די געפּלעטעטע און פּאַרפּאַקטע: אַ גערוימער פּירקאַנטיקער קויבער, ווי אַ קאַסטן, מיט אין ביידע זייטן אויערן, אָנצונעמען. מ׳האָט פאָרזיכטיק אַהין אַרײַנגעלייגט דעם קראַנקן, וואָס פון מויל האָט זיך אים ווידער אָנגעהויבן ציען אַראָפּ לינקס אַ רויט שנירל בלוט. צוויי האָבן אָנגענומען ביי די אויערן, אַנדערע צוויי זײַנען געגאַנגען פון ביידע זייטן — און אַזוי איז מען אַוועק שטיל־שווייגנדיק איבער די באַלעבאַטע גאַסן, צום יידישן שפּיטאָל.

די זון, די פּאָר פּסחדיקע וואַרעמע זון, איז פאַרשווונדן געוואָרן, זיך באַהאַלטן אונטער אַ כמאַרע, ווי זי וואָלט זיך געשעמט צו באַלויכטן אָט די טרויעריקע פּראָצעסיע... פאָרזיכטיק האָט מען געטראָגן דעם קויבער, נידעריק צו דער ערד, זיך געהיטן נישט אַ טרייסל צו טאָן. די נאָכגייער זײַנען אויך געווען שטיל, מיט פאַרמרה־שחורהטע פּנימער.

בנימין איז געגאַנגען צווישן אַלע. ערשט האָט ער באַנומען, ריכטיק געפילט דעם תהום פון בלוט און טרערן, אין וועלכן ער געפינט זיך, ער מיט אָט די אַלע, וואָס גייען לעבן אים. דאָ איז שוין נישט געווען עפּעס אַרויסגעלייענט פון אַ ביכל, נאָר דאָס סאַמע נאַקעטע, גרוילזאַמע פאַבריק־לעבן. זיי, די פאַבריקאַנטן, פאַר זיי איז די פאַבריק אַ גאָלד־גרוב, אַ שמאַלץ־גרוב, פון וואָס זיי ווערן יאָר־יערלעך רייכער. און פאַר אונדז אַר־בעטער איז די פאַבריק דער מולך! דער אָפּגאָט, צו וועמען מיר זײַנען מקריב אונדזערע לייבער, פאַר די מאָגערע ברעקלעך ברויט, וואָס ער וואַרפט אונדז צו; ער, דער „מולך” פרעסט אונדזערע לונגען און זויפט אויס אונדזער בלוט.

און אַ טיפער, טיפער האַס האָט אין אים זיך געשלענגלט, אַ האַס צו יענע, וואָס פּראָפיטירן פון דעם אַרבעטערס בלוט, וואָס טוען זיך אָן וואָל־טאָג, פּוצן אויס זייערע ווייבער און טעכטער מיט די טראָפּנס מענטשן־בלוט.

און געווען איז דאָס אַ האַס פאַרדעקט פון אויבן מיט אַ שטילער רו־יקייט, ווי די לאַווע, וואָס זיצט אין בויך פון דער ערד, אין דער טיפסטער טיף, און אַז זי וועט — און זי וועט זיכער — אַמאָל אויסברעכן, וועט זי פאַרציקן, פאַרניכטן אַלץ, אָן שום רחמנות, זיך נוקם זײַן פאַר אַלע דורות אומשולדיקע קרבנות, קרבנות פון מענטשס אומרעכט.

1905

(קאפּיטלען)

אַ גאַנצע וואָך שוין ווי עס האַלט אָן אַ שטרייק אין גינזבורגס שטי־קעריי־פאַבריק. ס'איז שוין געווען אוממעגלעך אויסצוהאַלטן, און די שטיקערס דאָרט האָבן געוואָרפן די אַרבעט.

פון נאָך דער אַלגעמיינער אַרבעטסלאָזיקייט, ווען גינזבורג האָט צוריק געעפנט די פאַבריק און אָנגענומען שטיקערס אויף די נייע פאַרקלענערטע לוינען, — איז נאָך דאָרט נישט געווען קיין איין געניטע אויסצאָלונג... און אַז די אַרבעטער קומען אין קאָנטאָר בעטן אַ חשבון — מאַכט די פאַבריקאַנטקע אין דער גוט־יידישער „קופקע" אַ שמועס גאָר פון עפּעס אַנדערש, למשל, וועגן דעם, ווי וואויל עס לעבט זיך די אַרבעטאָרערס, אָן קאָפּ־דרייעניש... און אַז דעם גאַנצן פרייטיק־טאָג קויפן אויף די שטיקער־ווייבער...

דווקא דער שטרייק אין גינזבורגס פאַבריק שוין עטלעכע טעג, די עלטערע און נישט־באַוווסטזיניקע אַרבעטער מיט זעליג פלאַפּלער בראָש, האַלטן אין איין אַרומרוכן דעם „אינטעליגענט" — חיימל „דאָקטער" — האָבן נאָכאַנאַנד צו אים טענות, ווען וועט מען זיי שוין נאָכגעבן און דער שטרייק וועט אויפהערן. טיילמאָל האָבן זיי צו אים טענות, פאַרוואָס ער, חיימל, פירט זיי אַרום ביי דער נאָז, פאַרוואָס די אָרגאַניזאַציע צאָלט זיי נישט עפּעס... און זיי שטעלן אים יעדעס מאָל אַ לעצטע פאָדערונג — און ס'קאָסט מי זיי יעדעס מאָל צוריקצוהאַלטן פון צו גיין אַרבעטן.

די „סבאָדקע"־זיצונגען גייען צו שטורמיש... יודע, יודע דימאַנט פאַרערט וואָס אַ טאָג שטרענגער, מ'זאָל דעם ענין איבערגעבן דעם

„באַיעוואַי אטריאַד". אַנדערע זיינען מיט יודען מסכים, און כוח קאָסט עם חיימל „דאָקטער", יעדעס מאָל איינצוהאַלטן א ביסל פון נאָכצוגעבן יודען...

— איר זענט שוין צופיל אָפּאָרטוניסט, נישט אַזעלכע דאַרפן מיר היי! — וואַרפט יודע חיימלען ווערטער, און ער פאַרקרימט הערביי אין א בייזער גרימאַס דאָס מאָגערע פנים מיט גרוי־גרינלעכע אויגן.

חיימל אָבער איז געלאַסן און אויסגעהאַלטן און מיט זיין געלאַסנקייט און ריכטיקע באַווייזן געלינגט אים יעדעס מאָל איינצושטילן די געמיטער — אַזוי פון די איבעריקע סבאַדקע־מיטגלידער, ווי אויך פון גינגאָלדס אַרבעטער, וואָס קומען צו אים אַלץ מיט חוצפּהדיקערע טענות און פאָדערונגען.

נאָך שבת אָבער האָבן זיך פּלוצלונג אין גינגאָלדס פאַבריק געעפנט לאָדן נאָך לאָדן, בא די מאַשינען האָבן זיך באַוויזן פרעמד־פּנימדיקע אַרבעטער: מאַשין נאָך מאַשין האָט גענומען זיך באַוועגן, רוישן, גיין, ווי געוויינלעך — די גאַנצע פאַבריק כמעט האָט געאַרבעט מיט שטרייקברעכער.

דעמלט, אַז ס'האָט שוין יאָ אַזוי ווייט געהאַלטן, איז מען שוין גאָרנישט געקומען פרעגן חיימל „דאָקטערס" עצה — פאַרנאַכט פאַרן אויפהערן דאָרט די אַרבעט, איז אַהין אַרויף אונטער יודעס אָנפירונג א חברה. ס'האָט אויסגעבראָכן א געשלעג. ס'איז אויבן געווען א מוראדיק געשלעג: מאַשין־רימענס זיינען צעשניטן געוואָרן, פּלאַנטעס שטאָף ערשט אָנגעהויבענע און אויך שוין האַלב פאַרטיקע — זיינען צעטרענט געוואָרן; רעדער זיינען אַראָפּגעשמיסן געוואָרן פון די פענצטער אויף דער גאַס אַראָפּ, בלוט האָט גערונען פון קעפּ, פון נעז, פון מיילער...

און ווער פון די שטרייק־ברעכער עס האָט נאָר געקאָנט זיך אַרויסרייסן האָט איבערגעלאָזט די מלבושים און אַזוי, ווי ער גייט און שטייט, אַראָפּגעלאָפן אין גאַס, אַבי נאָר זיך אַרויסצובאַקומען — און ערשט אונטן אומגעריכט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון א נייער חברה, וועלכע האָט בא דער אויסגאַנג־טיר געהאַלטן וואַך מיט דערהויבענע שטעקנס אין די הענט...

נאָך אַט דער גאָב איז מען געווען זיכער, אַז מער וועט שוין די שטרייקברעכער זיך נישט גלוסטן מאָרגן צו גיין אַרבעטן, — די פּאָליציי אָבער, מוז זיין; האָט באַלד געקריגן אַ ידיעה פון דעם, וואָס איז פאַרלאָפן, און ביינאַכט זיינען פאָרגעקומען אַרעסטן פון די בעטן אַרויס...

די פּאָליציי האָט זיך אָפּנים נישט צופיל דעם קאָפּ געבראָכן צו דערגיין וועמען מען דאַרף איינצוזעצן. ס'איז נאָך, מסתמא, געווען דער צעטל

פון די, וואָס זיינען פאַראַיאָרן ווינטער געזעסן אין תפיסה, — איז מען געגאַנגען געבוי לויט אָט דעם צעטל און גענומען פון די בעטן... נייע, נאָכנישט געזעסענע, האָט מען אויך עטלעכע גענומען, אַזעלכע, וואָס די פּאָליציי האָט שוין באַזונדער אויפן אויג געהאַט, ווייל מ׳זעט זיי צופיל אומעטום... צוויי אינגאַנצן זיינען עס געווען די נייע: מאיר לאַך און יודע, יודע דימאַנט.

צומאָרגנס זיינען מאַמעס געקומען מיט קלאָג־זמרלעך צו גינגאָלדן אין קאַנטאָר; יעדע מאַמע באַזונדער האָט געשריגן, אַז אירער איז אומשולדיק אַרעסטירט געוואָרן; אָן אַנדערע ווידער איז גרייט צו ברענגען עדות, אַז איר זון געהערט שוין לאַנג נישט צו די „אחדות“, אָבער, אַז אירער איז געכטן ווען דאָס געשלעג איז פאָרגעקומען, גאָר געזעסן אין דער היים; און אַלע וויסן דאָך, אַז אירער האָט די „חברה“ פיינט ווי חזיר... ווידער אַן אַנדערע נעמט גאָר גינגאָלדן אַליין אַלס עדות פון איר יינגלס ערנטלעכקייט, זי וויל נאָר, ער, ר׳ יאַנקל, זאָל זיך אַ דערמאָן געבן: מיט אַ צוויי יאָר צוריק, ווען אירער האָט דאָ געאַרבעט, ווי אַ טייערע אַרבעטער ער איז, ווי׳נע גאָלדענע הענט ער פאַרמאָגט...

אַזוי האָבן זיי געטענהט, געבעטן און געשתדלט די מאַמעס פון די אַרעסטירטע ביי גינגאָלדן אין קאַנטאָר, — גינגאָלד אָבער, ר׳ יאַנקל גינגאָלד, אין חסידישן קאַפּל מיט דער לאַנגער און ברייטער רבישער באָרד, אין טלית־קטן מיט די לאַנגע און גראָבע ציציות, און זיין ווייב פּעסע אין טיפן קופּקעלע, — זיי האָבן געהאַט פאַר אַלע איין איינציקן ענטפער:

— ברענגט אונדז אהער די, וואָס זיינען יאָ שולדיק — די ראַבוש־ניקעס, די רוצחים, ווייזט אונדז אָן, וועט מען אייערע אַרויסלאָזן.

בנימינען האָט מען אויך צוגענומען, ישראל נחן — נישט, לויטן צעטל פון אַמאָל און גדליה שעראַדזער, וואָס ער געהערט גאָר צו די פּ. פּ. ס., האָט מען אויך אַרעסטירט. די פּאָליציי, אפנים, האָט נאָכנישט געוווּסט דעם חילוק...

ס׳איז געווען די זעלבע תפיסה, וווּ בנימין איז געזעסן דעם פאַריקן ווינטער. היינט איז אָבער דאָ געווען שוין גאָר אַנדערש, שוין גאָרנישט די שטרענגקייט, וואָס דעמלט — אַלע אַרעסטירטע זיינען געזעסן צעטיילט אין צוויי גרויסע קאַמערן, די קאַמערן זיינען געווען נישט פאַרשלאָסן. מ׳האָט געהאַלטן אין איין גיין פון איין קאַמער אין דער צווייטער. מ׳האָט דיספּוטירט וועגן די פאַרשידנסטע פּונקטן פון די פּאַרטיי־פּראָגראַמען...

גדליה שעראַדזער, דער איינציקער פּ.פּ.ס.ניק צווישן אַזוי פיל קעגנער, האָט זיך דאָ געפילט, ווי זיין שטייגער שטענדיק, האָפּערדיק. ער האָט דאָ אויך געלעכערט אַלעמען די קעפּ מיט זיין „צענטראַליזאַציע“ און „דע־

צענטראליזאציע"... אָבער שוין נישט מיט אזא קריגס־גריטקייט, ווי אויף דער פריי, ווען ער האָט ארום זיך די זייניקע...

אין שטאָט האָט דערווייל יאַנקל גינגאָלד מיט זיינע בני־בית מורא געהאַט ארויסצווייזן זיך פאַר אַ מיר. וועלוול גינגאָלד, דאָס בן יחידל זייערס, איז אַהיימגעקומען פון גאַס מיט אויסגעפּליאַסקעטע באַקן און ר' יאַנקל גינגאָלד אַליין, ווען ער איז אינדערפרי אַהיימגעקומען פון שטיבל מיטן גרויסן טלית־זאַק, — זייגען, נישט ווייט פון זיין היים, אין ראָג גאַס, ארויסגעקומען פון אַ הויז צוויי אומבאַקאַנטע יונגען און האָבן אים אויף דער גיך אָפּגעשטעקט אַן עליה מיטן גוטן צוזאָג, אַז אויב ער וועט נישט זען מ'זאָל באַפרייען די אַרעסטירטע, מעג ער זיך שוין אָפּגעזעגענען מיט זיין רעשטל יאָרן... גינגאָלד מיט זיין אשת־חיל, פּעסע די פאַבריקאַנטקע, האָבן זיך אַרומגעקוקט, אַז עס טויג נישט און אַז נאָר סיידן אַ ראַטע באַוואָפנטע זעלנער קאָן זיי און זייער האָב און גוטס אָפּהיטן פון די אחדות־יונגען. פון זייערע עשירישע הענט מוזן די כלעריי מיני געוואָרן — זיינען זיי געלאָפן מיט תחנונים צום פּאָליצמייסטער, טענהדיק פלוצלינג, אַז זיי געדענקען גאָרנישט, צי טאַקע די, וואָס מ'האָט אַרעסטירט, זיינען די זעלבע, וואָס האָבן געמאַכט דאָס געשלעג אין זייער פאַבריק.

דער פּאָליצמייסטער האָט שוין איצט גאָרנישט געהאַט דערוועגן צו באַפעלן, די אַרעסטירטע זיינען שוין נישט געווען אין זיין רשות — די יונגען אָבער האָבן נישט געשוויגן: רק געסטראַשעט... און ר' יאַנקל גינגאָלד האָט קוים מיט מי אויסגעפּועלט, מ'זאָל אים ווייזן די אַרעסטירטע, און ער זאָל קאָנען זאָגן — צי דאָס זיינען די זעלבע, צי נישט.

אין אַ פאַרמיטאָג — נאָך עטלעכע טעג זיצן, — האָט מען די אַרעס־טירטע איינציקווייז אַריינגעפירט אין דער טורמע־קאַנצעלאַריע. דאָרט איז בײַ אַ טיש געזעסן דער תפיסה־נאַטשאַלניק, דער פּאָליצמייסטער, אַ זשאַנ־דאַרמסקע, אַ שרייבער און אַ חוץ זיי האָט זיך דאָרט נאָך געפונען: גינ־גאָלד, זיין ווייב און זייער בן יחיד וועלוול.

איינציקווייז האָט מען אַריינגעפירט די אַרעסטירטע, אַריינגעפירט און באַלד צוריק ארויסגעפירט. און דער רעזולטאַט פון אָט דעם איז נער ווען, אַז נאָך דעם זעלבן טאָג זיינען אַלע אַרעסטירטע באַפרייט געוואָרן — אַ חוץ איין יודע דימאַנט, וואָס איז געבליבן זיצן אַלס אָנפירער פון דעם געשלעג אין גינגאָלדס פאַבריק. יודע איז ווייטער געבליבן זיצן, אים איז שוין נישט געלונגען ארויסצודרייען, כאָטש גינגאָלד האָט עס זייער גע־וואָלט פאַר מורא, פאַרשטייט זיך...

* * *

דעם ערשטן מאי איז לעמל פרי אויפגעשטאנען. ער האט שטילינקערהייט, די מוטער זאל נישט הערן, זיך ארויסגעגנבעט פון שטוב אין קעמערל ארויס. דארט האט ער געהאט ליגן באהאלטן א בראשורע, האט לעמל בדעה געהאט, ביז די מוטער וועט אויפשטיין, דערווייל א ביסל צו לייענען דאס ביכל.

די לעצטע וואכן האט לעמל געלייענט א סך אומלעגאלע ליטעראטור. דאס ערשטע ביכל האט אים ישראל נח אפגעשטעקט, דאס האט געהייסן „די מעשה פון פיר ברידער". לעמל האט דאס העפטל גיך דורכגעלייענט, עס גוט באנומען און פארלאנגט נאך. היינט האט שוין לעמל א סך געלייענט. ער איז שוין אדורכגעגאנגען „שפינען און פליגן", „פון וואס איינער לעבט" און „רעליגיאן פון קאפיטאל".

איצט לייענט לעמל „די גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציע" און אט דאס בוך האט לעמלען ממש איבערגעדרייט אלץ אין קאפ. פראסט ווי מ'קערט איבער א מלבוש מיט דעם אינעווייניקסטן ארויף ניי און אנדערש איז ער געווארן, און ער האט אין הארץ זיך געווונטשן, עס זאל אים צו האנען קומען אזא מאמענט, ער זאל זיך דארפן דאס לעבן איינשטעלן, ווי אמאל די פראנצויזישע רעוואלוציאנערן און קאנען ארויסווייזן העלדישקייטן, ווי זיי דעמלט.

שפעטער איז לעמל געווען אין גאס. דער טאג איז געווען א שיינער, א זוניקער — אן אמתער ערשטער מאי, — קיין איין פאבריק האט היינט נישט געפייפט, די באוועגונג אין די גאסן איז א לעבעדיקע... מ'גייט אהין און צוריק, איינציקווייז און צו עמלעכע. און רויט, רויט און רויט. יעדער איינער טראגט א שטיקל רויט, ווער א שלייפל, ווער אין דער לאץ א שטיקל... ארבעטער, יידישע און קריסטלעכע, גייען דרייסט מיט דערהויבענע קעפ, מיט פארקעמטע גזשיווקעלעך, מיט „פאהלעך" און אויך מיט רויטע אין די קלאפעס. און אט די שקצים, וועלכע דו קענסט, דאכט זיך, פאר פראסטע שקצים, נישט קיין באוווסטזיניקע, — און מיידלעך יידישע און פוילישע מיט רויטע בענדער אין די האר, און ווידער רויט און רויט, אזש עס איז דיר א וואנדער, פונוואנען אין שטאט האט זיך געפונען אזוי פיל געוואנט.

...אויפן טראטואר צווישן דעם זיך באוועגנדיקן יונגווארג איילט דורך דער פריסטאוו איוואנאוו, „דער משוגענער". ער גייט איילik, ווי זיין שטייגער. נאר אומזיכער עפעס. עס דאכט זיך, אז אזוי גייענדיק, האט ער

מורא נישט צו כאפן דערווייל א קויל אין רוקן — אזוי גיך און נישט זיכער לויפט ער.

און אט הארט קומט אן דער רעוויראווע דראפינסקי, דער פאליאק. ער גייט אנגעטאן אין דער ברייטער שווערד און רעוואלווער־טאש ביי דער זייט — געלאסן גייט ער און שטייט, ווי ער וואלט גארנישט קיין מורא געהאט. נאר דאס גריסן יעדן קוים־באקאנטן, דער לייג צו יעדע הנט די האנט צום שטערן פאר יעדן — פארמסרט, אז אויך ער האט פחד.

לעמל האט זיך איינער אליין ארומגעדרייט, געגאנגען פון איין טראַטואר אויפן צווייטן... ישראל נח איז אים אנגעקומען אנטקעגן. ער איז געגאנגען גיך, ווי ער וואלט געאיילט ערגעץ. לעמל איז נישט דרייסט גע־ווען אים אפצושטעלן. נאר ישראל נח איז אליין צו אים צוגעקומען, גע־געבן די האנט און א שעפטשע געטאן:

— קעגן צוועלף — אויף דער בירזשע...

און לעמל האט באלד געהאט די גוטע געלעגנהייט זיך א ווייז צו טאן, אז ער איז אויך נישט קיין פשוטער מאסאוויעץ: אז שלמה קאזשעמינ־סקער איז אביסל ווייטער צו אים צוגעקומען אויך מיט דעם שעפטש:

— צוועלף א זייגער זאלסטו זיין אויף אונדזער בירזשע, — האט לעמל מיט באליידיקטן שטאלץ אפגעענטפערט:

— כ'ווייס אזוי גוט ווי דו.

ביז צוועלף אזייגער איז נאך געווען מער ווי צוויי שעה צייט, איז לעמל אוועק אין פארק, א ביסל לייענען דערווייל „די פראנצויזישע רע־וואלוציע”.

דאס ביכל איז א חוץ וואס עס מאכט באוווסטזיניק — אויך אינ־טערעסאנט צום לייענען, זייער אינטערעסאנט; אין פארק, אין דער קיל הינטער א בוים, לייענט זיך געשמאק. לעמל איז זיך פארזעסן ביים לייענען, פארגעסן גאר, אז צוועלף אזייגער דארף ער זיין אויף דער בירזשע. און ווען לעמל האט געהאלטן אין ביכל שוין נאכן שטורמען די באסטיליע — האט ער מיט אמאל דערהערט א ווייטן, ווייטן געטומל, צו זיינע אויערן האט דערגרייכט א מאסן־געזאנג פון דער מארסעליעזע... דאס געזאנג האט זיך געטראגן נישט פון יענעם טייל שטאט, ווו די „בירזשע” געפינט זיך, נאר גאר פון אן אנדערער זייט. — לעמל האט גוט באהאלטן דאס ביכל אין בוזעם און גיך גענומען איילן אהין, פונוואנען דאס געזאנג טראגט זיך, צו יענעם פארק־ארויסגאנג.

ווען לעמל איז שוין געווען ביים עק פארק, האט ער געהערט עטלעכע מאל שיסן. באלד האט ער שוין דיימלעך געהערט ביקסן־שאסן. ער האט, פארשטייט זיך, נישט געקאנט וויסן, ווער דארט שיסט צו וועמען; דא, אין

דער פארק־שטילקייט און גרינקייט פוןביימער, גראז און בלומען, האט זיך געקאנט גלויבן, אז דאס שיסן דארט די דעמאנסטראנטן, און אזוי ווי לעמלס קאפ איז נאך פול געווען מיט בילדער פון דער אקארשט געלייענטער „פראנצויזישער רעוואלוציע" — האט ער מוטיק גענומען איילן נאך דעם קול פון געזאנג, וואס ער האט ערשט פריער געהערט.

נאר ווען לעמל איז ארויסגעקומען פון פארק און שוין געווען אויף דער גאס, איז מיטאמאל אראפגעפאלן א גאס רעגן, און לעמל האט געמוזט אריינגיין אין א הויז איבערוואַרטן דעם רעגן.

דער רעגן האט אנגעהאלטן א היפשע ווילע, שוואכער געווארן און גלייך געשטארקט זיך, שוואכער געווארן, אט־אט אויפגעהערן און גלייך ווידער געשטארקט... פון די רינעס האט זיך געגאסן וואסער מיט א קראפט, ווי פון א פלומפ; אין די רינשטאקן האט זיך געטראגן א שטראם, ווי א טייך בלומרשט, און ווען דער גאס רעגן האט ענדלעך אויפגעהערט, איז לעמל ארויס פון הויז, וווּ ער האט איבערגעווארט דעם רעגן און איילים געגאנגען דורך הינטער־גאסן, אום זיך דעם וועג צו פארקירצן. ווען ער איז ארויסגעקומען נישט ווייט פון דעם פאלץ, ווו עס שטייט דעראיצט אייזערנער דענקמאל אין פארם פון א פעלז, — איז דארט אויף דעם פלאץ איצט קיינעם נישט געווען צו זען, די געשעפטן און די טויערן — פארמאכט; קיין לעבעדיק באשעפעניש האט זיך נישט געזען; היטלעך, קאפּעליושן און שטעקנס האבן זיך ארומגעוואלגערט אין דא און דארט, ווייטלעך איבער דעם גרויסן אפגערוימטן פלאץ, זיינען געלעגן אויף דער ערד אויסגעצויגן עטלעכע מענטשן; איינער פון זיי: א פרוי מיט א קאלירט שירעמל לעבן זיך.

לעמל האט נאך קיינמאל אזעלכעס נישט געזען, מענטשן זאלן ליגן אויף דער ערד אויסגעלייגט ווי קלעצער. קיין פאליציי אדער זעלנער איז נישט געווען צו זען קיין מענטשן אויך נישט, נאר ווייטער אראפ א ביסל, ווען דעם דערשראקענעם לעמל איז אויסגעקומען פארבייצוגיין א הויז זיינען פון דארט ארויסגעקומען עטלעכע מענטשן און אויף א ברעט האבן זיי געטראגן א מענטש מיט א וואקס־געל פנים און פארלאפענע אויגן, וואס האט יעדע רגע, ווי דער אומרו פון א וואנט־זייגער, געווארפן מיטן קאפ. געפרוווט זיך דערהייבן און קרעמפנדיק אויסגעשטרעקט דעם קאפ, ווי א האלב דערשטיקטע גאנדז, און לעמל האט אין דעם גוססריקן מענטש שווערלעך דערקענט גדליה שעראדזער, דעם פּפּסניק; און באלד הינטער אט דעם האבן אנדערע מענטשן, אויסגעמישט יידן און קריסטן, געטראגן נאך עטלעכע פארוונדעטע, וואס פון איינעם פון זיי האט פון אונטער דעם ברעט געטריפט טראפנס בלוט אראפ אויפן ברוק.

אין די ווייטערדיקע גאסן איז געווען רויק, ווי אלע טאג (ס'האט דעם איינדרוק געמאכט, אז דא איז נאך רויקער ווי שטענדיק), די געוועלבער זיינען אפן געווען, קונים זיינען געגאנגען אריין און ארויס. אויף די טראטוארן איז געווען די געוויינלעכע באוועגונג און דארט, אין די שטיל־שלווהדיקע גאסן, האט מען געוווסט צו דערציילן אז די פאליציי און מיליטער זיינען נישט ווייט פון דענקמאל אנגעפאלן אויף דער דעמאנסטראציע און געמאכט הארט א שחיטה און ס'האט געקאנט זיין נאך ערגער — האט מען זיך איבערגעגעבן — עס וואלטן געווען נאך מער קרבנות, ווען נישט דער גאס־רעגן, וואס האט געצוואונגען די אנפאלער אפצוטרעטן און נישט נאכצויאגן מער די אנטלויפנדיקע.

...אין ארבעטער־קווארטאל זיינען מאמעס ארומגעלאפן ווי משוגע, געשריגן, געיאמערט: „מיין הערשעלע ווו איז?... מיין אשר ווער האט געזען?... וויי איז אך איז מיר, מיין ביילע מינדל ווו איז ערגעץ”... — חיה רבקה מיט סימעלען זיינען געשטאנען פארן הויז. חיה רבקה — א בלאס־געלע מיט בלאנדזשענדיקע בליקן און פארפרעסטע ליפן. — לעמל איז אנגעקומען. סימעלע, א וויינענדיקע, האט געפרעגט לעמלען, צי ער האט נישט ערגעץ געזען בנימינען אדער ישראל נחן און לעמלס מוטער האט מיט א פרייד, וואס האט אויסגעזען נישט נאטירלעך און מיט א טרא־ציקן שמייכל צו חיה רבקהן און דער טאכטער אירער, וואס האבן מיט א האפענונגסלאזער צערודערטקייט אויסגעקוקט די זייעריקע — זיך א ווארף געטאן לעמלען אויפן האלדז מיט א רייסנדיקן קוויטש:

— מיין ליבער זון, מיין געפונענע קינד!...

די שעהן האבן זיך גערוקט פאמעלעך און שווער. אין ארבעטער־קווארטאל זיינען ארומגעגאנגען פארגרעסערטע פאטרולן פאליציי; מאמעס זיינען ארומגעקראכן טריב און פארצאגט, שיער משוגע ווערנדיק פון אומגעדולד צוליב א זון, אדער טאכטער, וואס איז נאך נישט אהיימגעקומען. אויסטערלישע קלאנגען האבן זיך אהער דערטראגן, אלע מינוט האט מען געזאגט אויף אן אנדערן, אז ער איז דערהרגעט געווארן. און נישט־ווו, נישט־ווען האט עמעץ צעלאזט א קלאנג, אז מ'שיסט ווידער אין יענע גאסן... און כאטש עס האט זיך יעדעס מאל באלד ארויסגעוויזן פאר ליגנט, איז פונדעסטוועגן יעדעס מאל פריש אויסגעבראכן א קלאג, מאמעס מיט פארבראכענע הענט האבן זיך געלאזט לויפן אין דער וועלט אריין...

קעגן פארנאכט איז געקומען בנימין, אין שפעטער א ביסל אויך ישראל־נחן. די מוטער האט ביים דערזען די זין אפגעאטעמט, סימעלע האט דערציילט, ווי אומרויק די מאמע און זי זיינען געווען. בנימין האט דער־

מוטער בארויקט, אז זי האט גארנישט געראפט זיך באאומרויקן, ער איז געזעסן די גאנצע צייט אין א שטוב ביי א באקאנטן, און ישראל נח האט זעענדיק דער מוטערס פרייד - טרערן און הערנדיק איר אויסרעדן, פארוואס מ'האט זי געלאזט אזוי לאנג ווארטן מיט הארץ קלאפעניש — האט ישראל נח זיך אנגערופן מיט א צערייצטקייט:

— און אז אנדערע מאמעס האבן היינט אנגעווירן קינדער; פארוואס זארגט די מאמע נאר וועגן אייגענעם זון און איז צופרידן, אז נאר איר'ע קינדער האט נישט געשאדט?

אלס ענטפער אויף ישראל נחס דאזיקער דרשה האט די מוטער באקומען אן אנפאל — זי האט געוויינט און געלאכט און געהעשעט, און ס'האט געדויערט, ביז מ'האט זי צוריק צו זיך געברענגט.

צומארגנס, דעם צווייטן מאי, נאכמיטאג, האט זיך איבער די פאבריקן צעטראגן דאס נייעס, אז אין יידישן שפיטאל איז געשטארבן גדליה שערא־דזער, וואס איז נעכטן אויף דער דעמאנסטראציע שווער פארוואונדעט געווארן. און די פארטייען האבן אויפגעפאדערט אויף מארגן צו באטייליקן זיך אין דער לוויה...

* * *

...ס'איז געווען א זעלטענער טאג דעמלט: פון גאס צו גאס האבן מחנות מארשירט מיט רויטע פאנען און געזאנג, דעמאנסטראציעס האבן זיך באגעגנט, זיינען זיך אנטקעגנגעקומען אין פארשידענע פונקטן שטאט, זיך קעגנזייטיק באגריסט מיט די פאנען, מיט אויסרופונגען, זיך צוזאמענגעשמאלצן און אונטער פארשידנפארביקע פאנען צוזאמען מארשירט מיט מוזיק און געזאנג: ווילד־פרעמדע מענטשן זיינען זיך אויף די העלדזער געפאלן, געקושט און געהאלדזט; פריידן־טרערן האבן געגלאנצט אין יונג געווארענע אויגן...

אין א גאס זיינען געשטאנען אין א לאנגער ריי וועגן און אויף די וועגן זיינען געזעסן שמייסערס — האבן זיך די פויערים, די שמייסערס אנידערגעקניט און מיט אנטבלויזטע קעפ, קוקנדיק מיט דאנק צום הימל — אדורכגעלאזט די רויט־באפאנטע זינגענדיקע פראצעסיע.

ס'איז געווען דעמלט א טאג אזא, ווען אלע — אפילו זקנים אפגע־לעבטע מיט געבויגענע קניען זענען יונג. און אז ס'איז געווארן נאכט, ווען דער הארבסט־אוונט האט זיך מיט זיין פייכטער און טריבער שווערקייט

אויף דער וועלט אראפּגעלאָזט, איז אַלץ נאָך געווען טאָג, העלער זוניקער פרילינגס־טאָג; די יובלענדיקע מאַסן האָבן אים אין די הערצער געטראָגן, אין געמיט האָט ער זיי געבליט.

און ווער און וואָס זיינען זיי געווען אָט די מענטשן? אַלע פענצטער זיינען פאַר זייערטוועגן געווען אילומינירט, און פון די באַלקאָנען האָט מען מיט פרייד־אויסרופן זיי באַגעגנט; מיט בלומען האָט מען באַשיט די קעמפער — אָט יענע קעמפער, די „אחדות־יונגען", וואָס נעכטן ערשט זיינען זיי פון אַלע באַשפּיגן געוואָרן און מער ווי פאַראַכטונג האָט מען אין די אויבערשטע שטאָקן, וואָס מיט די באַגאַרדינטע פענצטער, נישט געהאַט פאַר זיי, און היינט — אַפּלאַדיסמענטן, פרייד־געשרייען און רע־וואָלוציאָנערע אויסרופן.

א גאַנצע נאַכט ביז פאַרטאָג האָבן די מחנות געיובלט און געשריגן, געטאַנצט אין די גאַסן און זיך געווונטשן... דער איינזאַמער סטראַזשניק, דער סטאַיקאָווע אין ראָג גאַס, האָט זיך קוים דערהריסט צוצוגיין צו א קלענערער מחנה מיט א בקשה:

— קינדער, גייטס שלאָפן, ס'איז שפּעט, מאָרגן איז אויך א טאָג...

דאָס סטראַזשניקל איז געווען אַן עלנטס, א נעבעכדיקס, עמעץ — דאַכט זיך שלמה קאַזשעמינקער — האָט א נעם געטאָן אין האַנט אַן עק פאַלע פון זיין רעקל און האַלטנדיק דאָס ווי אַן אָפּן שיסעלע, האָט ער מיט א קאַטאָוועסדיקן רחמנות זיך געוואַנדן צו די אַרומיקע:

— חברים, וואַרפטס איין צו גראָשן, וועט מען דאָס סטראַזשניקל שיקן אויף נאַכטלעגער... ס'איז אים, נעבעך, קאַלט.

דער עולם האָט אויף דעם סטראַזשניק רחמנות געהאַט, צוגעזאָגט באַלד צו דערפילן זיין בקשה און צעגיין זיך, נאָר נאָך א ביסל. און מ'האָט זיך מיט א פריש געזאַנג געלאָזט איבער די שטילע נאַכטיקע גאַסן, ווו צוליב דעם קייזערלעכן מאַניפעסט האָבן היינט א גאַנצע נאַכט געברענט די גאַס־לאָמפּן.

ערשט שוין גאָר, גאָר שפּעט, כמעט פאַרטאָג, האָט דער עולם גע־פועלט ביי זיך צו צעגיין זיך יעדער אין זיין היים, מיטן באַוווסטזיין, אַז מאָרגן איז נאָך אויך א טאָג און די פרייהייט איז דאָך שוין אויף שטענ־דיק.

בנימין איז אַהיימגעקומען פון דער מאַניפעסטאַציע, איז נאָך ישׂראל נח נישט געווען. אַריינקומענדיק אין נאַכטיקן הויף, האָט זיך בנימין איבערגעשראָקן. די שכנטע, לעמלס מוטער, איז האַפּטעם א קום אַרויס געטאָן פון איר שטוב האַלב־נאַקעט, האַסטיק א פרעג געטאָן בנימינען, צי ער האָט נישט געזעען איר לעמל און צי ער קומט נאָך נישט אַהיים,

און אז בנימין האָט געזאָגט, אז ער ווייסט נישט, האָט זי אַ האווקע גע־טאָן, ווי אַ בייזער הונט:

— ער וועט זיך שוין, דער כאָלערניק, אַ שווארץ יאָר אויסריכטן, איך וועל אים שוין ווייזן אַ „פרייהייט"! — אזוי האָט זי אַ ביל געטאָן און צוריק אריינגעגאנגען צו זיך. און מאָרגנס אומפארשטענדלעך: אָט די ווערטער דער יידענעס האָבן בנימינען געקלונגען אין די אויערן ווי עפּעס אַ בייזע נביאות און אים דאָס הארץ באשווערט.

בנימין איז אריינגעקומען אין שטוב. ס'איז געווען טונקל, אַן אראָפּ־געדרייט לעמפּל האָט געברענט אויפן טיש, דערלעבן איז געשטאַנען אַ שעפּ וואסער און עפּעס אין אַ גלאָז צוגעדעקט מיט אַן אונטערשטעלערל. די מוטער האָט פון בעט ארויס פארשלאָפן געפרעגט: „ווער דאָס?" און הערנדיק, אז דאָס איז בלויז בנימין און ישראל נח — נאָך נישט, האָט זי מיט אַ טרויעריקער בייזקייט אַ מורמל געטאָן:

— סימעלע האָט היינט געהאט אַ שלעכטן טאָג, און זיי — ס'זאָל זיי כאַפּט ארן — לויפן ארום אין די גאסן, אַ שמחה אויף זיי! — און ווידער האָט די בייזע נביאות אַ וואך אויף געטאָן אין בנימינס געמיט נאָך שטארקער ווי פריער, און דער אָקארשט פריילעך פארענדיקטער טאָג האָט אים אויסגעזען ווייט און פרעמד אזוי.

* * *

נאָך דער נעכטיקער אלגעמיינער שמחה איז חיה רבקהס עולם צו־מאָרגנס שפּעט אויפגעשטאַנען. די מוטער האָט געמוזט אַ סך וועקן און דערמאָנען, אז ס'איז שוין באלד מיטאָג. ביז די זין האָבן זיך פון בעט ארויסגערירט. אנשל איז וועגן עפּעס אַ זייפנזידעריי־ענין ארויפגעקומען צו ישראל נחן, און ווען ער האָט שוין געהאט דאָס זייניקע דערליידיקט, האָט אנשל אויסגעשטעלט זיינע ארויסגעזעצטע אויגענעס און דערציילט, אז פּאַצאַנאָווסקי, דער קוילן־סוחר פּאַצאַנאָווסקי — ער ווייסט דאָך יאָ אַליין! — האָט אים אָט ערשט דערציילט, אז דער נעכטיקער מאַניפעסט מיט דער גאנצער פרייהייט איז נאָר בלויז אַ קאַטאָוועס. דאָס האָט מען אין פּעטערבורג געמאַכט אזאַ קונץ־שטיק, אום אזויערנאָך זיך צו דער־וויסן, ווי גרויס ס'איז די „חברה", און איצט וועט מען זיך צו „זיי" ערשט רעכטן אַ נעם טאָן.

אנשל האָט דאָס געהערט קאַלט, געלאַסן, ווי זיין שטייגער און געשמייכלט דערביי מיט זיין להכעיס־שמייכעלע, אַזש די שוויגער חיה רבקהן, האָט דאָס אויפגערעגט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אירע צוויי זין, מאַמעדיק אַ קוק געגעבן, צי אַנשלס רייד פאַרשאַפן זיי קרענקונג, און זי האָט זיך געאיילט אַנשלען אָפּצווענדן און זי איז דערביי רויט געוואָרן, אַזוי פון נישט דרייסטקייט אַקעגנצורעדן דעם רייכן איידעם, ווי אויך פון עגמת־נפש, וואָס ער קרענקט אירע קינדער.

— אַ קייזער, אַ רעגירונג — האָט חיה רבקה געזאָגט — מאַכט נישט קיין קאַטאָוועסן. אַז אַ מלכות גיט אַרויס אַ מאַניפעסט, איז עס נישט קיין קינדער־שפּיל.

— פּאַצאַנאָווסקי ווייסט אָבער אויך וואָס ער רעדט — האָט זיך אַנשל נישט געלאָזט אָפּשפּאָרן — פּאַצאַנאָווסקי שטעלט צו קוילן ביים גובערנאַטאָר.

ער האָט דאָס געהערט פון אַ גרויסן מאַן... די שוויגער וועט שוין זען, צי ס׳וועט נישט זיין אַזוי...

— איך וויל דאָס גאָרנישט זען — האָט חיה רבקה גערעדט האַרט — ס׳איז שוין גענוג יונג בלוט פאַרגאָסן געוואָרן, ס׳מעג שוין גענוג זיין אין גאַנץ אויגן.

אַלע דריי — אַזוי די מוטער, ווי די צוויי זין און אפילו דאָס יינגסטע מיידל סימעלע — האָבן אַנשלען נישט פריינטלעך אָנגעקוקט. אַנשל האָט געלאַכט מיט זיין הילצערן געלעכטערל און אַוועקגעגאַנגען.

— אַ בייזן פּיסק דאָס האָט אַ ביסל, — האָט אים די שוויגער נאָכגעשיקט און זי האָט אַ זיפץ געטאָן, מן הסתם אין זינען האָבנדיק, מיט וואָס פאַר אַ גאַל־אָפּדריקער איר טאָכטער מלכה איז, נעבעך, פאַרמשפּט צו לעבן.

אין אָט דעם צומאָרגנסדיקן טאָג פון דער פרייהייט, איז אין שטאָט צוגעגאַנגען שוין נישט אַזוי רויִשיק ווי נעכטן, אָבער פונדעסטוועגן אויך נאָך אַזוי לעבעדיק, ווי נאָך קיינמאָל ביז היינט.

אין אָט דעם טאָג, אינדערפרי, ווען דער שטייפער מיטליעריקער פּאָליצמייסטער האָט זיך דורכשפּאַצירט די שטאָט, שפּאַנענדיק איבער די טראָטוארן פון גאַס צו גאַס, האָט ער אין אַרבעטער־קוואַרטאַל געקריגן נאָכגעשיקט אַ פּאָר שטיינדלעך...

זיי, די עטלעכע קלענערע און גרעסערע שטיינער — האָבן געפּויקט אויף זיין רוקן און פּלייצעס, איבערלאָזנדיק דאָרט אויף זיין ריינעם גרויען שינעל סימנים פון זייער דאָ זיין... און ער, דער פּאָליצמייסטער, אָנגעטאָן אין דער שווערד ביי דער זייט, האָט זיך צומאָל נישט אומגעקוקט

זעען, ווער דאָס האָט אים געטאָן. ער האָט באַמערקט אויפן צווייטן קעגנאיבערדיקן טראָטואַר שפּאַצירן אַ פּאָר אַרבעטער, פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן אים באַשאָנקען מיט די שטיינער אין רוקן. נאָר — גאָרנישט! ער האָט אַפילו נישט געפייפט אויף פּאָליציי. ער איז געל געוואָרן, שווייגנדיק פאַרגיכערט זיינע טריט גיך־גיך, ביז ער האָט אַוועקגאַלאָפּירט פון אַרבעטער־קוואַרטאַל און ווידער גאָרנישט; ער האָט זיך מן הסתם געשעמט גאָר עמעצן צו דערציילן פון זיין „אויפנאַמע” אין דער אַרבעטער־געגנט.

בנימין, ווען ער איז דעם אינדערפרי (ס׳איז געווען שוין באַלד מיטאָג) אַראָפּגעקומען אין גאַס, איז אים פּלוצלונג עמעץ צוגעקומען פון הינטן, און ווען בנימין האָט זיך אומגעקוקט, איז ער פאַרוווּנדערט געוואָרן, דערזעענדיק לעבן זיך דעם רעווירוואַכע דראַפּינסקי. דער דאָזיקער דראַפּינסקי האָט געקענט בנימינען נאָך פון אַמאָל; שוין עטלעכע מאָל געווען ביי אים אויף רעוויזיעס... האָט אָט דער סטראַזשניק איצט אַזוי פריינטלעך אָנגענומען בנימינען ביים אַקסל און מיט אַ גראָב חניפהלע אים אַ שמייכל געטאָן אין פּנים:

— גאָספּאָדין גריף, איצט וועסטו אַן אָפּיציר...

...איבער די גאַסן האָט געצויגן אַ „דעמאָנסטראַציע” פון צען־צוועלף־יעריקע יינגלעך מיט אַ רויט פּענדל פאָרויס, וואָס איינער פון זיי האָט געטראָגן אויף אַ שטעקעלע, און מיט אַ געזאַנג... ס׳איז אוממעגלעך געווען צו וויסן, צי דאָס איז אַזאַ שפּיל בלויז — נאָכטאָן די גרויסע, אָדער עס האָט זיי טאַקע עמעץ אָרגאַניזירט. זיי זיינען געגאַנגען אין רייען, די קינדער, און געזונגען די מאַרסעליעזע און אַרבעטער־לידער... פון די טראָטואַרן האָט מען דאָס צוגעקוקט און געלאַכט. פון ערגעץ איז אָנגעלאָפן אַ בינטל יידן, און איינער פון די יידן — אין ברילן, מיט דרעטלעך איבער די אויערן און מיט אַ געלער באָרד — האָט מיט אַ כעס זיך אַ לאָז געטאָן צו די קליינע דעמאָנסטראַנטן:

— לאָבוסעס, — האָט דער ייד געשריגן — שקצים, אהיים גייטס! — דעמלט זיינען לעבן די קליינע דעמאָנסטראַנטן פּלוצלינג אויסגעוואַקסן עטלעכע דערוואַקסענע בחורים אין העמדלעך, מיט שטעקנס אין די הענט, און די יידן האָבן זיך אָפּגעטראָגן.

די זינגענדיקע יינגלעך מיטן רויטן פּענדל זיינען אַוועק. עס איז צוריק רויק געוואָרן. די געוועלבער זיינען געווען אָפן. אויף די טראָטוּאַרן האָט געשפּאַצירט אַ גרויסער עולם יונגוואַרג און יונגוואַרג — אַרבעטער און שילער. מיט אַמאָל האָט זיך גענומען טראָגן אַ געשושקעריי

פון מויל צו אויער, ווי אַ ווינטל: „צו דער תּפיסה, צו דער תּפיסה גייט אַלע"... האָט דער עולם גלייך גענומען שטראָמען אַהין, ווו מ'הייסט.

בנימין האָט זיך אויך געלאָזט גיין דאָרט אַהין צוזאַמען מיט אַלע. נאָר אויפן וועג האָט אים אַ ביסל פאַרהאַלטן איינער ראָטבערג, אַן עלטערער ראַזירטער ייִד, דער אייגנטימער פון אַן אַפּטייק־סקלאַד; בנימינען האָט ער געקאָנט דורך זיין מוטער, ער איז געווען באַקאַנט מיט חיה רבקהן נאָך פון מיידלווייז און ער האָט נישט אָפּגעלאָזט די אַמאָליקע פריינטשאַפט, פלעגט אַמאָל צו זיי אַרויפקומען; אָט דער ראָטבערג האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן „היינטיקן", האָט ליב געהאַט אויף זיך צו זאָגן מיט זיין האַלב דייטשישן לשון: „איך בין ליבעראַל", — איז ער איצט, דער ראָטבערג, אַ ביסל זיך געשטאַנען אין די אָפענע טירן פון זיין געשעפט און, דערבליקנדיק צווישן דער זיך באַוועגנדיקער מאַסע פאַרבייגיין בנימינען, איז ראָטבערג צו אים צוגעלאָפן און אָן שום טענה מענה גענומען זיך טשעפּען צו בנימינען, אַ שטייגער, ווו ער, בנימין, וואָלט געווען דער אָנפירער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין גאַנץ רוסלאַנד — פאַרוואָס אַלץ שטייט נאָך...

— איר האָט דאָך שוין אַלעס באַקומען, שוין אַלעס אייך נאָכגעגעבן — וואָרום געהט איר נאָך ניכט אַרבייטן? וואָס נאָך פאַרלאַנגט איר דען?

ער האָט זיך געטשעפּעט, דער דאָזיקער אַפּטייק־סקלאַדניק, אַזש דער קאַרק איז אים רויט געוואָרן און דער פּליך האָט אים געגלאַנצט אויפן פּאָן פון גרויען האַרבסט־טאָג. ער איז געווען רויט ווי אַ בוראַק און נאָריש געסטראַשעט בנימינען, אַז אויב דער אומזיניקער שטרייק וועט נישט שוין אַ סוף נעמען — וועט ער, ראָטבערג, זיין דער ערשטער אונטערצושרייבן אַ טעלעגראַם קיין פּעטערבורג, די רעגירונג זאָל אַנווענדן גוואַלד־מיטלען...

בנימין האָט אים גאָרנישט געענטפערט. ער, בנימין, האָט געוווּסט, אַז דער דאָזיקער ראָטבערג איז נישט דער איינציקער, וואָס זאָגט אַזוי, דאָס זעלבע טענהט אויך לייב חיים וואָלבערג; בנימינס מוטער האָט היינט אינדערפרי באַגעגנט אין גאַס לייב חיימען, האָט ער איר געזאָגט כמעט די זעלבע ווערטער, און מן הסתם אַ חוץ זיי צוויי זאָגט נאָך אַזוי אַ גרויסער טייל פאַבריקאַנטן און סוחרים — איז ער געשטאַנען, בנימין, אויסגעהערט די פאָרוווּרפן און גאָרנישט געענטפערט. נאָר מאיר לאַך, דער באַיאָוויעץ, וואָס איז אַרומגעלאָפן אָנזאָגן, דער עולם זאָל גיין צו דער תּפיסה, איז אויך אַהער צוגעקומען. ער האָט בנימינען געדאַרפט עפּעס זאָגן, איז ער נישט נעדולדיק געווען צו דעם אַלטנס טענות און

נישט געקאַנט פֿאַרטראָגן זיין דייטשמעריש לשון, האָט מאיר לאַך אויף ראַטבערגן אָנגעשטעלט זיין קאָפּ ווי ביי אַ ביקל מיטן קליינעם שטערן און מיט אַן אָנגעדרודלטער מינע זיך אָנגערופֿן צו בנימינען נישט נאָר הויך און מיט אַ שפּאָטישער בייזקייט.

— וואָס נאָבלט ער, דער יעקע, וואָ וויל ער?

דעמלט ערשט איז דער אַלטער גיך צוריק אַריינגעגאַנגען צו זיך אין געוועלב, און בנימין האָט אייליק גענומען גיין צום תּפֿיסה־פּלאַץ, ווייל לויט ווי מאיר גיט איבער, קומט איצט דאָרט פֿאָר אַ דעמאָנסטראַציע. מען זאָל באַפֿרייען די אַרעסטירטע.

ביי דער תּפֿיסה האָט עס זיך אַזוי אָנגעהויבן: ס׳איז אָנגעקומען אַ מחנה אַרבעטער מיט געזאַנג און רויטע פֿענער, זיך אָפּגעשטעלט אַרום דער תּפֿיסה־מויער, אויסשרייענדיק פֿאָדערונגען, מ׳זאָל באַפֿרייען די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. די תּפֿיסה אָבער איז געווען אַרום און אַרום פֿאַרמאַכט און פֿאַרשלאָסן. קיינער האָט אויף די פֿאָדערונגען גאָרנישט געענטפֿערט. די וואַך אַרום דער מויער אויף די פֿאַרשידענע פּונקטן אין די ביידלעך — איז איצט נישט געווען צו זען. אפֿשר האָט זי אָפּגעטרעטן אינעווייניק אַריין, זעענדיק אָנקומען אַזאַ מאַסע — קיין לעבעדיק נפֿש איז פֿון דערינען נישט געווען צו זען. די אויסגערופֿענע פֿאָדערונגען האָבן אָפּגעהילכט אין דער לופֿט, און די אַרעסטאַנטן זיינען ווייטער דערינען געזעסן.

און אַז דער באַוואָפֿנטער עולם איז שוין מיד געוואָרן איבערחזרן איין און דעם זעלבן אויסרוף: „מיר פֿאָדערן צו באַפֿרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע, גלייך שוין אַרויסצולאָזן אונדזערע חברים”!... און אָבער און ווידער דאָס זעלבע — איז איינער פֿון דער אָנגעזאַמלטער מחנה אַרויסגעשפּרונגען און גענומען רעדן צום עולם, אויפֿפֿאָדערנדיק די מאַסע פֿריער זיך נישט אוועקצורירן פֿון אָרט ביז וואַנען די, וואָס שמאַכטן דערינען, וועלן נישט באַפֿרייט ווערן... אָפּגערעדט דער, איז אַ צווייטער אַרויסגעטרעטן נאָך מיט אַ הייסערער רעדע אויך וועגן דעם איינענעם, נאָך דעם — אַ דריטער. רעדנער האָבן זיך געטוישט איינער נאָכן אַנדערן — באַקאַנטע, ווען די מאַסע האָט שוין געקענט אַלס אַרבעטער־טוער, און אויך אומבאַקאַנטע, ערשט נעכטן „געבוירענע” צוזאַמען מיט דעם פֿרייהייטס־מאַניפֿעסט — האָבן זיך ביי זיי די צונגען צעבונדן און מ׳האָט גערעדט, גערעדט פֿאַרן עולם, געוויזן, אַז מ׳איז נישט אַבי ווער... נאָר דערנאָך, ווען דער חבר ראובן, דער ניי־געקומענער „אינטעליגענט”, האָט גערעדט, האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט פֿון די ביז איצט טויט־שטומע תּפֿיסה־קאַמערן אַ הילכיק זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער, פֿון פֿאַרקראַטעוועטע

פענצטער האָבן זיך באַוויזן פּנימער, הענט האָבן אַרויסגעפּאַכעט מיט אַ שטיקל רויט געוואַנט (דאַכט זיך — אַ טיכל), און וואָס העכער דאָס געזאַנג האָט זיך פון דערינען געהערט, אַלץ עקזאַלטירטער איז געוואָרן דער עולם אינדרויסן.

די אויסנווייניקסטע זייטן־מויער פון דער תפיסה, וואָס גרענעצט זיך מיט אַ קליין גערטנדל, איז געווען אַ ביסל נידעריקער, איינער און אַ צווייטער פון דער מאַסע האָבן גענומען אַריבערקריכן דעם דראָטענעם פּאַרקאַן אין איצט האַרבסטיקן פּוסטן גאָרטן אַריין, און באַלד האָט זיך עמעץ און נאָך עמעץ באַוויזן אויף דער מויער. פון אונטן האָט מען זיי אַרויף צוגעגעבן מוט מיט הוראַס און פרייליכע קוראַזש־אויסרופן. די, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער מויער, האָבן צוגעשריגן אַראָפּ, אַז דערינען, אויפן תפיסה־הויף איז נישט צו זען קיין שום וועכטער נישט און אַז לויט ווי עס הערט זיך, קומט עפּעס פאָר אין די קאַמערן, מ׳ברעכט דאָרט, אַפּנים, אויף די טירן.

באַלד האָט זיך טאַקע געהערט אַ שטאַרק טראַסקעריי: „העלפט אונדז!" — האָט אָפּגעהילכט פון די טורמע־פענצטערלעך; אַ טייל פון דער מאַסע אינדרויסן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, צעקאַכט גענומען אויס־רייסן יונגע ביימלעך, וואָס זיינען געוואַקסן ביים וועג; איינברעכן פּלויטן, און די העלצער און דרענגלעך אַרויפדערלאַנגט די, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער מויער, אום יענע זאָלן דאָס ווייטער דערלאַנגען, אָדער אפשר גאָר אַליין אַוועקטראָגן אַהין דאָרט, אין די קאַמערן — די מאַסע איז געווען צעקאָכט פון דעם טומל און פונם געזאַנג, וואָס האָט זיך גע־הערט פון די תפיסה־פענצטערלעך, און די צעקאָכטקייט איז געשטיגן מיט דער מינוט, מיט דער רגע...

— ס׳טויג נישט דאָס! — האָבן די פון דער מויער אַראָפּגעשריגן און צוריקגעוואָרפן אַראָפּ די העלצער. די צעפלאַמטע מאַסע אונטן איז שוין דערוויל אויך געהאַט אַליין געפאַלן אויפן שכל, וואָס מ׳דאַרף טאָן: עמעץ און נאָך עמעץ האָט אָנגעוויזן, אַז אָט דאָ דערביי, אינגאַנצן אַ פינפ־ציק טריט פונדאַנען, געפינט זיך אַן אייזן־פאַבריק... באַלד האָבן זיך עטלעכע און נאָך עטלעכע און גאַנצע רייען נאָך, געלאָזט לויפן אַהין. דער סטרוזש דאָרט האָט בעל כרחו געמוזט נעמען די גרויסע שליסלען און עפענען די פאַבריק, וואָס איז איצט געשטאַנען, ווי אַלע פאַבריקן אין גאַנצן לאַנד, באַלד טאַקע האָט מען פון דער אייזן־פאַבריק דאָרט אָנגע־הויבן אַהערצוליפערן שטיקער אייזן לאַנגע און שפּיציקע, גרעסערע און קלענערע, נייע און אַלטע... די שטיקער אייזן זיינען גיך, ווי עמער וואַסער ביי אַ שריפה אין אַ דאָרף — אַרויפדערלאַנגט געוואָרן: איינער דעם אַנ־

דערן האָט צוגעגעבן, איינער דעם אַנדערן — ביז די שטיקער אייזן זיינען אָנגעקומען צו די, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער תפיסה־מויער, און פון דאָרט — אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אין הויף...

וואָס הינטער דער מויער איז מיט די שטיקער אייזן געוואָרן, ווי אַזוי זיי זיינען געקומען אין די קאָרידאָרן און קאַמערן אַריין — האָט מען אינדרויסן נישט געקאָנט וויסן. נאָר באַלד דערויף האָבן זיך פון ד'ער תפיסה געהערט אַ סך טויבע, פּעסטע קלעפּ, וואָס האָבן אָפּגעהילכט פון דאָרט אין פּוסטן חלל, ווי אַ ווייט דונערן.

דעמלט איז די מאַסע, באַלאָדנט מיט גרויסע שפּיציקע אייזנס אין די הענט, צו און גענומען מיט אָט די אייזנס באָמבאַרדירן די פאַרשלאָסענע תפיסה־טויערן...

באָם! באָם!... — האָט עס אָפּגעהילכט פון אינעווייניק, ווו מ'האָט אַפּנים, געהאַקט די טירן פון די תפיסה־קאַמערן, און בוך! בוך!... — האָט אָפּגעענטפערט דאָס האַקן די טויערן פון דרויסן. דער עקזאַלטירטער עולם האָט מיט די בלויזע הענט, פּשוט מיט די הענט, מיט די פינגער, געפּרוווט ברעכן די מויערן, רייסן די מיט אייזן באַשלאָגענע טויערן...

ס'האָט זיך מיט אַמאָל פון דערינען געהערט אַ הורא, און נאָך אַ הורא פון אַ סך העלדזער, אַ באַפרייאונגס־אויסרוף, אַ פאַרשיכורטער יובל־אויסגעשריי... די אַרעסטאַנטן זיינען שוין געשטאַנען הינטער דעם פאַרמאַכטן טויער. מ'האָט גענומען האַקן דאָס טויער. דאָס פּראַגמטיקע הויפּט־טויער, וואָס איז געווען דורכאויס אייזן, איז נישט געגאַנגען אויפצוברעכן, האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן צום צווייטן טויער, צום הינטערשטן; הענט באַהאָרטע, הענט רויטע, געלע, שטאַרקערע, שוואַכערע — האָבן מיט שפּיציקע און שטומפּיקע אייזנס און מיט וואָס נאָר עס האָט זיך געמאַכט, וואָס מ'האָט נאָר פונקט געהאַט — גענומען האַקן, מירשטן דאָס תפיסה־טויער. פון דערינען — די פון די קאַמערן באַפרייטע אַרעסטאַנטן פונדרויסן — די מאַסע. אַ ברעך, אַ קרעכץ. האַלץ און אייזנבלעך האָט אַ יאָמער געטאָן, ווי אַז ס'וואָלט ווי געטאָן דאָס צעשיידן זיך מיט־אַנאַנד; ריגלען און שלעסער זיינען אָפּגעשפּרונגען, איינגעקאָרטשעט געוואָרן, ווי עפּעס אומגייטיקס, אומנוצלעכס... אַ חלל האָט זיך געעפנט: דער ביז איצט פאַרמאַכטער חלל פון גאַס צו דער תפיסה און פון דערינען האָבן זיך דורך אָט דעם אויפגעבראָכענעם טויער־חלל גענומען אַרויס־פּאַקן מענטשן — די אַרעסטאַנטן...

מענטשן ווי פון אַן אַנדערער וועלט געקומענע, אָפּגעבליאַקעוועטע, געל־בלאַסע, אין אָפּגעשאָסענע בגדים פון נישט לופטערן, פון נישט פילן אויף זיך קיין זון־שטראַל, קיין ווינטל־ווייע; אויך די מענטשנס פּנימער

האבן אלע געהאט דעם זעלבן אפגעשאסענעם אומבאשטימטן קאליר — מיט פראכעדיקע מיילער און ציטערדיקע הענט און פיס פון דער אקארשט איבערגעלעבטער אויפרעגונג. די פון זיי, וואס האבן שוין לאנג נישט געזען די פריי, האבן איצט באנגנדיק זיך אומגעריכט מיט דער ליבער פרייער וועלט — געחלשט פון דער ראשער לופט־ענדערונג, און מ׳האט זיי געמוזט מונטערן...

איצט ערשט, נאך דעם אלעם אפגעטוענעם, ווען מ׳האט שוין געמיינט, זיכער געווען, אז פון דעם גאנצן שטאב וועכטערס און היטערס איז אין טורמע קיינער נישט געבליבן, און מער ווי איינער האט זיך שוין אוודאי איינגערעדט, אז אלע תפיסה־וועכטערס זיינען זיך צעלאפן, ווייל זיי ווילן שוין מער נישט באוואכן פאליטישע ארעסטירטע. האט זיך אבער באלד ארויסגעוויזן, אז אלע באוואפנטע וועכטערס זיינען יא דא, נאר מן הסתם געלעגן דערינען באהאלטן ערגעץ, מורא האבנדיק פארן פאלקס־צארן און דעריבער אפשר קיינעם גארנישט געשטערט. איצט אבער, דערזעענדיק, אז די ארעסטאנטן זיינען טאקע אויף אן אמת ארויס פון תפיסה, אויפגעבראכן די קאמערן און טויערן און ארויסגעגאנגען, — דערזעענדיק אט די מיאוסע געשיכטע, וואס איז פאר זייערע אויגן אפגעטאן געווארן און פאר וועלכער זיי, די תפיסה־וועכטערס, פון גרעסטן ביז דעם קלענסטן, וועלן טראגן די פאראנטווארטלעכקייט — זיינען זיי צוריק, מוז זיין, לעבעדיק געווארן, די שרעק און מורא פארן אייגענעם פעלעכל האט זיי לעבעדיק געמאכט, און זיי האבן, ווייזט אויס, אויף עפעס זיך באשלאסן, כדי צו האבן מיט וואס זיך צו רעכטפארטיקן פאר די, וואס וועלן פון זיי מאנען דין וחשבון...

ס׳האבן זיך באוויזן פון אויפגעבראכענעם תפסיה־טויער וועכטער מיט רעוואלווערן אין די הענט, פארויס זיי — דער נאטשאלניק. זיי האבן זיך געלאזט נאכיאגן די ארעסטאנטן (וועלכע זיינען, אייגנטלעך, גארנישט געלאפן, נאר געשטאנען צווישן דער מאסע), אבער דערבליקנדיק די אנגעזאמלטע מאסע מענטשן מיט די ברעך־אייזנס נאך אין די הענט, האט די תפיסה־מאכט, אפנים, פחד געקריגן: גיך צוריק אריינגעלאפן — אלע נאך מיט די רעוואלווערן אין די הענט, און מער האבן זיי זיך שוין נישט ארויסגעוויזן.

ס׳איז געווען היפשלעך ארבעט ביז די ארויסגעקומענע פון תפיסה האבן זיך א ביסל בארויקט. א סך פון זיי זיינען געפאלן אין אוממאכט פון דער איבערראשנדיקער אומגעריכטקייט, דערבליקנדיק זייערע באפרייער, די אנגעזאמלטע גרויסע מאסע רעוואלוציאנערן, די שפראצונג פון זייער פארזייעט פרייהייטס־קערנדל, וואס איז אזוי הערלעך אויפגע־

גאנגען, זיך צעבליט — טייל ווידער, פארשיכורט פון דער זיסער פריי...
ס'איז געווען אַ געוויין און אַ געפאַל זיך אויף די העלדזער — איינער
דעם צווייטן און אויף ווילד־פרעמדע, פארגיסנדיק דערביי טרערן פון
פרייד...

און באַלד האָט זיך באַוויזן איינער פון די באַפרייטע; קיינער האָט
נישט געוווּסט, ווער דאָס איז — מיט אַ פאַרלאָזטער בלאָנדער באָרד,
מיט אַ פּנים און מלבושים, וואָס האָבן פון לאַנגן זיצן אין דער פייכט־
קייט, אָן זון, געהאַט אַן אויסזעען, ווי זאַמד, ווי אָנקאַלירעק גרוי זאַמד —
האָבן אים עטלעכע אַרויפגעהויבן אויף אַ פּלויטל קעגנאיבער דער תּפיסה־
געביידע; ווען ער איז שוין אויבן געשטאַנען, האָט מען געזען, ווי די
הענט, די פּיס און די ליפּן ציטערן אים, ווי אין אַ פיבער. ער איז גע־
שטאַנען, ביז ער האָט זיך אַ ביסל באַרויקט און מיט אַ האַסטיק, פרעמד־
לעך הויך קול, וואָס איז אָפּגעוווינט פון רעדן — גענומען רעדן צום
עולם...

די אַרומיקע מאַסע איז געווען גאָר, גאָר גרויס, אַ ים קעפּ... און
ער האָט גערעדט הויך, שאַרף און הייס. ער האָט געוואָרנט, אַז מ'זאָל זיך
נישט לאָזן פאַרוויגן פון די זיסע הבטחות, נישט אַרויסלאָזן נאָך דאָס
געווער פון האַנט; נישט פאַרלאָזן זיך אויף דעם יושר פון קייזער מיט
זיינע פּריצים, נאָר — אדרבא: איצט, ווי לאַנג דאָס אייזן גליט — זאָל
מען אָן אויפהער ווייטער שמידן די פרייהייט, ווייטער קעמפן ביז אַן ענד־
גילטיקן זיג...

פון תּפיסה־קאַנטאָר מוז מען האָבן צו וויסן געטאָן, וווּ מען דאַרף
אין שטאָט, וואָרים ווי דער עולם איז נאָך געשטאַנען דאָ לעבן דער אויפ־
געבראָכענער תּפיסה, זיך געפרייט מיט די אַרויסגעריסענע פון די קאַמערן
און געהערט רעדעס, באַגייסטערונגס־רעדעס צום ווייטערדיקן קאַמף —
איז אָנגעקומען צו רייטן אַן אָפּטיילונג מיליטער מיטן פּולקאָווניק גראָף
קעלער אין דער שפּיץ. זיי זיינען געריטן געלאַסן, ווי גלאַט אַזוי זיך אַ ביסל,
נישט געאיילט. זיצנדיק אויף די פערד אין די זאָטלען מיט די שווערדן,
ביקסן און קוילן אין גאַרטל.

די מיליטער־אָפּטיילונג איז אָנגעקומען צום אָרט, וווּ די מאַסע איז
געשטאַנען, און זיך פלעגמאַטיש אָפּגעשטעלט מיט די פערד לעבן עולם.
דער רעדנער האָט ווייטער גערעדט; איינצלנע זיינען זיך צעלאָפן — דער
גרויסער עולם אָבער איז ווייטער געבליבן שטיין, האָרכנדיק די רעדע.
דאָס מיליטער — אויסגעשטעלט קעגנאיבער דער ציווילער מאַסע; דער
פּולקאָווניק — מיט אַ טונקל־אָפּגעברענט פּנים, ווי אַ ציגיינער, מיט
שוואַרץ־גרויע וואָנסעלעך, ווי באַדעקט מיט פראָסט־טוי. ער האָט זיך,

רויק כלומרשט, געהערט די פּוילישע רעדע פון אַרויסגעלאָפּענעם אַרעס־טאַנט — און אַ בייז שלאַנגען־שמייכעלע, אַ קרימלעכס, האָט אים גערוט אין ווינקל מויל צווישן די דינע ליפּן און פאַרשווירענע וואַנסעלעך.

ווייזט אויס, אַז אַזוי דעם רעדנער, ווי די מאַסע צוהערער, איז נישט איבעריק ניחא געווען צו שטיין דאָ לעבן דער טורמע קעגנאיבער די באַוואָפנטע זעלנער — דער עולם, דער גאַנצער פּיל־קעפּיקער עולם, האָט אַ ריר געטאָן פון אָרט, געלאָזט זיך גיין אין אַ מאַרש צו דער שטאָט, דאָס מיליטער האָט גענומען לאַנגזאַם, רויק, ווי אָן שום שלעכטע כוונה, רייטן הינטער דער מאַסע. דער עולם האָט אויפגעשפּרייט די פּענער, געגאַנגען מיט געזאַנג — די זעלנער מיטן פּולקאָווניק אין דער שפּיץ — פּיסטריט נאָך פון הינטן.

נאָר ווען די מאַסע איז אָנגעקומען דאָרט צו דער געביידע פון דער גרויסער טוך־פאַבריק, וואָס געפינט זיך אָנהייב שטאָט — פון דאָרט צו דעם אָנהייב גאַס מוז מען אַריבערגיין אַ בריק, וואָס אונטער איר פליסט דער שטאָטישער טייך, — זיינען פון אונטער דער בריק, פון ביידע עקן בריק אַרויסגעקומען אָן־פערדיקע זעלנער, וועלכע זיינען דאָרט געלעגן באַהאַלטן, און אָט די זעלנער צוזאַמען מיט די זעלנער, וואָס זיינען געריטן פון הינטן, האָבן זיך, ווי אין מלחמה אויף אַן אַטאַקע, מיט אַ קריגס־געשריי אַ לאָז געטאָן אויף דער מאַסע. ס'איז פאָרגעקומען אַן אמתע מלחמה... ס'האָבן געאַרבעט שווערדן, שטיקעס פון ביקסן און פּאַר אַ צולאָג — אויך פערדישע קאָפּיטעס; זעלטן ווער עס האָט זיך פון אָט דעם אַרומרינגלעכץ אַרויסגעקריגן גאַנץ, און די צעממיתטע, צעקאַליע־טשעטע האָט דאָס מיליטער פאַרטיעסווייז אָפּגעפירט צוריק אין דער תפיסה, פאַרשלאָסן אין די קאַמערן און געשטעלט וואַכן — באַוואָפנטע זעלנער.

בנימין איז געווען פון די גליקלעכע, וואָס האָבן אויסגעמיטן די דאָזיקע שלאַכט.

בנימין איז פּונקט אויסגעקומען צווישן דער טייל מאַסע, וואָס איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון גרויסן עולם דורך דער אָנגעריטענער מיליטער־אָפּטיילונג. דערנאָך, ווען דאָס מיליטער האָט געריירט נאָך דער מאַסע, און ער האָט זיך מיט זיין עולם געלאָזט גיין הינטער דעם מיליטער צו דער שטאָט־צו — איז אָנגעקומען פון ערגעץ איינער אַן אומבאַקאַנטער קריסט און געוואָרנט נישט צו גיין דאָ, ווייל דאָרט, אונטער דער בריק, ליגט באַהאַלטן מיליטער... ער ווייסט דאָס זיכער, דער דערציילער, ווייל ביי אים אויפן הויף — אָט דאָרט! — שטייען די פערד זייערע. האָט בנימין מיט די איבעריקע זיך אויסגעדרייט דורך אַ הינטער־וועג, פּאַרקי־רעוועט אין פּאַרק און פון דאָרט אין שטאָט אַריין.

ווען בנימין איז ארויסגעקומען אין שטאָט האָט זיך דאָרט אָפּגע־שפּילט די פאַרזעצונג פון לעבן דער בריק: גרופּעס זעלנער אויף פערד האָבן מיט די בלאַנקע שווערדן געיאָגט מענטשן פון די טראָטוארן. א גרופּע ארבעטער איז פאַרדריקט געוואָרן אין א ווינקל־גאַס, און ווען די זעלנער זיינען אראָפּ פון די פערד, כאַפּן די מענטשן, ווי פיש אין א פלאַך וואַסער — האָבן יענע נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי אריינצולויפן אין דעם נאָענטסטן הויז, וואָס דאָרט האָט זיך גראָד געפונען דער גרויסאַרטיקער רעסטאָראַן „אייראָפּע".

זיי זיינען ארויפגעלאָפן אויף דער איצט פוסטער וועראַנדע. און פון דאָרט זיך צעלאָזט איבער די זאַלן פון דעם רעסטאָראַן...

אין איינעם פון די זאַלן האָבן די לויפנדיקע אָנגעטראָפן זיצן ביי א פיין־געדעקטן, רייך־סערווירטן טיש דעם „טאַוואַזשיש" גיזשיק, דעם פּפּסישן רעדנער... דערבליקנדיק די אָנגעלאָפענע ארבעטער, האָט גיזשיק זיך גיך דערהויבן פון טיש אינמיטן עסן. זיי האָבן נאָך באַוויזן צוצושיקן א האַס־בליק. ס'זיינען גיך אַנגעלאָפן די קעלנערס אין די שווארצע פראַקן און די אריינגעלאָפענע ארויסגעפירט דורך א הינטער־טיר אין א גאָר אַנ־דערער גאַס ארויס.

אָט דעמלט, ווען דאָס מיליטער האָט געבושעוועט אויף די גאַסן, געקאַליעטשעט און געממיתט מיט די נאַהייקעס און בלאַנקע שווערדן — האָט לעמל, דער זון פון חיה רבקהס שכנטע — פאַר עגמת־נפש באַקומען אין דער היים א נערוון־אָנפאַל. ער האָט געיאָמערט און געשריגן ווי א משו־געגער, מיט די פויסטן זיך אַליין אין קאָפּ געשלאָגן און דווקא געוואָלט לויפן אין גאַס, דורך־ארץ לערנען די צעבושעוועטע זעלנער, זיי דערמאָנען, אַז היינט, ווען ס'איז שוין געגעבן פרייהייט, האָבן זיי נישט קיין רעכט צו ווייווען אין די גאַסן, צו מוטשען די ארבעטער, וואָס האָבן זיך אויס־געקעמפט אָט די פרייהייט.

ער האָט זיך נישט אַזוי גיך באַרויקט, לעמל. ער האָט געביסן זיך די הענט, געקריצט מיט די ציין, און אַז ער האָט זיך געהאַט א ביסל איינ־געשטילט — געוויינט מיט ביטערע טרערן אויף דער פאַרשוועכטער פריי־הייט.

חיה רבקה, צוקוקנדיק די באַנומענקייט פון דעם יינגל, האָט גע־וויינט, און אפילו בנימין און ישראל נח האָבן זיך נישט געקאָנט מיט אים קיין עצה געבן.

ס'איז געווען א צערודערטער טאָג, א גאָר, גאָר אַנדערער מין טאָג, ווי מ'האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי מ'האָט זיך געריכט אויף היינט — נאָך דעם נעכטיקן פריילעכן יובל־טאָג...

* * *

ווידער האָבן די פאַבריקן געלעבט, ווידער האָבן די מאַשינען גע־בראַזגעט און גערוישט. אין די אָוונטן זיינען די פאַבריק־פענצטער געווען באַלויכטן און אַ היימלעכקייט און אַ זינגען האָט זיך פון דאָרט געטראָגן אַרויס אין גאַס.

אין די פאַבריקן האָט מען נאָך געזונגען דאָס ווילעריש שפּאָט־לידל אויפן קייזער — יענע לידל, וואָס איז געזונגען געוואָרן אין כאָר מיט אַ רעפרען און טאָן פון אַ זעלנער־ליד אין מאַרש, און וואָס דער סאָלאָ האָט זיך אָנגעהויבן.

„ברידער און שוועסטער,
ס'איז געשען אַ נס: —
דער רוסישער קייזער
איז געוואָרן אַ פּעפּעס".

און אָט אַזוי כסדר האָט מען דאָרט אין דעם לידל אַדורכגעפירט דעם קייזער ניקאָלאַי איבער אַלע יידישע און נישט יידישע פּאַרטייען און לסוף געענדיקט מיט דער סאַמע יינגסטער...

„ברידער און שוועסטער
לאָמיר זיך באַמיען,
דער רוסישער קייזער
איז געוואָרן אַ פּועלי־ציון"...

און דער רעפרען צו מיט אַלע שטימען — אויף גוייש גאָר.

„היי, היי, פּרעטש פּאָליציי..."

ווען אָט דאָס לידל איז נאָך געזונגען געוואָרן מיטן קנאַק ביי די מאַשינען און פּעדל־טישלעך, האָט זיך דערווייל איבער רוסלאַנד דורכ־געטראָגן אַ בלוטיקער רעגן מיט דונערן און בליצן — דער אויפשטאַנד אין מאָסקווע און דאָס דערדריקן אים...

יאָ, דער מאָסקווער דעצעמבער־אויפשטאַנד איז געווען אונטערדריקט, די סאָלדאַטן פון סעמיאָנאָווער פּולק האָבן דעם צאָרן פון דער אויפגע־שטאַנענער באַפעלקערונג — בלוטיק אונטערדריקט, און איצט שוין נאָך דעם אויפשטאַנד האָבן זיי נאָך בלוטדורשטיק געהוליעט איבער זייערע אוממעכטיקע קרבנות...

די רעוואָלוציאָנערן — יענע אַרבעטער און סטודענטן, וואָס האָבן געקעמפט אין די הייסע דעצעמבער־טעג — זיינען מער נישט געווען,

ווער פון זיי עס האָט שוין געפּוילט אין דער ערד און וועמענס צעהאַקטער, צעקאַליעטשעטער קערפּער עס האָט זיך נאָך אַרומגעוואַלגערט אָן קבורה אויף די וויסטע הינטער־שטאָט פּלעצער...

יענע מוטיקע מיידלעך, וואָס האָבן פאַרעקשנט געקעמפּט אויף די באַריקאַדן, וואָס האָבן רויק, אָן שרעק געקוקט דעם טויט אין די אויגן — ווו זיינען זיי איצט געווען, די העלדישע פרויען? — געשענדעטע, באַ־לײדיקטע האָבן זיי זיך געוואַלגערט אין די תּפיסות און שפּיטאָלן, צע־טרעטענע, צעאַקערטע פון זעלנערישן שטיוול.

איצט איז צוריק געווען שאַ, שטיל, שוין נאָכן אויפשטאַנד. די צייטונגען האָבן געבראַנגט לאַנגע באַריכטן, באַשרייבונגען און שילדע־רונגען פון אויפשטאַנד. יעדע צייטונג אויף איר אַרט, לויט איר ריכטונג... די „אַרבעטער־צייטונג" האָט עס געדרוקט שטיקלעכווייז און מיט קליינער שריפט — עס זאָל זיך דער צענזור נישט וואַרפן אַזוי אין די אויגן. אַ שטיק קינה איז געווען אָט די באַשרייבונג. מיט אַן איכה־ניגון האָט מען דאָס געלייענט אין די אַרבעטער־שטובן, און טייכן טרערן זיינען דערביי פאַרגאָסן געוואָרן.

די רעגירונג האָט געפּראַוועט איר נקמה איבער די באַזיגטע...

די שטאָט דאָ האָט אויך באַלד דערפילט די בייזע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער ווייטער הויפּט־שטאָט, דעם שאַרפן ווינט, וואָס האָט אָנגעהויבן בלאָזן פון דאָרט — אין אַן אינדערפרי, האָבן זיך אויף די מויערן באַוויזן צעקלעפּטע צעטלען, מעלדונגען, אַז פון היינט אָן איז די שטאָט דאָ דערקלערט געוואָרן אין קריגס־צושטאַנד און טאַקע באַלד אונטער אָט דעם צעטל האָט זיך געפונען אַ צווייטער — אונטערגעשריבן שוין פון דעם נאָמינירטן מיליטערישן שטאָט־קאָמענדאַנט מיטן טיטול „גענעראַל־גובערנאַטאָר" — ווו ס'איז געווען אויסגערעכנט אַ גאַנצע ריי פאַרבאָטונגען, אויף וועלכע מ'טאָר נישט עובר זיין, און פאַרענדיקט, אַז פאַר איבערטרעטן עפּעס פון די פאַרבאָטונגען, וועט דער שולדיקער גע־משפּט ווערן לויט די קריגס־געזעצן...

אַרבעטער — גייענדיק אין די פאַבריקן צו דער אַרבעט, האָבן פאַר־חידושט געלייענט, אָדער געהערט לייענען אָט די צוויי צעטלען, נישט פאַרשטאַנען, ווי עס קומט עפּעס אינמיטן דער פרייהייט אַ קריגס־צושטאַנד מיט אַזעלכע האַרבע פאַראָרדענונגען. אין די פאַבריקן איז דאָס דערנאָך

היים און לאנג אַרומגערעדט געוואָרן. און מענטשן, וואָס האָבן נישט ליב אַרומצוגיין לאַנג מיט אַן עגמת־נפש — האָבן זיך און אויך אַנדערע גע־טרייסט, אַז דער קריגס־צושטאַנד איז דאָך נאָר בלויז אַ דערוויילִיקער, סך־הכל אויף דריי חדשים נאָר און אַזוי שטרענג איז ער דאָך אויך נישט. אָט למשל — פאַרזאַמלונגען! מיט אַ דערלויבעניש מעג מען מאַכן פאַר־זאַמלונגען, און שטרייקן איז דאָך אויך דערלויבט, מען מוז נאָר דערוועגן פריער מעלדן דער פּאָליציי. — אַזוי האָבן טייל אַרבעטער געוואָלט דווקא באַשיינפּערלעך באַווייזן, אַז דער דערקלערטער קריגס־צושטאַנד איז נישט אַזאַ איי־איי!... ס'איז אייגנטלעך מער אַ סטראַשידלע ווי אַ גזירה.

די רעגירונג, ווייזט אויס, האָט זיך שוין געפילט צוריק פעסט אין זאָטל. די רעקרוטן האָבן זיך אַרומגעדרייט — צוגענומענע שוין אַ פּאָר וואָכן, און דער מיליטער־נאַטשאַלניק האָט זיי יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן זיך צוגעשטעלט — אויף פריש צוריק אַהיימגעשיקט, אָפּלייגנדיק אויפסניי דעם טערמין פון צושטעלן זיך.

זיי זיינען שוין אַזוי באַלד נוטה געווען צו גלויבן, אַז סוף־כל־סוף וועט מען זיי שוין אינגאַנצן נישט נעמען צו דער מיליטער־דינסט: אַ קשיה אויף מעשה — ניקאָלייקעס רעגירונג דאַרף, אַפּנים, שוין נישט קיין רעקרוטן, ווי אַ חולה מסוכן, אַ גוסס, וואָס דאַרף שוין גאָרנישט צו האָבן. — איצט האָבן זיך אין איינעם אַ טאָג אַ צעלאָז געטאָן סטראַזש־ניקעס איבער דער שטאָט אויפזוכן די וווינונגען, ווו עס געפינען זיך רעקרוטן; צומאָל נישט קיין צייט געגעבן איינצופּאַקן זיך עפּעס אין וועג אַריין, נאָר גלייך שוין מיטגעפירט די רעקרוטן מיט זיך, אַריינגעפּאַקט זיי אויף דערווייל אין אַרעסט, און פון דאָרט, ווי עפּעס פאַרברעכער, צעשיקט זיי אין די פּולקן איבער דער גרויסער און ברייטער רוסישער אימפּעריע, „דינען דעם קייזער און דעם פאָטערלאַנד".

טאָג און נאַכט זיינען אין שטאָט אַרומגעריטן פּאַטרולן, די פּאָליציי־וואַכן אין די ראָגעס גאַס זיינען פאַרשטאַרקט געוואָרן, און אַ חוץ דעם רעוואָלווער ביי דער זייט, האָט נאָך יעדער צוגעהאַט אַ גרויסע ביקס אויפן אַקסל.

אין די לינדע טעג האָט מען אָפטמאָל געזעען שפּאַצירן דעם שטאָ־טישן מיליטער־קאָמענדאַנט, דעם נייעם גענעראַל־גובערנאַטאָר, וואָס די שטאָט האָט די זכיה געהאַט צו האָבן אַ גאַנצן פאַר זיך אַליין... אויף די פאַראָרדענונגען, וואָס פלעגן אויסגעקלעפּט ווערן אין די גאַסן, האָט ער זיך אונטערגעשריבן מיטן גאַנצן לאַנגן און פולן טיטול... ער איז געווען אַ מיטל־יעריקער, אַ הויכער, אַ דיקער, מיט אַ פול, רויט פּנים און מיט פאַרשווירענע, קוים גרויע וואָנסעס. פלעגט ער זיך שפּאַצירן

איבערן טראָטואַר אָדער אין פּאַרק און דווקא צופוס (אפשר אום צו ווייזן העלדישקייט...) אין גרויען שינעל מיט אַ רויטן אונטערשלאַק און רויט־גלאַמפּאַסטע הויזן — האָט ער זיך געשפּאַנט רויק, געלאַסן, די הענט אַהינטער פאַרשטעקט דאָרט אין די אַרבל, ווי אַ באַלעבאָס שבת נאָכן שלאָף — נאָר הינטער אים, אַ ביסל אָפּגערוקט האָבן זיך נאָכגעשלעפּט צוויי טשערקעסן, הויכע, גלייכע ווי דיביימער, און אָט זיי, די טשערקעסן, מיט קרומע שווערדלעך און קורצע ביקסלעך אין די הענט, זיינען שוין גאָרנישט געגאַנגען אַזוי געלאַסן און רויק, ווי דער, וועמען זיי זיינען נאָכגעקראָכן. זיי, אָט די טשערקעסן, האָבן אויך אָן איבעריקן טומל „גע־אַרבעט" מיט דער הילצערנער טייל פון ביקסל און אַזוי מיר ניִשט, דיר ניִשט, אָן איבעריקער אויפרעגונג געשפּאָלטן דעם קאָפּ יעדן איינעם, וואָס איז זיי אונטערגעקומען אין וועג...

די טשערקעסן האָבן געשלאָגן, די פּאַטרולן אויף פערד האָבן גע־יאָגט פון די טראָטואַרן, די סטראַזשניקעס האָבן גערודפט: אָפּגעשטעלט דאָ איינעם, דאָ אַ צווייטן, באַזוכט, באַטאַפּט די טאַשן, געממיתט... די באַפעלקערונג האָט ווידער געליטן און געשוויגן...

און היה רבקה גריף, וואָס דעם קייזערס מאַניפעסט, די געשענקטע פרייהייט האָט זי געמאַכט גלייבן, אַז פון איצט אָן וועט דער מענטש מער ניִשט זיין הפקר — האָט ווידער געהאַט צו קרעכצן...

* * *

ניִשט ווייט פון שוואַרצן אייזערנעם דענקמאָל — באַזעצט מיט גרויסע גאָלדענע שטערן, וואָס שטייט אויפן אָנגעזעענעם שטאָט־פּלאַץ נאָך פון נאָכן 1812־טן יאָר, אַלס אָנדענק פון אַ באַנגעגניש, וואָס עס האָבן דאָ געהאַט דריי מלכים נאָכן זיג איבער נאַפּאָלעאָנען דעם ערשטן, — ניִשט ווייט פון אָט דעם דענקמאָל, שטייט פאַררוקט אין אַ זייט אַן אַלט קאַטוילישן קלויסטערל מיט אַ שפּיציק טורעמל, איז עס אויך שוין שוואַרץ פון אַלטקייט — אַ זייער היילעקס איז דאָס קלויסטערל. עס דערמאָנט אָן אַלטע פאַרצייטישע באָבעשי, וואָס לעבט נאָך נאָר אויף דער וועלט, אום די אייניקלעך און אור־אייניקלעך דאָס האַרץ צו דערפרייען, צו דערמאָנען מיט זיך אַמאָליקע רויקע און גוטע צייטן, ווען ברויט איז געווען ביליק און דעם מענטשנס לעבן — טייער.

איז אָט אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג, ווען דער קירך־עולם איז פון דאָרט ארויסגעגאַנגען פון נאָכמיטאָג־געבעט, פון די „ניעשפּאָרעס" — ווען פאַרן קלויסטערל האָט זיך אָנגעזאַמלט היפּשלעך עולם פון די ארויסגעקומענע פון דריגען — איז פּלוצלונג געקומען אָנצולויפן אַ פאַרשוין, אָנגעטאָן ווי אַ ייד אויף דער סצענע אין אַ קליינשטעטלדיק טעאַטער ביי וואַנדער־אַקטיאָרן: פּיאות מיט אַן אָנגעקלעפּט בערדל, אין אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע, מיט שיך און זאָקן, מיט אַ טלית־קטן, וואָס האָט זיך אים נאָכגעשלאָמפּערט ביז אויף דער ערד; אויפן קאָפּ אַ שטריימל — און אָט דער „ייד" האָט אַרויסגעכאַפּט פון הינטער דער פּאָלע אַ רעוואָלווער; אַן אמתן רע־וואָלווער — אָפּגעפייערט אין די מאַסע אריין, וואָס שטייט פאַר דער קירך. ס'האָט זיך געהערט אַ קנאַל, גלייך דערויף אַ יאָמערדיקער קוויטש. אַ פרוי איז אומגעפאַלן פאַרווונדעט. דער עולם קריסטן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך דעם שיסער. דער שיסער איז אָבער געלאָפן, נישט ווי עס דאַרף צו לויפן אַזאַ שטייגער יידל, נאָר ווי אַ געניטער גוטער לויפער... און ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן צוזאַמען מיטן רעוואָלווער זיינעם — אינם דאָרט נישט וויטן פּאָליציי־צירקל אין אַ הויז דערלעבן, און דער עולם, וואָס איז אים נאָכגעלאָפן, האָט אים בשום אופן נישט געקאָנט געפינען.

די פאַרווונדעטע פרוי איז דורכן עולם אָפּגעפירט געוואָרן אין שפּי־טאָל. אין אַ וואָסערע פּאָר מינוט איז די גאַנצע שטאָט פון עק ביז עק פול געווען מיט דעם נייעס, אַז אַ ייד האָט געשאָסן אויפן עולם פון דער קירך. באַלד, שוין אויפן אָרט, האָבן זיך שקצים געלאָזט איבער דער גאַס שלאָגן יידן (פּאָליציי איז שוין נישט געווען צו זען אויף אַ רפואה נישט) און ס'איז שוין ארומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז טאָמער שטאַרבט די פאַר־ווונדעטע, וועט דאָ נישט בלייבן קיין איין לעבעדיקער ייד. און די שטאָט האָט שוין געלעבט אין דערוואַרטונג פון אַ פּאָגראָם...

די פאַרווונדעטע קריסטין איז נישט געשטאָרבן, די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן ארויסגעלאָזט אַן אויפרוף „צום פּאָלק", אַז דאָס איז געווען אַ פּראָוואָקאַציע פון דער פּאָליציי... דאָס פּאָלק זאָל זיך נישט לאָזן העצן, דער „ייד", וואָס האָט געשאָסן, איז נישט געווען קיין ייד, נאָר אַן איבערגעטוענער זשאַנדאַרם...

אָבער די פּאָגראָם־לופט איז דערפון גאָרנישט לייכטער געוואָרן. אין שול האָט מען שבת אויסגערופן, יידן זאָלן וואָס ווייניקער זיך דרייען אין גאַס. איצט האָט מען שוין נישט גערעדט פון אַ פּאָגראָם, וואָס די פּאָ־ליאַקן וועלן מאַכן, נאָר וועגן ספּעציעל דערצו געברענגטע קאַצאַפּעס פון

רוסלאַנד — צוזאַמען מיט מיליטער, אַזוי ווי עס איז געווען שוין אין אַ סך אַנדערע שטעט.

די פּאָגראָם־אימה איז געוואָרן אַלץ געדיכטער. יידן האָבן געציטערט פאַרן געוויש פון אַ בלאַט אויפן בוים, אין די זונטיק־ און חגא־טעג האָבן יידן מורא געהאַט צו ווייזן זיך אין גאַס, אין די פאַבריקן זיינען אין די זונטיקן געשטאַנען צו עטלעכע מאַשינען נישט געאַרבעט, ווייל די שטי־קערם — עלטערע יידן — האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון דער היים...

און די צייטונגען האָבן טאָג־טעגלעך געבראַכט „גרוסן" פון שטעט, וו מ'לעבט אין שרעק פון אַ פּאָגראָם, און פון אַזעלכע, וו עס קומט אָט איצט פאָר דער צוגעזאָגטער פּאָגראָם... נישט וו, נישט ווען האָט זיך אַ צעלאָז געטאָן אַ קלאַנג, אַז די קאַצאַפּעס זיינען שוין געקומען, געפינען זיך אויפן וואָקזאַל און קלויבן זיך גיין אין שטאָט... מאַמעס זיינען גע־קומען צו לויפן אין פאַבריק מיט אַ יאָמער אַהיימכאַפּן זייערע קינדער פון די פעדל־טישלעך...

— משהלע, רחלע... קומטס אַהיים, גיכער! — מ'זאָגט, מיט דער באַן איז שוין אָנגעקומען אַ באַנדע כוליגאַנעס און באַלד, ווי איז אונז, וועט עס זיך אָנהויבן...

ס'איז געגנוג געווען אַן אוואַנטורע פון עפּעס אַ שיכור — אינמיטן העלן טאָג זאָל ווערן אַ פאַרמאַך די געוועלבער, אַ געקלינג מיט די אייזערנע פרענטעס איבער די טירן, אַ גערויש מיט די אַראָפּגעלאָזענע סאַלוזעס, אַ בהלהדיק געלויף פון יידן איבער די גאַסן, ווי די מייז אין די לעכער, און אַ טויטע אָפּגערוימטקייט אויף דער באַלעבטער האַנדלס־גאַס.

* * *

ס'איז געגאַנגען אַ ווינטער מיט אַ סך נאַסע וועטערן, געדיכטע נעפּ־לען, נאָר ווייניק פרעסט — חיה רבקה האָט געזעען אין אים דעם לייכטן ווינטער דעם אין הימלס דערבאַרעמדיקייט, וואָרים וואָס אַ שטייגער וואָלט זי געטאָן ביי דער איצטיקער נויט, ווען עס וואָלטן נאָך געווען פרעסט אויך, ווי וואָלט זי זיך מיט איר הויזגעזונט אַהין געטאָן?

אַזוי, מיט די לייכטע וועטערן, איז אַוועק צוויי דריטל ווינטער. אָבער ביים לעצטן דריטל, עטלעכע וואָכן נאָך ניי־יאָר, האָט דער ווינטער מיט אַמאָל אַ נעם געטאָן, מיט ירגזון אַ ברענג אָנגעטאָן די אמתע פרעסט און זאַוויערוכעס — דעמלט אָבער האָט שוין בנימין צוריק געאַרבעט, פאַר־

דינט... און חיה רבקה האָט אין דעם ווידער אַמאָל איינגעזעען זיין ברוך־הואס לייטזעליקייט מיט עלנטע אלמנות...

נישט אַזוי לייכט איז בנימינען אָנגעקומען זיך אריינצוקריגן ארבעטן אין אַ פאַבריק: אומעטום, אין אַלע קאַנטאָרן, ווו ער האָט געהאָפט צו באַקומען ארבעט, האָט מען אים אָפּגעזאָגט מיט דער דייטלעכער תשובה, ווייל ער איז אַן „אחדות יונג”, אַ שטרייקער.. .איצט האָט שוין קיינער מער נישט מורא געהאַט אָפן צו זאָגן דאָס, וואָס מיט עטלעכע חדשים צוריק וואָלט מען נישט געוואַגט פאַרן מויל צו ברענגען. — אַזוי איז בנימין געגאַנגען פון איין קאַנטאָר צו דער צווייטער און אומעטום, ווי נאָר ער האָט געזאָגט זיין נאָמען, האָט ער באַקומען אַן אָפּזאָג... ביז ענדלעך נאָך אַ סך זוכעניש, האָט ער געקריגן ארבעט ביי איינעם אַ חסידישן פאַבריקאַנט, רב משה מילגרוים.

ער, משה מילגרוים, איז אַ ייד מיט אַ בלאַס פּנים און מיט אַ ווייסער צוויי שפּיציקער באָרד. ער איז, שמועסט מען, אַ גרויסער למדן און אַ מקורב צום רבין... זיין ווייב, די אמתע געשעפטס-פירערין, טראָגט אַ האָר־שייטל און גילדערנע פענסנע. זי איז אַ געמיש פון אַ יידענע אַ טויגערקע און אַ דאַמע... מאַשינעס פאַרמאָגט מילגרוים אַ סך, נאָר אַלץ פאַרוואַרלאָזטע, קליאַקעס — די מאַשין, וואָס בנימין האָט איבערגענומען, איז געשטאַנען אין אַ מין געמויערטע שאָפע צווישן נאָך מאַשינען. ס'איז דאָרט געווען טונקל. פון די פענצטער, וועלכע זיינען געווען נישט אין דער וואַנט, נאָר אויפן דאַך, האָט קאַרג ליכט אריינגעדרונגען און דעמפּיק איז געווען — אַ פּאַרעיפּושטע לופט — און דער פּרייז פון „שטיק”, וואָס בנימין האָט באַקומען איז געווען אַזאַ קלאָגעדיקער, אַז ס'איז געווען אַ בושה אויסצוזאָגן.

זי, די מאַדאַם, אַדעלע מילגרוים, האָט געוווסט, אַז בנימין גריף איז געווען דער „אָנפירער פון דער חברה אחדות”. זי האָט דאָס בנימינען געזאָגט אין די אויגן. א, פאַרוואָס זי נעמט אים אריין צו זיך אין פאַבריק? זי האָט דאָס אויך אָפן געזאָגט — ווייל ערשטנס, מ'שמועסט, אַז ער גריף, ליווערט שיינע ארבעט; די מאַשין וועט ער אויסרעגולירן און זי האַלטן אין אָרדענונג. נאָר דער עיקר, ווייל ער גייט ארבעטן פאַר אַ ביליקן פּרייז, ווען נישט דאָס לעצטע — וואָלט זי בנימינען נישט אריינגענומען צו זיך אין פאַבריק:

— אַז שוין יאָ עסן חזיר — זאָל עס מיר רינען איבער דער באָרד, אַז כ'נעם שוין יאָ אריין אַזעלכן... — האָט זי געזאָגט כלומרשט אין געלעכטערל, און בנימינען איבערגעגעבן שטאָף און גאָרן צום אויפשפּאַנען.

בנימין ווידער — די נויט אינדערהיים איז געווען גאָר, גאָר, ישראל נח איז פארשיקט — האָט ער שוין גאָרנישט געקוקט אויף די שלעכטע באַדינגונגען און קליינעם לוין, און זיך געזעצט אַרבעטן.

ס׳איז געווען שווער צו לעבן אין אָט דער ווּסטעניש. די אַרבעטס־וואָך איז בנימינען נאָך ווי עס איז אַדורכגעלאָפן — זיצנדיק פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט אין פאַבריק, אַרבעטנדיק אויף חיונה פאַר זיך און פאַר דער שטוב — אָבער דעם פרייען שבת־טאָג, איז נישט געווען ווו זיך אַהינצוטאָן, וויסט און לער איז געווען דאָס לעבן אַרום. פּונקט ווי אַ שפּרודלדיקער קוואַל, וואָס באַוויזט זיך אויף אַ זאַמד־פעלד און מיט זיין שטראָמענדיקן כוח נעמט דאָס זאַמד זיך באַדעקן מיט גראָז, ס׳נעמט שפּראָצן און בליען — און מיטאַמאָל ווערט דער קוואַל פאַרשווונדן, מיט־נעמענדיק מיט זיך די גאַנצע שפּע, און מדבר ווערט צוריק מדבר און די ווּסטעניש נאָך ווּסטער ווי פריער — אַזוי האָט איצט נאָכן פאַרשווינדן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג — דאָס אַרבעטער־לעבן אויסגעזעען אין בנימינס אויגן נאָך גרויער, ווי עס איז אַמאָל געווען.

ווידער האָבן זיך געמערט די טאַנץ־בודעס ווו די שטריקערס האָבן פאַרברענגט די פרייע שבתים. די עלטערע, וואָס זיי האָט שוין נישט געפּאַסט דאָרט צו גיין, האָבן זיך חברותווייז פאַרזאַמלט אין די שענקען, אָדער ביי איינעם פון זיי און פאַרברענגט דעם שבת־טאָג מיט טרינקען ביר, רעדן צווייידייטיקע ווערטלעך און ווידער און אָבער אַריינגיסן אין זיך קופּלעם ביר, אַזוי ביז שפּעט אין אָוונט האָבן זיי זיך אַהיימגעשלעפּט מיט אַ פולן בויך און מיט אַ „פּאַרמאַנטשעטן" קאָפּ; זיך געוואָרפן אויפן געלעגער און צומאָרגנס, זונטיק — צוריק צו דער אַרבעט ביז צום צווייטן פרייטיק פאַרנאַכט.

זיצן אין דער היים אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג האָט זיך בנימינען פאַרט נישט געוואָלט, איז ער טיילמאָל איינער אַליין אַוועק אַ ביסל אין פּאַרק. ס׳איז געווען ווינטער. דער פּאַרק איז געווען פאַרשנייט. ליידיקע ביימער מיט שטראַם אויסגעשפּרייטע צווייגן; אויפן פאַרפרוירענעם טייך איז דאָס יונגוואַרג — פון פאַרמעגלעכע עלטערן — געפאָרן אויף די גליטשערס אַהין און צוריק מיט צערויטלטע בעקלעך און גלאַנציקע אויגן; געוויזן בריהשקייטן... אַרום טייך אויף די ברעגעס און אויף די וועגן און שטעג־לעך האָבן געשפּאַצירט אַרבעטער און אַרבעטערינס; אָפּט צופעליק דאָ זיך צונויפגעטראָפענע בחורים און מיידלעך פּאָרלעכווייז און צו עטלעכע. ווי־דער האָט זיך געהערט צווישן זיי דאָס אַמאָליקע פאַבריק־לשון, וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג האָט עס שוין געהאַט אונטערגעבראָכן. איצט האָט עס צוריק אויפגעלעבט. דאָס איז געווען פון אויבן־אויף כלומרשט אומ־

שולדיקע רייד, וועלכע האָבן צוגעדעקט זייער אמתן מיין, ווי א גרינער שליים דעקט צו א קאַלוזשע.

— יונגערמאַן, זי זיינען עפּעס גאָרנישט קיין פיינער קאַוואַליער...

— זאָגט א מיידל צו אַ בחור.

— פריילין, איך על איהן פונדעווען, נאָר... — פאַרענדיקט ער עס מיט די אויגן — זי פאַרשטייען?...

דערויף זי:

— איך — אז א קאַוואַליער גיט מיר, בין איך אויך נישט קיין האַרטע... — זאָגט זי עס כלומרשט נאַיוו...

און אז ס׳האָבן בנימינען דערעסן אָט די שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך, דערעסן ביז עקל, ביז חלשות, — איז ער אריבערגעגאַנגען דאָס קליינע בריקל, וואָס אונטער אים ליגט אַ געפּרוירן טייכל אַ שמאָלס, ווי אַ ראָוו. דאָרט פון יענער זייט טייכל איז נישט געווען צו זעען די פּאָרלעך און ס׳איז נישט געווען צו הערן זייערע שמועסן... דאָ האָט אויסגעזעען דאָרפיש שטיל און ווייס: קליינע בערגלעך און ברייטע פאַרשנייטע פעלדער. די הייזלעך צעשיט ווייטלעך איינס פון צווייטן, מיט רויטע האַלב־פאַרשנייטע דערפלעך, וואָס האָבן אַזוי קינדיש אויסגעזעען, ווי זיי וואָלטן געשטעלט געווען בלויז נאָר אום דאָס אויג צו דערפרייען. און פון מאַנכע קוימענדלעך האָט זיך געשלענגלט אַ רויכל; אַ הונט האָט געבילט פאַר אַ טיר; אין אַ שטעלעכל האָט געכליפּעט אַ חזיר; אַ קעלבל האָט געמעקעט; אַ האָן מיט אַ ווייסלעך אָפּגעפרוירענעם קאַם איז געשטאַנען אויף איין פוס, געגלאָצט מיט דעם רונדיקן רויטן אייגל צום פאַרפרוירענעם ווינטער־הימל, דאָ צום שטיקל ווינטער־זון, וואָס האָט קאַלט באַלויכטן אַ שטיקל פאַרשנייטן דאַך...אָט דאָ, ארומגערינגלט מיט שטילקייט און דאָרפישער היימלעכקייט, איז געווען גוט ארומצוקריכן, גאָרנישט צו טראַכטן; פאַרגעסן, וואָס עס איז געווען נעכטן און וואָס עס דערוואַרט דיך מאָרגן, — אַזוי, ביז ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן אָוונט, איז בנימין אַהיימגעגאַנגען. אין דער היים האָט נישט לאַנג געדויערט, באַלד איז געוואָרן שפּעט אין אָוונט. בנימין האָט זיך געלייגט שלאָפן. אז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין צוריק געווען וואָך. בנימין האָט געאײַלט אין פאַבריק, זיך געזעצט אַרבעטן, און ווידער איז געגאַנגען אַ וואָך.

איינמאָל שבת פאַרנאַכט — בנימין איז געקומען פון שפּאַצירן אַליין אין פּאַרק. אין דער היים איז די טיר געווען פאַרשלאָסן. בנימין איז גע־

גאַנגען צו מלכהן מיט דער האָפענונג, אַז דאָרט וועט ער טרעפן די מוטער און נעמען פון איר דעם שליסל. ביי מלכהן איז אויך געווען פאַרשלאָסן. שפּעטער, אַז בנימין איז ווידער אַהיים געקומען און די טיר איז נאָך אַלין געווען פאַרשלאָסן, איז אַרויסגעקומען די יידענע, די שכנטע, פון קעגנאַי־בער און אים צו וויסן געטאָן, אַז די מוטער איז אַוודאי ביי וואָלבערגן. וואָרים נאָך מיטאָג איז דאָ געווען וואָלבערגס פרוי און טאָכטער, און זיי זיינען צוזאַמען אַוועקגעגאַנגען.

בנימין האָט זיך דערנאָך אַ צייט לאַנג אַרומגעדרייט אין די גאַסן. אַ לייכטער שניי האָט געשיט; די טעג זיינען שוין געווען גרעסערע און דער פאַרנאַכט האָט זיך ביסלעכווייז אָנגערוקט. אין דער יידישער גאַס איז געווען דער געוויינטלעכער שבת פאַרנאַכט־שפּאַציר... פון אַ חסידים־שטיבל האָט זיך געהערט אַ הויך זינגען און פּלעסקען מיט די פיס. די חסידים האָבן אַפּנים אויבן פריילעך פאַרברענגט ביים שלש סעודות...

גאָרנישט טראַכטנדיק, נאָר אַזוי פון זיך אַליין, האָט זיך בנימין אַ ביסל אָפּגעשטעלט און זיך צוגעהאָרכט צום זינגען. נאָך אַנדערע זיינען אויך געשטאַנען און געהאָרכט. — עמעץ האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף בנימינס אַקסל. בנימין האָט זיך אומגעקוקט. ס'איז געווען מנשה, בנימינס געשוועסטערקינד, מנשה וואָלבערג.

— נישט שיין פון דיר, בנימין, זאָלסט צוהאָרכן דאָס זינגען, ס'פּאַסט נישט.

— פאַרוואָס פּאַסט נישט? — האָט בנימין געפרעגט פאַרוווּנ־דערט. — וואָס זינגען זיי דען?

אָנשטאָט צו ענטפערן, האָט מנשה האַלב הויך אָנגעהויבן צו זינגען ווערטער צו דעם ניגון, וואָס האָט זיך געטראָגן פון חסידים־שטיבל אויבן. מנשה האָט אַזוי געזונגען:

הער נאָר איטשע בער,
קום נאָר דאָ אַהער
כ'וועל דיר עפּעס זאָגן
ס'וועט דיר הנאה טאָן: —
מ'האָט שוין אויסגעהרגעט
אַלע שטרייקערס,
זיי ליגן אויסגעצויגן
אַזוי ווי די פּגרס...
...מ'וועט שוין מעגן גיין
שפּעט ביי דער נאַכט..."

ערשט האָט בנימין פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דאָס שפּאַט־לידל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן נאָך דער מפּלה פון דער באַוועגונג, און וואָס אַט דאָס לידל איז איצט שטאַרק אין דער מאָדע און ווערט געזונגען אויף יידישע שמחות און איבערהויפּט אויף די חסידישע אַפּטע קערמעשלעך, ווען זיי צעפֿלעסקען זיך.

— נו, — הייבט מנשה ווידער אָן — זאָג אַליין, דאַרפסטו דאָס הערן?...

— און דו? — פרעגט בנימין נייגיריק.

— איך, ברודער, בין גאָר עפּעס אַנדערש — מאַכט מנשה ווילע־ריש, ווי זיין שטייגער, — איך געהער שוין גאָר צו אַן אַנדערן לאַגער. איך, ברודער בנימין, האָב מיך איבערגעצייגט, אַז די פּאַרטייען... נאָר צו וואָס זאָל איך דיר אויסרעדן. איך האָב מיך איבערגעצייגט, אַז די פּאַרטיי איז נישט פאַר אַזאַ סקאַל מענטש ווי איך בין — איך בין איצט זייער גרעסטער שונא, און איך אַרבעט קעגן זיי.

— מיט וואָס, אַ שטייגער, אַרבעטסטו קעגן זיי?

— מיט וואָס — ווילסטו וויסן? — גיבן מנשהן אַ פינקל די אויגן — דאָס וועל איך דיר זאָגן אַן אַנדערש מאָל. איצט וויל איך דיר נאָר זאָגן, בנימין: איך וויל מיך נישט גרויס מאַכן און כ'וויל נישט, דו זאָלסט מיר דאַנקען, נאָר וויסן זאָלסטו, בנימין, אַז איך האָב דיר אַ טובה געטאָן: די זשאַנדאַרמעריע האָט חשק געהאַט דיר צו פאַרקאָכן אַ קאַשע, ווייל מ'האָט דיך געפונען פאַרוואונדעט דעמלט שמחת־תורה אין געהיימען שטיבל. זיי האָבן דיך געוואָלט צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט און דו וואָלסט פאַר אַזאַ מעשה געכאַפּט אַ פאַרשיקונג אַדמיניסטראַטיוו, נאָר איך, דיין געשוועסטערקינד און גוטער פריינט, האָב איך פאַר דיר אַ גוט וואָרט גע־רעדט, אַ סך גוטע ווערטער גערעדט, און דיין „דיעלע" איז סקאַסירט גע־וואָרן.

— ביסטו, זאָגסטו, אַזאַ נאָענטער מחותן ביי די זשאַנדאַרמען? — פרעגט בנימין כלומרשט אין קאַטאָוועס. — איך גלייב דאָס אָבער נישט אויף דיר.

נאָר מנשה כאַפּט אונטער ווילעריש:

— דו גלייבסט נישט? טאָ נאַ, זע, וועסטו שוין יאָ גלייבן, — און מנשה האָט אַ דערהייב געטאָן און אַ בייג אַרונטער געגעבן אײן פוס, עס זאָל זיך אים אָנציען די „נאַגאַוויצע" איבער דער קני. ער האָט אַוועקגע־מאַכט דעם ראָק און אויף דער אָנגעצויגענער הויזן־קעשענע, האָט זיך אָפּגעפאָרמט דאָס געשטאַלט פון אַ רעוואָלווער, וואָס מנשה האָט געהאַט ליגן אין קעשענע.

און קוילן האָב איך אויך און אַ קוויט, אַז איך מעג טראָגן געווער...
און נאָך איידער בנימין האָט עפּעס זיך אָנגערופן, האָט מנשה געפּו־נען פּאָר נויטיק צוצוגעבן:

— איך דין נישט ביי די זשאַנדאַרמען, אָסור נישט! איך האָב צווישן זיי עטלעכע גוטע פריינט. ס'קאָסט מיך אַמאָל אַ פונדע און דאָס געווער־טראָג איך ביי זיך בלויז נאָר זיך אָפּצוווערן. איך האָב שונאים...

„ס'איז געווען איבעריק נאָך צו שטיין און רעדן מיט מנשהן. כאָטש בנימין האָט מנשהן געקענט און געוווסט, אַז זיינע פּלוידערייען זיינען סתם, אָן אַ פּיצל אמת וואָרט, אָבער שוין דאָס בלויזע טראַכטן, אַז עס קאָן אויך זיין עפּעס אמת — האָט אין בנימינען געוועקט אַן עקל. ער האָט זיך אויף דער גיך נאָכגעפרעגט, צי זיין מוטער איז נישט ביי זיי, און באַקומענדיק אַן ענטפער, אַז יאָ, די מומע חיה רבקה מיט סימעלען זיצן איצט אויבן ביי זיי, — האָט בנימין איבערגעלאָזט מנשהן און ווייטער געגאַנגען.

אַ האַלבע שעה שפּעטער, ווען בנימין, שוין מיטן שליסל אין קעשענע, איז אַראָפּגעגאַנגען פון פעטער לייב חיים, איז פּונקט פעליקס, מנשהס יינגערער ברודער, אויך געגאַנגען אין גאַס אַריין, זיי זיינען אַ שטיקל וועג צוזאַמען געגאַנגען און געשמועסט...

— ווי מיינסטו, בנימין — פרעגט דער עלעגאַנט אָנגעטוענער פּע־ליקס מיט די גראָבע ראָזע באַקן, — וועלן עפּעס אַ סך אונזערע אַריין אין דער נייער דומע?

— וואָסערע „אונזערע”? — פאַרשטייט נישט בנימין — ווער?...

— נו, די קאַדעטן — גיט אים פעליקס צו פאַרשטיין, וועמען ער מיינט אונטער דעם וואָרט „אונזערע”. נאָר זעענדיק, אַז בנימין קוקט אים אָן, האָט פעליקס מן הסתם געמיינט, — אַז בנימין ווייסט נישט, און גענומען אים קלאָר מאַכן:

„קאַדעטן” הייסט: קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטן. אַלע זיינען מיר איצט קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטן. דער סאָציאַליזם האָט באַנקראָ־טירט... ער איז מער נישט פּאָפּולער...

ווייטער האָט שוין פעליקס סתם געפּלאַפּלט, אַז דער סאָציאַליזם איז אַ פאַרבאַנד פון בעלי־קנאהס, ער זייט שנאה צווישן מענטש און מענטש... בנימין האָט זיך אינגאַנצן נישט צוגעהערט צו פעליקס דאָזיקע פּלוידעריי, אים האָט בלויז געחידושט פעליקס אויפטו: „אַלע זיינען מיר איצט קאַ־דעטן”; געגלויבט, אַז דאָס רעדט נישט איצט פעליקס פון זיך אַליין, נאָר ער מוז עס האָבן ערגעץ אויפגעכאַפּט און אַז מן הסתם איז דאָ אַ געוויסע טייל בירגערלעכע יידן, וואָס זיינען איצט פאַרליבט אין דער קאַדעטישער

פּאַרטיי, ווייל זי פאַרזיכערט צו פאָדערן אין דער „דומע" פאַר די יידן „פּראַווע".

און צומאָרגנס און איבערמאָרגן האָט די וואָכעדיקע צייט ווייטער געצויגן אירע טעג און וואָכן. דער ווינטער האָט געוועלטיקט אויף דער וועלט מיט זיין גאַנצער פּראַקטיקער שטרענגקייט. די צייטונגען האָבן איינגעפירט אַ רובריק: „טויט־אורטיילן". טאָג־טעגלעך איז אויסגערעכנט אַ לאַנגע ריי טויט־שטראָפן, וואָס די פעלד־ און קריגס־געריכטן אין גרויסן רוסלאַנד האָבן אַרויסגעגעבן דורכן טאָג.

ביי טייל איז געווען אַ גרויסמוטיקע באַמערקונג: „לויט אַן אַלער־העכסטן באַפעל פאַרביטן פון הענגען אויף דערשיסן". און זעלטענער נאָך גרויסמוטיקער: „מיט דער גענאָד פון זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט פאַרביטן די טויט־שטראָף אויף אייביקער קאַטאָרגע". — אַזוי טאָג־טעג־לעך, עס איז שוין באַלד אויסגעקומען, אַז אַנדערש זיין קאָן גאָרנישט.

און דאָס לעבן, ווי אַ גרויער בין־השמשות, האָט זיך געצויגן פויל און שלעפעריק־נודנע, ווי אַ שטיק פעך. און דער ווינטער האָט, אָפּנים, איצט אָפּגענומען זיך פאַרן אָנהייב, וואָס איז געווען לינד, האָט ער איצט באַצוואונגען די וועלט מיט פאַרשפּעטיקטע פרעסט און שניי־שטורעמס. אַז אינדרויסן האָט געבושעוועט אַ זאַווערוכע, געפייפט און געוואָיעט אין ווייסן שדים־טאַנץ, איז בנימינס מוטער געזעסן פאַראומערט און גע־שאָקלט דעם גרויען, פאַר דער צייט פאַרעלטערטן קאָפּ:

מיין קינד, נעבעך, גייט מיטן עטאַפּ איצט...

וואָסער וועטער ס'זאָל נישט זיין געווען אינדרויסן — אַפילו אַ שטי־לער שניי, אָדער פרעסטלדיק וועטער — יעדן טאָג כמעט, ווען בנימין איז אין אָוונט אהיים געקומען פון דער אַרבעט, האָט ער געהערט דער מוטערס איין און דעם זעלבן שפּרוך:

— מיין קינד, נעבעך, ישראל נח... דעם קייזער האָט זיך אים פאַר־גלוסט אַראָפּצוואַרפן...

און בנימינס פאַבריקאַנט, דער חסיד ר' משה מילגרוים, דאָס איז איינער פון די אומווערדיקסטע שרצים, וואָס די וועלט פאַרמאָגט נאָר. אַז ס'קומט אַמאָל אויס אַ סיכסוך צווישן בנימינען און דער פאַבריקאַנטקע, ווי געוויינלעך צווישן אַרבעטער און אַרבעטסגעבער, — האָט הער מרוק מיט דער צווײי־שפּיציקער ווייסער באָרד שטענדיק עפּעס אַזאַ וואָרט אויס־צו ווייזן דעם ווייב זיינעם:

— אַדעלע! כ'האָב דיר אָבער געזאָגט, זאָלסט מיר נישט אַרייננעמען קיין אחדות־יונגען, זאָל ער מיינעטוועגן פּגרן פון הונגער אונטער אַ פּלויט. — איצט זעסטו שוין!...

בנימין הערט דאָס און ער מאַכט זיך, ווי ער וואָלט עס נישט געהערט — און אַזוי ציען זיך בנימינען טעג, וואָכן, חדשים.

* * *

...איצט, ווען קיין אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען מער נישט געווען — האָבן זיך די פאַבריקאַנטן מיטאַמאָל גענומען אָרגאַניזירן, גרינדן אַ פאַבריקאַנטן־פאַריין...

אין גרויסאַרטיקן קאָנצערט־זאַל איז מיט גרויס פאַראַד פאָרגעקומען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. רעכט צו באַטייליקן זיך אין דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג האָבן געהאַט נישט אַלע פאַבריקאַנטן, נאָר די סאַמע גרעסערע — אַלס ערן־פאָרזיצער איז איינשטימיק אויסגעקליבן געוואָרן... בעריש „גובערנאַטאָר"; קיין פאַבריקאַנט איז בעריש „גובערנאַטאָר" קיינמאָל נישט געווען. — ער איז געקומען אַהער צו פאָרן מיט זיין קאַטש גלאַט אַלס פאַרבעטענער גאַסט.

מיט גרויס חשיבות האָט מען בערישן אַרויפגעפירט, געשטעלט פאַר זיינעטוועגן אַ באַזונדערן געבעטן פאָטעל לעבן דעם אמתן פאָרזיצער — דעם פאַבריקאַנט אַראָנסאָן. בעריש גובערנאַטאָר — אַן אויג אַן אויסגערינענס, אַ בלינדס, פאַרבונדן מיט אַ שוואַרצן פלאַסטער און אויסגעבערנטע סימנים אויפן פנים — האָט מיט גרויס אָנגעזעענקייט פאַרנומען זיין אָרט רעכטס פון פאָרזיצער. איינער פון די יינגערע פאַבריקאַנטן, אַ נידעריק געפאַקט יידל מיט אַ שוואַרץ פאַרשפּיצט בערדל און האַרטע ווייסע מאַנזשעטן, וועלכע האָבן אים אַרויסגעקוקט פון אונטער די אַרבל פון האַלב לאַנגן רעקל — האָט געהאַלטן אַ חניפה־רעדע לכבוד דעם שטאָטפאָטער — בעריש גובערנאַטאָר — אים טיטולירט: „מאַרטירער פאַרן אמת, קרבן פון קנעכטישער הפקרות"...

בערישל „מאַכער", מאַכנדיק זיך גאָרנישט פאַרשטיין, אַז דאָס האָט מען אים אַהער פאַרבעטן און צוגעטיילט כבוד בלויז נאָר פון מורא, ער זאָל דעם פאַבריקאַנטן־פאַריין נישט אונטערשטעלן אַ פיסל ביים גובערנאַטאָר — האָט לייטזעליק געשוויגן, ווי איינער, וואָס האָט כשר פאַרדינט די שבחים, און ווי אַלע, וואָס זיינען דאָ פאַרזאַמלט, פאַרשטייען אויך, אַז די שבחים, וואָס זיי הערן דאָ פון מויל פון זייערס אַן אייגענעם, האָט ער זיך פאַרדינט מיטן פאַרטיליקן פון הי די „אחדות" און מיטן באַצאָלן דערפאַר מיט יסורים פון זיין גוף. האָט ער געשוויגן, בערישל „גובערנאַ־

טאָר", בלויז נאָר קוים־קוים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו יענעמס שבחים אויף זיין אדרעס, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— אוודאי, אוודאי, ווי דען?...

די פאַבריקאַנטן־פאַרזאַמלונג האָט לאַנג געדויערט. אונטן, אין גאַס, פאַרן הויז זיינען שטיקערס געלאָפן אהין און צוריק, ווי די פאַרסמטע מייז, מיט נייגיריקע אויערן און שרעקעדיקע הערצער, געהלשט זיך דערוויסן, וואָס עס ווערט אויבן באַשלאָסן, ווי מ'צעפּערטלט אויבן זייער אָרימע פּעל, נאָר נישט קיין מוט געהאַט אפילו אויף די שטיגן אַרויפצוגיין און בלויז נאָר הינטער די גרויסע שפּיגלדיקע פענצטער געלאָפן אהין און אהער און מיט אויפגעשפּיצטע אויערן און אַרויף פאַררויסענע פּנימער — פון קעגנאיבערדיקן טראָטואַר אַרויפגעגלאָצט.

לויט בערישס גוטער עצה איז אוועקגעשיקט געוואָרן אַן אַלער־אונטערטעניקסטע דעפּעשע קיין פּעטערבורג... דער היגער גובערנאַטאָר האָט צוגעשיקט אַ באַאַמטן מיט אַן אַנטשולדיקונג, אַז לײַדער קאָן ער אַליין נישט קומען, נאָר ער ווינטשט דער פאַבריקאַנטן־פאַרזאַמלונג דער־פאָלג, זי זאָל אָננעמען באַשלוסן לטובת דעם קייזער און פאָטערלאַנד.

דעם גובערנאַטאָרס ווערטער, געלייענט פון זיין צוגעשיקטן שליחס מויל, זיינען אויפגענומען געוואָרן פון די פאַרזאַמלטע מיט אַ האַנטפּאַ־טשערײַ און אויסגעשרייען „הורא". אַראָנסאָן האָט, אין נאָמען פון אַלע, געדאַנקט אויף רוסיש מיט חניפות און פאַרזיכערונגען פון טרײַשאַפט.

שפּעט בײַנאַכט איז די סטאַדע פאַבריקאַנטן צעגאַנגען זיך פון דער פאַרזאַמלונג מיטן באַוווסטזיין, אַז מ'האָט פּאַרט עפּעס באַצוועקט: ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרקלענערן דעם אַרבעטס־לוין איינהייטלעך: נישט — איינער מער און אַ צווייטער ווייניקער, נאָר אומעטום גלייך: ס'איז געוואָרן באַשלאָסן, אַז מ'טאָר נישט צונעמען אַן אַרבעטער אָן רעקאָמענדאַציע פון קאַנטאָר, וווּ ער האָט פריער געאַרבעט, אין דער רע־קאָמענדאַציע דאַרף צו זיין אַרויסגעשריבן, פאַרוואָס ער איז פון דאָרט אוועק... און צום סוף איז נאָך עפּעס באַשלאָסן געוואָרן און דאָס — שוין פון גאָר אַן אַנדערן מין — לטובת די שטיקער...

איינשטימיק מיט אַלע שטימען (אפילו פרענקל, וואָס אויף זיין טיש ווערן אויפגעגעבן געבראָטענע האָזן, און מייזנער, וואָס האָט געפירט זיין טאָכטער צו דער חופּה אין קאַשטשאָל — האָבן אויך געשטימט פאַר): ס'זאָל פון דער אַלגעמיינער פאַריין־קאַסע אַרויסגענומען ווערן געלט פאַר דער שטיקער־חברה, כדי די חברה זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו לאָזן פאַר־ענדיקן די ספר־תורה, וואָס איז געוואָרן אָנגעהויבן צו שרייבן שוין מיט עטלעכע יאָר פריער, נאָר איז נישט פאַרטיק געוואָרן, ווייל איבער די

אחדות־יונגען מיט זייער אָרגאַניזאַציע איז די חברה „אחים־רחמנים" צע־פאַלן און ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל זיך אינטערעסירן מיט דער ספר־תורה. איצט אָבער האָט שוין ווידער עקזיסטירט אַ חברה „אהבת־אחים" מיט אַ געדונגען שטיבל צום דאַווענען דאָרט שבת, יום־טוב און לערנען חומש און חיי־אָדם, — אָט די חברה האָט איבערגענומען די ירושה פון דער אַמאָליקער „אחים־רחמנים", פאַר איר האָט עס די פאַבריקאַנטן־פאַרזאַמלונג אַסיגנירט געלט צו לאָזן פאַרטיק שרייבן די ספר־תורה. אַז ס'איז נאָר געווען געלט, האָט זיך דער סופר פאַרשאַרצט די אַרבל, גענו־מען צוזאָגן מיט דער אַרבעט, און די חברה „אהבת־אחים" האָט מיט אַ ברען גענומען מאַכן הכנות צום חינוך־הספר.

* * *

ס'האָט זיך אָנגעלאָזט אויף אַ וואַזשנעם חינוך, אויף גאָר אַ וואַזש־נעם. שוין אַ צייט פריער האָט מען גערעדט אין שטאָט, אַז די שטיקער־חברה גרייטן צו אַ חינוך, וואָס אַזוינס האָט מען נאָך נישט געזעען, און פרומע פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים האָבן, הערנדיק דאָס, געטשמאָטשקעט מיט די ליפּן:

— גליַיך, זייער גליַיך...

פאַבריקאַנטן האָבן ווידער אַן גרויסער קווענקלעניש געגעבן צו בים־לעך געלט, אַבי דער חינוך־פּאַראַד זאָל זיין וואָס גרויסאַרטיקער.

וואָרים:

— אַ ספר־תורה היט אָפּ פון דער אחדות־קליפּע בעסער ווי אַ זשאַנ־דאַרם — האָט דוד פישמאַן — וואָלבערגס איידעם, דער פאַבריקאַנט — גע־זאָגט מיט אַ פּיפּיק שמייכעלע ביי הערמאַן קופּער אין קאַנטאָר, און לויט קופּערס ענטפער־שמייכעלע איז געווען צו דערקענען, אַז ער פאַרשטייט פישמאַנס מיין און איז מיט אים איינשטימיק.

און ס'איז געווען אַ חינוך הא, הא!...

אין אַ זומער נאַכט איז עס געווען. סטראַזשניקעס האָבן אָפּגעהיטן דעם וועג פון „פּאַריזער זאַל", וווּ דער חינוך קומט פאָר, ביז דער אַלטער שול, וווּ מ'איז געגאַנגען מיט דער נייער ספר־תורה. שטיקערס, פאַר־שטעלט אַלס טערקן אין רויטע הויזן, רויטע מיצן אויף די קעפּ, אָנגעגורט אין הילצערנע שווערדן — זיינען געריטן אויף פערד: שטיקערס פאַרשטעלט אַלס ציגיינערס מיט שוואַרצע בערד געמאַכט פון וויבערישע שייטלען,

אין די הענט גרויסע מעשענע טאַצן, — זיינען געגאַנגען פֿאָרויס פֿאַר דער חופּה, אונטער וועלכער בעריש גובערנאַטאָר אין ימים־נוראימדיקן שטריימל מיט די סך עקן האָט געטראָגן די „ריינקייט", אָנגעטאָן אין אַ רויט סאַמעטן מענטעלע און באַהאָנגען מיט זילבער; פֿון ביידע זייטן בע־רישן — דער פֿאַבריקאַנט אַראָנסאָן פֿון איין זייט, און דער פֿאַבריקאַנט קאָ־פּער פֿון דער צווייטער; אַן אָרקעסטער קלעזמאָרים האָט געשפּילט, און חברה פּעדלערס האָט געשאָסן מיט פֿייערווערק, געלאָזט ראַקעטן... און אַ געדריק איז געווען, אַ געשטופּ!... מענטשן זיינען שיער צעקוועטשט געוואָרן אויף טויט. די שטיקערס־אָרדנער, וואָס האָבן אַכטונג געגעבן אויף דער אָרדענונג זיינען פֿון נאַכאַנאַנדיקן שרייען און קירעווען מיט דעם אומ־געהויער גרויסן עולם — געווען הייזעריק ווי די זעגן... און די אָרדנער מוזט איר וויסן, זיינען געווען סאַמע געקליבענע שטאַרקע יונגען איינער און איינער! גימפּל — אונדזער אַלטער באַקאַנטער, גימפּל פֿון דער „אָר־געשלעג שמחת תורה איז ער אַ פּאָר וואָכן געלעגן באַהאַלטן ערגעץ, ביז גאַניזאַציע" — איז אויך דאָ געווען אַן אָרדנער. ער, גימפּל (נאָך דעם ס'איז שטיל געוואָרן), האָט לעצטנס שוין אינגאַנצן נישט געאַרבעט אַ־ין פֿאַבדיק. ער האָט פֿאַרמאָגט זיין אייגנס עטלעכע „כלות", האָט ער פֿון די „כלות" געהאַט פּרנסה בריווח. ער האָט געטראָגן הויכע שטיוול פֿון סאַמע לאַקיר, אַ בונט זיידן טיכל אויפֿן האַלדז; אויפֿן קאָפּ — אַ קליין היטעלע מיט אַ לעדערן גלאַנציק דאַשיקל, מיט אַ לויז שטורעם־בענדל דעריבער — און אָט אַזוי, די הענט פֿאַרשטעקט אין די ברייטע הויזן־קעשענעס, האָט ער זיך געשפּאַצירט אין די גאַסן און געקנאַקט באַניע־קערן, אָדער געזעסן אין שענק; שוין נישט ביים טומטום אין שענק, נאָר אויפֿן ראָס־מאַרק, און ער זאָל זיין נאָענט פֿון די „כלות" „אַרבעטס־פּלאַץ", וואָרים אין דער שענק אויפֿן ראָס־מאַרק זיינען געווען אַ פּאָר הינטער־שטיבלעך, אָפּגעטיילט איינס פֿון אַנדערן דורך אַ פּאַראַוואַן.

היינט, צוליב דעם חינוך־פּאַראַד פֿון דער נייער תורה פֿון דער שטיקער־חברה, האָט גימפּל אוועקגעוואָרפֿן די שענק, ארויסגעגעבן פֿאַר־אָרדענונגען זיינע „כלות" און געגאַנגען העלפֿן האַלטן די אָרדענונג אויפֿן חינוך.

ס'איז געווען אַלץ גוט און פֿיין: די טערקן זיינען געריטן אויף די פֿערד מיט ברענענדיקע שטורקאַצן אין די הענט און געזונגען פֿון „מכירת יוסף־שפּיל"; די ציגיינער האָבן „געזבענקט מיט די מעשענע טאַצן. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט, די ראַקעטן האָבן געפֿופֿט צום הימל, און דער עולם מענטשן, מענטשן און ווידער און אָבער מענטשן, רעכטס און לינקס, פֿאָרנט און הינטן — האָבן זיך געשטופּט, געקוועטשט,

איינס אויף ס'אנדערע געקראָכן, ווי אויף אַ לעבעדיקער זיך באַוועגנדי־קער מויער... די אָרדנער מיט די רימענע בייטשלעך אין די הענט, האָבן געהאַקט איבער די קעפּ, אָן חילוק וועמען און ווו דער רימען טרעפט; זיי האָבן געהאַט אַ סך ארבעט אָפּצוהיטן די אָנגעזעענע לייט אונטער דער אויסגעשפּרייטער חופּה, איבערהויפּט בעריש „גובערנאַטאָר" — אין שטריימל און איין אויג פאַרמאַכט, פאַרבונדן מיט אַ שוואַרץ פּלעס־טערל, — אַז ער, ר' בערישל מיט דער ספר־תורה אין אָרעם, זאָל אין דעם גרויסן געדרענגעניש, חלילה, נישט פאַרטראָגן ווערן מיטן שטראָם פון אונטער דער חופּה אוועק, פאַרטראָגן ווערן ערגעץ מיט דער מאַסע, ווי אין אַ נאָכגעלאָזטן פאַרפלייצטן טייך די אייז־קריעס...

ס'איז אַלץ געווען פיין אין אָרדענונג, נאָר פאַר דער סאַמער שול, ווו אין דער אָפענער טיר האָט אָפּגעוואַרט די נייע ספר־תורה — דער חזן מיט זיינע קאַפּעלע משוררים, איז פּלוצלינג געוואָרן אַ שטיקל סומאַטאָכע. ס'האָבן זיך געהערט ווייבערישע געשרייען און קוויטשן. ס'איז געוואָרן אַ צערודערניש, די חופּה מיט דער ספר־תורה איז געבליבן שטיין אין ענגעניש, די מוזיק האָט אויפגעהערט צו שפּילן, ביז ס'איז קלאָר געוואָרן, וואָס עס איז געשען. און געווען איז אָט וואָס: דעם פאַרשיקטן יואל פּאַנ־טשערס ווייב מיט צוויי קינדער לעבן זיך האָט נישט געפונען קיין אַנדערע צייט, נאָר גראָד איצט, צו שטערן די שמחה — זי האָט זיך אַ וואָרף גע־טאָן אויף דער ערד פאַר דער חופּה, אַרומגעכאַפּט דעם תורה־טראָגער — בעריש „גובערנאַטאָר" — די פיס און געיאָמערט:

— ראַטעוועטס מיר ארויס מיין מאַן!...

דער גרויסער עולם איז די ערשטע מינוט, ביים דערהערן דעם הייסן יאָמער־געבעט, געבליבן שטיין פאַרשטאַרט, שטיל. באַלד אָבער איז גע־וואָרן אַ דראָענדיק געפּילדער. ס'האָבן זיך געהערט איינצלנע און צו עט־לעכע שטימען:

— נישט געפונען קיין אַנדערע צייט!...

— אוועקטרייבן!

— זאָל זי זיך אָפּטראָגן!...

— אַ חוצפּה!...

און גאָר שוואַך — ווי אַ יתומל צווישן דערוואַקסענע בעל־דברים — האָט זיך געהערט אַן איינצלנע שטים:

— זי גייט אויס מיט די קינדער פאַר הונגער — איך ווייס...

ס'האָבן זיך אַהין צוגעשטופּט גימפּל מיט נאָך אַן אָרדנער, זיי האָבן די יידענע אַוועקגעשטופּט, זי האָט זיך נישט געלאָזט, געלעגן אויף דער ערד, געיאָמערט און נישט גערירט זיך פון אָרט. די אָרדנער האָבן זי אָנ־

גענומען — איינער ביים קאָפּ, דער צווייטער ביי די פּיס, זי אוועקגע־שלעפּט אין אַ זייט, דער וועג איז געוואָרן צוריק פריי... דער חזן מיט זיינע זינגערלעך האָט אָנגעהויבן צו זינגען, דער אָרקעסטער — שפּילן... און זינגענדיק, שפּילנדיק און טאַנצנדיק, איז דער עולם אריין אין שול. די אָרדענונג־היטערס — גימפּל מיט די איבעריקע — האָבן געשווינד פאַרכאַפּט דעם אריינגאַנג — אריינגעלאָזט אַהין נאָר אָנגעזעענע באַלע־באַטים.

זומפּ

(קאַפּיטלען)

...העושקות דלים, הרצצות אביונים,
האמרות לאדניהם: הביאה ונשתה. —
עמוס ד. א.

אין הויכן רוי־ציגלדיקן הויז, מיטן איינגאַנג נישט גלייך פון גאַס, נאָר דורכן פּראָנטיקן פעדערהויז — געפינט זיך גאָלדפעלדס הורטאָווע קאָלאָניאַל־געשעפט און פּריוואַט־וווינונג.

די פעדערשטע צוויי גרויסע חדרים, וואָס זייערע פענצטער קוקן אַרויס אויף דער גאַס — דאָס איז גאָלדפעלדס געשעפט. דאָרט ליגן און שטייען ביז צום באַלקן אָנגעשטעלט, אָנגעשיט און אָנגעוואָרפן, פולע און אָפענע קאַסטנס, זעק, טינדלעך און פעסלעך... נאָך אָט די צוויי חדרים, וואָס דורך זיי איז איבער דער שטענדיקער אומאָרדענונג זיך שווער אַדורכצוקריגן — געפינט זיך גאָלדפעלדס פּריוואַט־וווינונג. באַלד דאָס ערשטע חדר איז די עס־שטוב. — איצט איז נאָר־וואָס נאָכן מיטאָג־עסן. אין פענצטער קוקט אַריין אַ גרויסער טריבער האַרבסטיקער פאַרנאַכט. גאָלדפעלד איז גע־שעפטלעך ערגעץ אַוועקגעגאַנגען, דאָס עלף־יעריקע יינגל זיינס איז אַוועק צו אַ שול־חבר; די דינסט איז אויך וועגן עפּעס דער פאַניעס אַן אָנגע־לעגנהייט אַוועקגעגאַנגען און מיטגענומען מיט זיך דאָס פינף־יעריקע מיידעלע.

אויף דער ווייכגעבעטער סאָפע, מיטן קאָפּ אויפן העכערן אָנלען, ליגט די מאַדאַם גאָלדפעלד און קוקט גיריק אין אַ בוך, — דאָס איז אַ

פוילישע איבערזעצונג פון א פראנצויזיש ביכל, וואס טראגט דעם נאמען: „די שעה פון לײדנשאפט".

מאדאם גאלדפעלד לײענט שטארק פאראינטערעסירט דאס דאזיקע נאכנישט איבערגעבונדענע ביכל, וואס אויפן שער־בלאט, ווו דעם מחברס, אדער מחברטעס נאמען איז אנגעגעבן בלויז דורך איניציאלן — איז אויפגעמאלט א ווילד־צעיושעטער מאנצביל, וואס שלעפט אין זײנע ארעמס א נאקעטע פרוי. מאדאם גאלדפעלד איז אזוי פארטיפט אין לײענען דאס ביכל, אז כדי בעסער צו קענען זען אין דער אוונט־טונקלקײט, ווארפט זי אראפ פון די אויגן די פאראדנע פענסנע מיטן גאלדענעם קײטל, צוליב וועלכע זי איז מיט עטלעכע חדשים צוריק ספּעציעל געפארן קײן דאנציק. אין דאזיקן ביכל „די שעה פון לײדנשאפט" דערצײלט זיך פון ארגיעס צווישן א מאנצביל און א פרוי. דער מאנצביל, ווילד פון תאווה, טוט דארט אפ מאדנע סעקסועלע משונהדיקײטן. לײענענדיק דאס, ווערט בײ מאדאם גאלדפעלד דאס בלוט צעווארעמט; אין איר, אויפן ווײכן סאפעקלע רוענדיקן, פולן גוף, וועקן זיך תאוהלעך. דאס ביכל איבערצײגט זי ווידער אמאל, אז א פרוי — אויב זי האט נאר מיט וואס און פארשטײט איר קראפט — קען מיט איר קערפּער אזוי צערײצן און אונטערטעניק מאכן דעם מאנצביל, אז נישט נאר ער זאל נאכקומען אלע אירע פארלאנגען און קאפּריזן, נאר ער זאל טאן נאך מער, ווי זי וויל — ער זאל אפטאן אומגלויבלעכס...

מאדאם גאלדפעלד פליט מיט די אויגן איבער די שורות, אײליק מישט זי בלעטל נאך בלעטל. אין עס־חדר, ווו דער גרויער הארבסט־אוונט האט זיך שוין האלב אַרײנגעגנבעט, איז שטיל; נישט פון געוועלב, נישט פון בוך הערט זיך נישט קײן מינדסטער גערויש; פון דער שווארץ־פּאלירטער פּיאנע, וואס שטײט בײ דער צווײטער וואנט קעגנאיבער דער סאפע, קוקן אהער פון הויכן וועגטל דרײ זײגערס — צווײ פּארצעלײענע און אײן ניקלענער, וואס זעט אויס ווי א קופּאל אויף זײלן, און אלע דרײ גײען נישט — קאליע.

דער וואנט־זײגער — לאנג פון באלקן ביז דער פּאדלאגע, מיט א זילבערנעם ציפערבלאט און א פײן מוזיקאלישן קלאנג, וואס גאלדפעלד, בשעת ער שאצט פאר עמעצן דעם ווערט פון זײגער, געדענקט קײנמאל נישט נאכצוזאגן, ווי דער זײגערמאכער אין דאנציק האט אנגערופן דעם דאזיקן קלאנג... ווײזט איצט פופצן מינוט נאך דרײ; די גרויע קאץ, פעט און פויל ווי די באלעבאסטע, כאפּט זיך אויף פון איר דרימל אויף דער אײזערנער סאפע, לאזט זיך אראפּ אויף דער ערד, כאפּט זיך לאנגזאם און זיכער ארויף אויפן טיש, נאכשלעפנדיק נאך זיך דעם לאנגן עק,

קריכט ארום צווישן די פון מיטאָג נאָכגישט אראָפּגערוימטע טעלער מיט איבערבלייבעכצער, לעקט מיטן רויטן פיינעם צינגל פון איין טעלער, פון א צווייטן... ווישט זיך דאָס פּיסקל מיט די דרייהאָריקע, שטייפע וואָנסעס אָן די פעדערשטע לאַפּקעס און גייט זיך רויק מיט די קעצישע טריטלעך צוריק צו איר פריערדיק אָרט — אויף דער אייזערנער קאַסע לעבן וואַרעמען אויוון.

דאָס ביכל „די שעה פון לײדנשאַפט" איז שוין מער ווי העלפט אָפּגעלייענט. מאַדאַם גאָלדפעלד איילט זיך עם דורכצולייענען, איידער זי וועט ארויסגיין שפּאַצירן. אין שטוב איז שוין רעכט טונקל, דאָך זעט זי נאָך צו לייענען אָן דער פענסנע.

עס דערהערט זיך א קלאַפּ אין טיר. מאַדאַם גאָלדפעלד גיט נישט גלייך די דערלויבעניש אריינצוקומען. זי טוט דאָס נישט בלויז פון פוילקייט דאָס מויל צו עפענען, נאָר ווייל איר דאַכט זיך, אז אריסטאָקראַטישע דאַמען פירן זיך אזוי. ווען זי באַנעמט אָבער, אז דאָס קלאַפּן קומט פון דער טיר צו דער קיך, ווערט זי אומרואיק. „וואָס הייסט", — לויפט איר אדורך דורכן מוח — „די קיך־טיר איז גאָר די גאַנצע צייט אָפן געווען?" און עס שטעלט זיך איר שוין פאָר א גנבה... זי ווערט אַזש רויט פאַר כעס אויף דער דינסט, וואָס איז ארויסגעגאַנגען און אָפן געלאָזט די טיר. זי שרייט כמעט אוים: „פּראָשע!" און כאַפּט זיך אויף אומרואיק פון איר באַקוועם געלעגערל אויף דער סאָפע.

געקלאַפּט האָט דער בריוו־טרעגער, ער לייגט אַנידער אויפן טיש עטלעכע בריוו און דרייט זיך אוים צוריק צו גיין.

מאַדאַם גאָלדפעלד שטרענגט אָן די אויגן אויף דעם בריוו־טרעגערס רעקל, צי די קעשענעס שטייען ביי אים נישט אָפּ... אין דער געדיכטער טונקלקייט קען זי דאָס נישט גענוי זען. פאַר צערודערטקייט פרעגט זי זיך ביי אים נאָך, ווי ארום ער איז אריינגעקומען דער בריוו־טרעגער, קלינגט פאַרדעכטיק איר דערשראָקן קול. ענטפערט ער האַרט: „דורך דער טיר בין איך אריינגעקומען". פרעגט זי ווייטער: „די טיר איז דען אָפן געווען?" ענטפערט ער מיט דעם זעלבן טאָן: „ווייזט אוים, ז'איז אָפן געווען".

דער בריוו־טרעגער גייט צוריק. מאַדאַם גאָלדפעלד גייט אים געטריי נאָך פון הינטן — בשעת זי נעמט שוין האַסטיק פאַרשליסן די ביז איצט אָפן־געשטאַנענע טיר, קלאַפּט ווידער עמעץ פון דרויסן. זי עפנט צוריק און באַגעגנט זיך פּנים אל פּנים מיט אַן אָרעמער יידענע. יענע הייבט אָן: „מאַדאַם"... די מאַדאַם גאָלדפעלד גיט בייז א קוויטש: „פאָרנט ארום!" און פאַרקלאַפּט די טיר הינטער דער יידענעס נאָז.

זי גייט צוריק אין עס־חדר, דרייט אויף די עלעקטריע. עס צינדט זיך אָן דער געפּוצטער לאָמפּ מיט קרעלעכלעך און געגילדטע דרעטלעך, וואָס הענגט אַראָפּ פון סופיט צום טיש אין מיטן חדר. איצט זעט זיך מאַדאַם גאָלדפעלד אין דער ליכט־שיין. זי קוקט אויס טיף נאָך דרייסיק. מיט אַ געפלעקט אויסגעפּילט פּנים, מיט געלע, ווי אייל, אייגעלעך; דאָס נעזל אַ ביסל אַרויפגעשאַרצט, אַ ברייטלעכע גאָמבע און גרויס מויל. — דאָך אין איר גאַנצקייט איז מאַדאַם גאָלדפעלד נישט מיאוס; זי שטאָלצירט מיט איר שיקלעכן גאַנג און מיט איר הויכן פולן בוזים...

אויפן טיש לעבן די טעלער, וואָס שטייען נאָך פון מיטאָג, ליגן די בריוו, וואָס דער בריוו־טרעגער האָט איבערגעלאָזט: צוויי אָפענע קאַרטלעך און איין פאַרמאַכטער בריוו. מאַדאַם גאָלדפעלד פאַרגעסט מיטאַמאָל, אַז „זי קען נישט לייענען יידיש" — און לייענט אַדורך די צוויי אָפענע קאַרטלעך.

אין איין קאַרטל האָט אַ קונה, אַ קליינשטעטלדיקער קרעמער, טענות צו גאָלדפעלדן, פאַרוואָס ער האָט אים נישט אַרויסגעשיקט דעם שוין באַצאָלטן זאַק קאַווע. ער סטראַשעט, דער קליינשטעטלדיקער, אַז ס'איז נאָך נישט אינגאַנצן הפקר אַ וועלט... אין צווייטן קאַרטל גיט אַ וואַרשעווער סוחר צו וויסן גאָלדפעלדן, אַז אויב ער וועט נישט ביז אין צוויי מאָל פיר און צוואַנציק שעה צוקריגן די סומע, וועלכע ער האָט לויטן אָפּמאַך געדאַרפט דערהאַלטן נאָך פאַר שבת, רופט ער צוריק די סחורה פון דער באַן... מאַדאַם גאָלדפעלד רוקט גלייכגילטיק אַוועק די צוויי קאַרטלעך. דער פאַרמאַכטער בריוו פאַראינטערעסירט זי מער. דער דאָזיקער בריוו קומט פון שטעטל, וווּ עס וווינט גאָלדפעלדס פאָטער, וואָס איז דאָרט אין יענעם שטעטל שוחט. מאַדאַם גאָלדפעלד האָט אַ חשד, אַז דער שוחט בעט ביים זון געלט, אָדער קראָם־פּראָדוקטן. ביים בלויזן געדאַנק צעבלישטשען זיך איר ביז די אויגן. זי באַשליסט צו עפענען דעם בריוו און אַדורכלייענען. זי וויל אָבער נישט, דער מאַן זאָל זי כאַפּן, ווי זי לייענט בגנבה אַדורך אַ בריוו, וואָס דער פאָטער האָט צו אים געשריבן. מאַכט זי צוריק פינצטער אין עס־צימער, גייט מיטן בריוו אַריין אין קיך, דאָרט מאַכט זי ליכטיק, פאַרוקט די פאָרהענגלעך פאַרן פענצטער, גייט צו מיטן פאַרמאַכטן בריוו צום קאָכעדיקן טשייניק, וואָס שטייט אַריינגעשטעלט אין דער פּליטע און זידט. זי האַלט אַ ווײַלע דעם בריוו מיט דער פאַרקלעפּטער זייט ביי דעם העלדזל־עפענונג פון טשייניק, וווּ ס'ציט זיך אַ שנירל זידיקע פּאַרע — ביז דאָס פאַרקלעפּטע עפנט זיך. מאַכט זי ווידער דאָ פינצטער, גייט אַריין אין עס־צימער. זי גייט צו צו דער טיר. וואָס פירט אין געוועלב אַריין. נאָר אַז זי האַלט שוין די האַנט אויף דער קליאַמ־

קע, נאָר אַ דריק צו טאָן, דערהערט זי דעריגע טענהען די אָרעמע ידענע, זי בעט זיך: „די מאַדאַם האָט מיר געהייסן גיין דורכן געוועלב". נאָך דער „מענטש" געצל קישטיין — וואָס פילט זיך דאָ אַלס משפחה, וואָרים זיין ווייב איז גאָלדפעלדס שוועסטער — שרייט מיט זיין גרעגער־קול צו דער ידענע: „גייט, גייט, הינטן אַרום גיט מען, דאָ נישט" און דער צווייטער „מענטש", שפּילמאַן, אַ תמעוואַטער בחור מיט אַ פרישטשעוואַטע פּנים — העלפט אויך צו אָפּשלאָגן די ידענעס טענות: „וואָס עפּעס דאָ אַרום?" — שטעלט ער דער אָרעמער ידענע אַ קלאָץ־קשיא — הינטן אַרום גיט מען נדבות"... מאַדאַם גאָלדפעלד וואַרט צו הינטער דער טיר ביז די שנאָרערין גייט אַוועק מיט אַ בייזן מורמל — עפנט זי די טיר זען, צי דער מאַן איז נאָך נישטאָ און ווענדט זיך צו די „מענטשן" אויף פּויליש מיט אַ טאָן, וואָס דאָס הייסט ביי איר „העלפן אין געשעפט":

— ווער איז פריער דאָ געווען? כ'האָב דאָך עפּעס געהערט רעדן.

— קיינער איז נישטאָ געווען — ענטפערט קישטיין — און ער גיט גלייך צו — יאָ, בענדעט איז דאָ געווען. ר'דאַרף עפּעס צו שלומען, מן הסתם וועגן אַ מעקלעריי... — ענדיקט קישטיין, אָנרופנדיק גאָלדפעלדן סתם שלום.

בענדעט איז גאָלדפעלדס אַ געשוועסטערקינד, וואָס פאַרנעמט זיך מיט מעקלעריי און וועגן אים לוינט זיך נישט דער מאַדאַם גאָלדפעלד אָפּצושטעלן, ווענדט זי זיך צום צווייטן „מענטש":

— פּאַניע אַבראַמיע, מיין מאַן האָט אייך דאַכט זיך געהאַט ערגעץ געשיקט?

שפּילמאַן, וואָס אַ חוץ דרך־ארץ פאַר דער באַלעבאָסטע, חלומט ער אָפט מיט סלינע אין מויל פון מאַדאַם גאָלדפעלדס הויכן ביוסט, שטעלט זיך גלייך, אויסגעצויגן, ווי אַ זעלנער און ענטפערט דער באַלעבאָסטע אויך אויף פּויליש:

— יאָ, פּראָשע פּאַני, געשיקט, צו אַבראַמזאָנען וועגן דער סחורה.

— נו? — ערקינדיקט זי זיך ווייטער אָפּיציעל. — דערליידיקט? הגם זי ווייסט גאַרנישט אין וואָס עס האַנדלט זיך.

— נישט אינגאַנצן, פּראָשע פּאַני, ער וועט שפּעטער אַריינקומען.

מאַדאַם גאָלדפעלד גייט צוריק אין עס־חדר, פון דאָרט — אין שלאָף־חדר, זי פאַרשליסט הינטער זיך די טיר, מאַכט ליכטיק און נעמט לייענען דעם בריוו פון מאַנס פאָטער, דעם קליינשטעטלדיקן שוחט, צום רייכן זון.

פון געוועלב האָבן זיך געטראָגן פאַרשידענע קולות אויף יידיש און אויף פּויליש; טייל האָבן זיך געבייזערט, פאַרוואָס זייער סחורה איז נאָך

נישט פאַרפּאַקט, אַנדערע גליקלעכע האָבן אונטערגעיאָגט די „מענטשן"
גיבער צו פאַרענדיקן דאָס פאַרפּאַקן זייער סחורה. ס'האָט זיך געהערט
דאָס קלאַפּן נעגל אין די קאַסטנס און געצל קישטיינס גרעגער־קול, בייזערנ־
דיק זיך אויף עמעצן, אַז יענער זאָל זיך אָפּטשעפּן, וואָרים דער קאָפּ טוט
אים, געצלען, שוין ווי פון דעם נודען, וואָס מ'נודעט אים נאָכאַנאַנד.

דורכן עס־חדר האָט דורכגעאײַלט גאָלדפעלד, אַרײַנגעפלויגן אין קיך
און פון דאָרט — אויפן הויף אַרויס, וווּ עס ליגן שורותווייז טונעץ
הערינג.

נאָך אַ ווײַלע איז אין עס־חדר אַרײַנגעקומען אַ ייד מיט אַ שוואַרצ־
לעך־גרויער באָרד אין אַ שבת־פּעלץ, אין אַ הויכן פּאַקענעם הוט און
קאַלאָשן אויף די אויסגעפּוצטע שטיוול — אַ פּראָווינצער קרעמער. דער
ייד האָט זיך אומגעקוקט, קענטיק געזוכט גאָלדפעלדן. נישט געפינענדיק
אים אין עס־חדר, איז דער ייד צוגעגאַנגען צו דער אַ ביסל אָפּשטייענדיקער
טיר פון שלאָף־חדר, פאָרזיכטיק אַהין אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ מיט
אַ פרעג אין דער וועלט אַרײַן: נישטאָ גאָלדפעלד? נאָר דערבליקנדיק
דערינען מאַדאַם גאָלדפעלד זיך אָנטאָן דעם גאָרסעט, האָט דער ייד, ווי
פון אַ שרעקלעכער סכנה אַרויס, צוריקגעכאַפּט דעם קאָפּ, און מאַדאַם
גאָלדפעלד האָט מיט כעס די טיר פאַרהאַקט.

מאַדאַם גאָלדפעלד האָט זיך ווייטער אָנגעטאָן. זי האָט געהערט, ווי
דער מאַן איז צוריק אַרײַנגעקומען פון הויף אין עס־חדר. דער ייד האָט
זיך אויף אים געוואָרפן מיט טענות, פאַרוואָס גאָלדפעלד שיקט אים נישט
אַרויס די סחורה... גאָלדפעלד האָט דעם ייד בעל־דברדיק צוריק גע־
פרעגט: ווער זענט איר, כ'בעט אייך? איך הייב אייך נישט אָן צו קענען.
דער ייד האָט געסטראַשעט מיט אַ דין־תורה, דערנאָך מיט געריכט. גאָלד־
פעלד האָט געענטפערט אומגעדולדיק: טוט, וואָס נור איר ווילט און דולט
מיר נישט דעם קאָפּ, כ'האָב נישט קיין צייט צו אייך... מאַדאַם גאָלדפעלד,
אָן אָנגעטוענע, אָן אָפּגעשמעקטע, איז מאַדאַמיש אַרויס פון שלאָף־חדר
און שטייף געגומען דורכשניידן דאָס עס־חדר.

זי איז נאָך ברוגז מיטן מאַן פון יענעם אָוונט נאָכן בריוו. און ווען
זי איז ברוגז איז זי פּריווילעגירט: זי קען אָוועקגיין פון דער היים, ווען
זי האָט נאָר חשק און צוריקקומען, ווען זי וויל. און דער מאַן — שווייגט.
מען איז דאָך ברוגז.

בשעת זי האָט איצט אַדורכגעמאַרשירט דאָס עס־חדר, האָט דער
פרעמדער ייד אין זיין אוממעכטיקייט קעגן גאָלדפעלדן, זיך געווענדט צו
איר, אַלס צום סוחרס ווייב, נאָך יושר.

— וואָס זאָגן זי צו אַזעלכעס, פּאַני גאָלדפעלד...
זי האָט דעם ייד געענטפערט, ווי געוויינלעך, אויף פּויליש.
— איך וויים גאָרנישט, איך מיש זיך נישט.
און אויפן מאַן, וואָס איז געשטאַנען צו איר מיטן רוקן, האָט זי אַ בליק אָפּגעשטעלט, און דער בליק האָט צום ייד גערעדט:
— „נישט בלויז קענען קונים איז ער אַזאַ מערדער"...
און מאַדאַם גאָלדפעלד איז אַרויס אין געוועלב, דורכגעשפּאַנט פאַרביי געצלען, שפּילמאַנען און טרעגערס, וואָס האָבן זיך געפּאַרעט אַרום קאַסטנס סחורה; קאַלט און שטאָלץ געענטפערט אויף די פּאָר איר כבוד וועגן, זיך הייבנדיקע היטלעך פון קונים און מעקלערס, וואָס זיינען געשטאַנען אין געוועלב, ווו נאָר אַ שפּאַן פרייער פּלאַץ — און איז אַרויס אין גאַס.
די פאַבריקן פייפן פינף. די שקיעה־גרויקייט נעמט זיך ערשט פאַרוואַנדלען אין אוונט־טונקלקייט, דער פּאַס הימל, וואָס ליגט ווי אַ ברייטע סטענגע צווישן די צוויי רייען הייזער לענגאויס דער גאַס — איז ווינטערדיק בלוי און ווייזט וור־נישט־ווו אַ שטערנדל. מאַדאַם גאָלדפעלד גייט מיטן טראָטואַר אַרויף־גאַס. איר גאַנג איז אַ געקינצלטער, אַן אויסגעשטודירטער: שטאָלץ, זייער שטאָלץ און פאָרט זאָרגלאָז „מיידלעריש". אין ראָג גאַס בוקט זיך און בייגט זיך פאַר איר אַ בעטלער מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, אין וועלכער ער האַלט דאָס היטל, ווי אַן אָפענע טאָרבע. מאַדאַם גאָלדפעלד גיט אים גאָרנישט, זי „זעט" אים בכלל נישט. זי גייט, גייט און פאַרקירעוועט זיך אין דער געגנט, ווו אירע עלטערן וווינען.
מאַדאַם גאָלדפעלדס עלטערן וווינען אין דער זאַמד־גאַס. אין אַן אַלט הויז אויפן ערשטן שטאָק. די דירה באַשטייט פון אַ קיך מיט צוויי חדרים און נאָך אַ קליין שטיבל, וואָס איז אַזוי קליין און זעט אויס, ווי אינעווייניק אין אַן אָמניבוס, וואָס ווערט געשלעפּט פון אַ פערד. דאָרט אין לעצטן חדרל שלאָפט דער עלטסטער זון, דער, וואָס איז נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען פון אַמעריקע נאָכן אָפּזיין דאָרט קרוב צוואַנציק יאָר און זיך מיטגעבראַנגט פון דער גאָלדענער מדינה — אַ געל פּנים און קראַנקע פיס.
זיצט ער, דער אַמעריקאַנער, שעהנווייז דאָרט אין לעצטן חדר, ריידבערט פּאַפּיראָסן, נודזשעט זיך און קריכט אַרום אויף די פיס, אַזוי נישט זיכער און נעבעכדיק, ווי זיי, די פיס, וואָלטן געווען נישט זיינע אייגענע.
אויבן — ביי דער מאַדאַם גאָלדפעלדס עלטערן אין שטוב — איז אַ „וויעראַשאָווער מעמד". ערשט אייערנעכטן איז אוועקגעגאַנגען די דינסט. די לעצטע דינסט איז דאָ קוים אויסגעוועז אַ חודש און אוועקגעגאַנגען

מיט איר קופערטל זאכן. פירט איצט דאָס באַלעבאַטישקייט די יינגסטע טאָכטער — פאַננע אידזשאַ.

ווען די מאַמע מייטע איז פריער אַהיימגעקומען פון קרעמל עסן מיטאָג, האָט דער קראַנקער זיך געבלאָזן און נישט געוואָלט זיך צורירן צום קרופּניק, וואָס אידזשאַ האָט געקאָכט. ער האָט געטענהעט, דער קראַנקער, אַז אַ קרופּניק דאַרף זיין ווייס, קלאָר, און דער איז טונקל; שוואַרצער קרופּניק — אַזוינס האָט ער נאָך נישט געזען...

— נישט אַנדערש — האָט ער אויסגעפירט זיין השערה, און אויף די געלע באַקן האָבן זיך אים צעלייגט טיפע, שוואַרצע קנייטשן, ווי ער וואָלט בלומרשט געשמייכלט — ס׳איז נישט אַנדערש — האָט ער זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע — אידזשאַ האָט אין טאָפּ פאַרגעסן אַ וויעכעטש, האָט זיך דער וויעכעטש אויסגעקאָכט אין קרופּניק...

מייטע האָט אָנגעשטעלט אויפן זונס קראַנקע פּיס און אויף זיינע שוואַרץ־גרויליך שפּראָצנדיקע וואָנסעס — אירע קיילעכדיקע אויגן און צעשפּרייט די נאָז־לעכער פון דער שפּיציקער פויגלישער נאָז:

— „אַמעריקאַנער”, דאָס עסן געפעלט דיר נישט? — און דער זשו־זשענדיקער טאָן אירער איז געווען אַזעלכער, אַז דער קראַנקער האָט שווייגנדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי אַן אַלט אויסגעדינט פערדל, און אַ ביסל שפּעטער זיך צוגעשלעפּט צום טיש און שטיל גענומען זיפּן דעם טונקעלן קרופּניק, ווי אַ נישט באַטעמטע מעדיצין.

שפּעטער, ווען בראָניע — מאַדאַם גאָלדפעלד — איז אויבן געזעסן, האָט דער יינגסטער ברודער, דער גימנאַזיסט העניעק, אויך נישט געוואָלט עסן אידזשעס געקעכטס. ס׳האָט נישט געהאָלפן דער מוטערס באַקלאָגן זיך פאַר בראָניען: „דער יינג מאַכט מיר דעם טויט, רק גיב אים געבראָטענע טויבן...” העניעק האָט נישט געוואָלט עסן דעם קרופּניק, טענהנ־דיק — ר׳איז צוגעברענט.

בראָניע האָט זיך דערוועגט עפּעס רעדן אויפן ברודערס חשבון, האָט העניעק אויף איר אָנגעשטעלט די משפּחה־אויגן, וואָס ביי אים, דעם אכצן־יעריקן בחור זיינען זיי אַרויסגעקומען רונדיס און איינקאָלירדיק שוואַרץ, ווי ביי אַ סאָווע — און אַ מויל געעפנט:

— זשמיע! דיין שטוב איז דיר צו קליין?... — איז זי שטיל געוואָרן און זיך מער נישט אַריינגעמישט, מורא האָבנדיק, אויב זי וועט זיך אויפרעגן, וועט איר די געזיכטס־פאַרב קאַליע ווערן.

העניעק לערנט אין גימנאַזיע. ער איז אין דער זעקסטער קלאַס. מאַדאַם גאָלדפעלד קען זיך שוין נישט דערוואַרטן ער זאָל ענדיקן און אַריין אין אוניווערסיטעט, כדי צו קענען שטאָלצירן מיט אַ ברודער אַ סטודענט

העניעק ווייסט פון אַמ דעם טרוים דער שוועסטערט און ביי אַ ליאַדע וואָס, אַז מ׳וויל אים עפּעס נישט נאָכגעבן, סטראַשעט ער, אַז מאָרגן וואַרפט ער אַראָפּ דאָס היטל מיטן שטערנדל און הערט אויף צו גיין אין גימנאַזיע.

דער גימנאַזיסט פּועלט יאָ אויס. בראָניע גיט אים געלט, ער זאָל גיין אין אַ רעסטאָראַן. די מוטער בעט אים פאַרן אַוועקגיין: „גיב אַ קוק צום טאַטן אין געוועלב — ר׳איז אַליין. ענטפערט העניעק: „כ׳וועל נישט גיין אין געוועלב". פרעגט די מוטער: „פאַרוואָס וועסטו נישט גיין?". ענט־פערט ער ווידער: „ווייל כ׳האָב נישט קיין חשק" — און ער גייט אַרויס מיט אַ ווײַלערישן פאַרקלאַפּ די טיר הינטער זיך...

— פאַרוואָס איז די דינסט אַוועקגעגאַנגען? — פרעגט בראָניע.

— איך האָב זי נישט אָפּגעשאַפט — פאַרענטפערט זיך די מוטער — גאָר איז זי שוין יאָ אַוועקגעגאַנגען — זאָל זי זיין פאַר אַ שיינע ריינע כפּרה, דו ווייסט דען, ווי אַן „איינשיט" דאָס האָט? אַ לאַבן ברויט איבערן טאָג האָט זי אָסור געגנוג געהאַט.

מאַדאַם גאָלדפעלד דערבליקט אַן אויפגעריסענעם בריוו.

— פון דאָרען — מאַכט איר די מוטער קלאָר.

— וואָס שרייבט זי?

— גאָרנישט, ווי שטענדיק: אַרבעט אין דער ביורא און פאַרדינט. וואָס פאַרדינט זי דאָרט? קוים אויף צו לעבן!...

— און אַזוי, עפּעס נייעס, שרייבט זי גאָרנישט? — פרעגט מאַדאַם גאָלדפעלד, ווי פאַר יוצא וועגן.

די מוטער פאַרשטייט אַנדערש איר פרעגן:

— ניין, נייעס שרייבט זי נישט. וואָס מיינסטו, מ׳כאַפּט זי דאָרט שוין אויס? פאַראַן אין וואַרשע גענוג אַזעלכע, ווי זי.

מאַדאַם גאָלדפעלד וויל אַוועקקירעווען דעם שמועס. זי וויל נישט אַרויסקומען פון דער גלייכגילטיקייט. זי וויל נישט, ס׳זאָל קומען צו אויפרעגונג.

— נו, נו, זי וועט נאָך קריגן אַ חתן, דאָרע — טרייסט זי די מוטער, אָבער זי איז שוין אַרויס פון גלייכגעוויכט.

— וואָס דאַכט זיך דיר, צוויי און צוואַנציק יאָר האָט זי?.. אַזוי לאַנג זיך אַרומגעשלעפּט מיט לאָקשינסקן — און אויסגעלאָזט זיך אַ בוי־דעם. דער יונג פאַרדינט היינט שטיקער גאָלד...

איצט גייט איבער די מוטער צום שמועס, ווי אירע קינדער האָרכן זי נישט.

אידזשאַ שרייט אַריין:

— די מאמע וועט שוין אמאָל אויפהערן?
מאדאם גאָלדפעלד קוקט אויפן זייגערל.
— אידזשאַ, טו זיך גיכער אָן, ס'איז באַלד זעקס — רעדט זי אריין אין ערשטן חדר, ווו די שוועסטער טוט זיך אָן.
די מוטער בייגט זיך צו צו דער טאָכטער און שעפּטשעט:
— מיינסט, זי האָט אין וואָס ארויסצוגיין? אין דעם נארישן מענ־טעלע איז אַ בושה זיך אין גאַס צו ווייזן.
מאדאם גאָלדפעלד פאַרשטייט דער מוטערס מיין. „מ'וויל פון מיר" — זידט עס אינסטינקטיוו אין איר אויף, נאָר גלייך בארויקט זי זיך:
— כ'האָב דאָך שוין געזאָגט — זאָגט זי גרויסמוטיק און שטאָלץ, ווי אַ מאדאם צו דער מוטער פון אירס אַ דינסט — נאָך די וואָך וועט זי האָבן אויף אַ קאָסטיום.
מייטע, וואָס פאַרלאָזט זיך נישט אויף דער טאָכטערס גוסט, איילט זיך דערמאָנען:
— שוואַרץ מיט אַ ווייס שטרייפל, איז היינט זייער מאָדיש...
דאָס וואָס די מוטער האָט די העזה זיך אויסצוביטן, רעגט אויף די מאדאם גאָלדפעלד און זי באַשענקט די מוטער מיט אַ „בליקל" פון אירע „גוטע" אויגן.
אידזשאַ איז די יינגסטע שוועסטער, זי גילט אַלס שיין מיידל. מאדאם גאָלדפעלד וויל, אידזשאַ זאָל טאָן אַזאַ שידוך, וואָס זאָל די גאַנצע שטאָט אויפטרייסלען.
— בראָניע, וועסט אפשר טרינקען טיי? — ווענדט זיך מייטע צו דער טאָכטער, וואָס זיצט נאָך אַלץ אָנגעבלאָזן, ווייל די מוטער האָט איר דיקטירט איר גוסט.
— ניין — זאָגט זיך מאדאם גאָלדפעלד אָפּ.
— מיט וואָס דען זאָל איך דיך אויפנעמען?
— מיט גאָרנישט; כ'גיי באַלד.
אידזשאַ קומט אריין מיט אַ האַנטוך, ווישט זיך דאָס פּנים. מייטע ווענדט זיך צו דער טאָכטער וועגן איר שלום־בית.
— ס'זענט נאָך ברוגז?
— יאָ — ענטפערט מאדאם גאָלדפעלד קורץ.
— אַ מענטש געוואָרן — שאָקלט מייטע מיטן קאָפּ אויף איר איי־דעמס חשבון. — ליפּע שוחטס יונג, אַ געלטס־מענטש; ס'האָט זיך אים באַטש אמאָל געחלומט...
דער קראַנקער זון, וואָס זיצט שווייגנדיק און בייז ביים צווייטן עק טיש און האָט נאָך אַ רגע נישט פאַרגעסן, אַז העניעקן האָט מען יאָ פאַר־

גיטיקט פאַרן אומבאַטעמטן קרופּניק, גיט זיך אַ ריס פון אָרט מיט אַ קרענק־לעכן כעס:

— און איר — שרייט ער אויס מיט אַ נערוועזן קוויטש, ווי אַ הונט, ווען מ׳טרעט אים אָן אויפן עק, — איר האָט זיך יאָ אַמאָל געחלומט אַזויפיל געלט?! — דאָס געלע פּנים שפּיצט זיך אויס, די אומעטיקע, טריבע אויגן פינקלען און מיטן ציטערדיקן מאָגערן פינגער שפּיזלט ער אויף דער אויסגעפּוצטער, אויסגעפּאַשעטער שוועסטער. — איר האָט מען עס יאָ פאַרן וויגל פאַרגעזונגען?

— וואָס איז דאָס ווידער? — דערהייבט די מוטער די נאָז, וואָס בשעת כעס בייגט זיך איר דאָס שפּיצל נאָז אַרונטער און ווערט מכשפהדיק מענטשנפרעסעריש — „געפונענער" זון! זיי צופרידן, אַז דו לעבסט און האָסט אַ שטוב...

אַראָפּקומענדיק אין גאַס נעמען די שוועסטערן רעדן פּויליש. זיי רעדן צווישן זיך העפלעך, מיט פאַרצווייגענע פּיסקלעך, גאָר אַנדערש, ווי אינדער־היים. מאַדאַם גאָלדפעלד פרעגט זיך נאָך ביי דער שוועסטער, צי זי איז נאָך ברוגז מיט העלשטיינען. אידזשאַ ענטפערט, אַז יאָ, זי איז נאָך ברוגז. און שוין צום וויפלטן מאָל נעמט זי ווידער איבערחזרן, ווי דעמלט, אויפן „וויעטשאָרעק", האָט העלשטיין זיך דערוועגט איר אַריינצוקוקן אין דעַ־קאָלט פון לייכטן בלוזקעלע, האָט זי אים דערפאַר מכבד געווען מיט אַ ליאַפּ אין באַק, אַזש בלוט האָט אים גענומען לויפן פון דער נאָז.

ביידע לאַכן אַרטיק, ווי ס׳פּאַסט אויף דער גאַס.

— און מיט וועמען „גייט" ער איצט? — פרעגט מאַדאַם גאָלדפעלד זיך נאָך וועגן העלשטיינען.

— דאַכט זיך, מיט קיינעם נישט; מיך גריסט ער און נאָך אַזוי אונ־טערטעניק. לויט ווי מאַניע גיט מיר איבער, הערט ער גאָרנישט אויף זי צו בעטן, אַז זי זאָל מיך איבעררעדן, כ׳זאָל אויפהערן דעם ברוגז.

— ער האָט רעכט, ס׳איז שוין טאַקע צייט — עצהט מאַדאַם גאָלד־פעלד און אין זינען האָט זי, אַז אַזאַ רייכן בחור טאָר מען נישט צו שטאַרק פון זיך דערווייטערן.

— שוין צייט, זאָגסטו? — פּיעשטשעט זיך אידזשאַ. — ניין, כ׳מוז אים נאָך אַ ביסל די נשמה אויסציען.

זיי קומען ארויס אין דער הויפּט־גאַס. דאָ איז אַ באַוועגונג, אויף די טראָטוארן שטראָמען מענטשן אַהין און צוריק. ס'איז פאַר די חנאות, די געשעפטן ברעכן זיך פון קונים, די באַלויכטענע שוי־פענצטער בלענדן די אויגן. די קרעמער שטייען גאַרנישט נאָכן לייזונג — סחורה האַלט אין שטייגן... זיי קענען זיך שוין נישט דערוואַרטן אויף דער מינוט די קראָמען צו פאַרמאַכן. פון טייל געוועלבער שאַלן ארויס קולות, סיכסוכים צווישן קרעמער און קונה... אין אַ געוועלב סטראַשעט אַן ארבעטער דעם קרעמער מיט דער פויסט און ביידע, דער קונה און קרעמער, זיינען גרייט אַריינצורופן אַ פּאָליציאַנט...

מאַדאַם גאָלדפעלד און אידזשאַ שפּאַנען שטאָלץ פאַרביי די באַלויכטענע שוי־פענצטער. מאַדאַם גאָלדפעלד אין נייעם גרויסן קרעט־קאָלנער מיט פּליושענע פראַנזן לויט דער נייעסטער מאָדע, וואָס דער מאַן האָט איר פאַר עטלעכע וואָכן געברענגט פון דאַנציק. אידזשאַ — אין מאַנטל מיטן מאַלפּע־קאָלנער. ביידע גייען זיי האַרט צוזאַמען און זיי מאַכן דעם איינדרוק, ווי צוויי אויסגעפּוצטע גרויסע ליאַלקעס — אַ העכערע דיקערע און קלענערע מאָגערע, וואָס רירן אַזוי פאַראַדנע די פיס, אַ דאַנק אַ ריכטיק אָנגעשטעלטן מעכאַניזם.

זיי שפּאַצירן אַזוי עטלעכע מאָל אַדורך דעם טראָטואַר פון איין ראָג צום צווייטן. ס'קומען זיי אַקעגן באַקאַנטע מאַנצבילן און גריסן. יעדן איינעם פון די, וואָס גריסן, נעמען זיי גלייך אויף די ציין, פון יעדן אַזעלכן ווייסן זיי סודות: דער לעבט שלעכט מיטן ווייב, יענער האַלט זיך אויס אַ „קאָכאַנקע", ווידער איינער האָט אין צאַפּאַט אַ תל געמאַכט פון פאַרמעגן... וועגן אַנדערע ווייסן זיי קרימינאַל־געריכטן: פאַרפירט אַ מיידל, באַגנבעט אַ שותף... זיי שעפּטשען זיך די סודות, אַזוי מאַדאַמיש שפּאַצירנדיק, און אַזוי לאַנג רעדן זיי פון איינעם, ביז עס גריסט זיי נישט אַ צווייטער.

דערנאָך, אַז דער זייגער אויפן טורעם ביי די פייערלעשער ווייזט פּונקט זיבן, שפּאַצירן זיי נאָך אַ צען מינוט, גייען צוזאַמען אַראָפּ אין אַ שטילער גאַס. אידזשאַ לאָזט זיך צוריקגיין צו אַ „קאָלעזשאַנקע" און בראָניע, די מאַדאַם גאָלדפעלד — ארויף צום שטאָט־קוואַרטאַל, וואָס ליגט מיט זיינע שטילע גאַסן ביים ברעג ווייסל, צום דאָרטיקן שוואַך באַלויכטענעם און איצט אין ווינטער־אָוונט קנאַפּ באַזוכטן פּאַרק.

ווען מאַדאַם גאָלדפעלד קומט צוריק אַהיים, איז באַלד צען אַזייגער. אין עס־חדר זיצט גאָלדפעלד מיט עמעצן פאַרטיפט אין אַ סוחרישן שמועס. אויף דער סאָפע ליגן די קינדער און שלאָפן אין משונהדיקע פּאָזעס, ווי איינגעוואָרפענע: דאָס עלף־יעריקע יינגל ליגט מיטן פּנים אַראָפּ איינגעבאַבלט אין פּאַטערס צעוואָרפענעם פּעלץ; דאָס פינף־יעריקע מיידל, מיטן דאַמענפינגער אין אָפענעם מויל באַוועגט די ליפּן: קענטיק זי נאָגט דעם פינגער. אין קיך ליגט די דינסט אין אָנטועכץ אויפן אייזערנעם בעטל, צוגעדעקט מיט איר טוך און כראָפּעט.

מאַדאַם גאָלדפעלד וועקט אויף די דינסט מיט אַ געשריי, „וואָס איז דאָס איצט פאַר אַ שלאָפן?!"

דערנאָך גייט זי צוריק, שפּאַנט אַדורך דאָס עס־חדר און גייט אַריין אין שלאָף־חדר.

דער, וואָס זיצט איצט דערינען מיט גאָלדפעלדן פאַרטיפט אין סוחרישן שמועס, הייסט פינטשעווסקי. הגם ער טראָגט קורצע מלבושים און זיצט אָן היטל, איז ער אַן „אגודהניק" און ער האָט קאַנדידירט צום סיים אויף דער אָרטאָדאָקסישער ליסטע. ער רעכנט זיך פון די אָנגעזעענסטע גבירים פון שטאָט; נאָך אַ פאַרמלחמהדיקער עושר. און מאַדאַם גאָלדפעלד רעכנט זיך מיט פינטשעווסקים פרוי פאַר ווייטע געשוועסטער־קינדער. און ווייל די פּערזאָן, וואָס זיצט דערינען אינטערעסירט זי, האָרכט זי זיך צו דורך דער אַ ביסל אָפענער טיר, וועגן וואָס זיי רעדן. זיי רעדן נאָכאַנאַנד עפּעס וועגן ציקאָריע און עס לאָזט זיך פאַרשטיין, אַז פינטשעווסקי לייגט פאַר גאָלדפעלדן, זיי זאָלן בשותפות אָפּקויפן אין דער ציקאָריע־פאַבריק „בערנאַרד" דעם גאַנצן קאָנטינגענט אויסאַרבעטונג פון יאָר. — אין בראָניען וואַכט מיטאַמאָל אויף אַ צופרידענער שטאָלץ, וואָס פינטשעווסקי קומט צו איר אין שטוב וועגן וויכטיקע געשעפטן. און מיטאַמאָל וואַרפט זי פון זיך אַראָפּ דעם סוועטער. טוט זיך אָן אַ ראָזע צעלאָזטע בלוזע און זי נעמט נאָכאַנאַנד גיין אַריין און אַרויס אין עס־חדר. דאָ זוכט זי די היינטיקע צייטונג. דאָ — די פענסנע, אָדער זי שוועבט גאָר אַדורך וועגן עפּעס אין קיך אַריין און גלייך צוריק אין עס־צימער — ביז פינטשעווסקי — אַ ייד מיט אַן עכט שוואַרץ צוגעשוירן בערדל און מיט בולטע, גלאַנציקע, ווי אַפּליאַקירטע אויגן — באַמערקט זי ענדלעך. ער טוט אַ שמייכל צו איר הויכן בוזים, וואָס הינטער דער ראָזער לויזער בלוזע, און ווענדט זיך צו איר מיט אַ פאַמיליאַר שמייכעלע און ווי צו אַ מיידעלע:

— פאַרוואָס זאָגט מען נישט גוטנאַוונט? — און ער סטראַשעט גוטמוטיק מיט אַ פינגער ביי דער שפּיץ־נאָז.

גאָלדפעלדן צעגיסט זיך פאַר נחת אַ ברייטער שמייכל אויפן פּנים...
און בראַניע ענטפערט מיט אומגעהייערן שטאָלץ און נצחון, אין וועלכן ס'קלינגט אַ היפשע פּאַרציע ווייבערישע נאַרישקייט:

— האָט דער קוזין געדאַרפט אויפמערקזאַמער הערן! — און זי פאַרשווינדט אייליק הינטער דער טיר פון שלאָף־חדר.

דער איצטיקער ברוגז צווישן מאַן און פרוי גאָלדפעלד, ווי אַלע ברוגזן ביז דעם איצטיקן, האָט זיך פאַרצויגן אין אַ לאַנגער גלייכגילטיקייט. אָן חשק פון וועלכן נישט איז צד דעם ברוגז איבערצורייסן. ער, גאָלדפעלד, איז דעם גאַנצן טאָג ביז אַ שטיק אין דער נאַכט באַשעפטיקט, געדענקט אפילו נישט זיך צו זעצן עסן, שפּעט אין אָוונט קומט ער אין שלאָף־חדר אַ פאַרמאַטערטער, אַ מידער, ליגט זיך אין בעט און שלאָפט גלייך איין. פאַרטאָגס, איז ער שוין אויף די פיס און האָוועט ווייטער. זי ווידער, מאַ־דאַם גאָלדפעלד, שלאָפט ביז שפּעט אין טאָג, בייסט אָן אין בעט, ביז זי טוט זיך אָן איז מיטאָג; נאָכמיטאָג ליגט זי זיך אַ ביסל אויף דער סאָפע — רוט אָפּ. דערנאָך — ביז זי וואַשט זיך, ביז זי פּוצט זיך און שמעקט זיך אָפּ, ברענען שוין די לאָמפּן — טוט זי זיך אָן דאָס פוטער, גייט שפּאַצירן און קומט צוריק שפּעט אין אָוונט.

דער ברוגז האָט נישט געהאַט קיין שום אויסזיכטן איבערגעריסן צו ווערן.

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג פון אָט די ברוגז־טעג איז גאָלדפעלד פון ערגעץ אהיימגעגאַנגען, האָט אים אין גאַס, נישט ווייט פון זיין וווינונג אָפּגעשטעלט אַ שטאָטישער „שליח" אין אַ רויט היטל מיט אַ מעשן בלעכל, אים איבערגעגעבן אַ פאַרמאַכטן בריוו און ווייטער געגאַנגען.

זייענדיק זיכער, אַז דאָס איז אַ פּראָבט אויף אָנגעקומענער סחורה, אָדער ענלעכס, האָט גאָלדפעלד געעפנט דעם קאָנווערט און אַרויסגעצויגן אַ האַלב בייגעלע פּאַפּיר, געשריבן אין פּויליש, מיט בלויעלכן טינט און אַ נישט פעסטער האַנטשריפט. אין דאָזיקן בריוול האָט איינער, אָדער איינע, אויפמערקזאַם געמאַכט גאָלדפעלדן אויף זיין פרוים טאָג־טעגלעכע אָוונט־שפּאַצירונגען און אים געעצהט, אַז אויב ער וויל וויסן, וווּ זי גייט און מיט וועמען זי טרעפט זיך, זאָל ער איר אַמאָל נאָכגיין אין פּאַרק אַריין, וואָס ליגט אויפן ברעג ווייסל.

גאָלדפעלד האָט דעם בריוו דורכגעלייענט איינמאָל און נאָכאַמאָל און אַזוי ווי זיין קאָפּ איז פול געווען מיט מסחר־טראַכטונגען, האָט ער נישט באַנומען, וואָס אַזוינס דאָס בריוול וויל פון אים. ערשט אַז ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט מיט קאָפּ און איבערגעטראַכט דאָס געלייענטע, האָט אים מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט אַ שרעק. די נאַיווקייט פון אַ קליינשטעטל־

דיקן, וואָס האָט געקריגן זיין דערציִונג אין דער פרומער, יידישער שטוב ביים קליינשטעטלדיקן שוחט, האָט נאָך הינטערן באַרג אַש געטליעט אין אים:

„אַן אשת־איש גיט זיך עמעצן אָפּ, ווײ" — איז אים אַ קאַלט ווינטל דורכן רוקן אַדורך און גלייך דערויף האָט זיך אין אים אַ כעס צעברענט:

„וואָס פעלט איר דען מער?... וואָס האָט זי דען מער צו טאָן"...

אַזוי איז גאָלדפעלד אַ ווײַלע געשטאַנען נישט ווייט פון ווױנונג, געשטאַנען פאַרטראַכט. דאָס געמיט זיינס האָט זיך געוואַקלט צווישן דעם אָפּשיין פון דער אָקאָרשט אויפגעכאַפּטער און גלייך פאַרגאַנגענער אשת־איש־שרעק — און כעס, — כעס צו איר, זיין ווײב, וואָס וויל פון גאָרנישט וויסן, נישט פון דער שטוב, נישט פון אַ ביסל העלפן אין געשעפט, נאָר ליגן אויף דער סאָפע און גיין שפּאַצירן. אָבער זיין מסחר און פּאַרדין־גייען, וואָס האָט גאָלדפעלדן אַזוי אומברחמנותדיק פעסט אין זיינע נעגל גע־האַלטן, האָט נישט געקענט ליידן, ווען גאָלדפעלד זאָל זיך אַ לענגערע ווײַלע אָפּגעבן אויך מיט אַנדערע, נישט סוחרישע טראַכטונגען. ער האָט ווידער־אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן דאָס, אין זיין האַנט צעקנייטשטע בריוול, נאָכאַמאָל אַ לייען אַדורכגעטאָן מיט נישט צוטרוי און זיך אָפּגעשטעלט שוין מיט זיכערן אומצוטרוי.

— נישטאָ קיין אונטערשריפט.

גאָלדפעלד איז איצט שוין זיכער געווען, אַז דאָס, וואָס שטייט אין בריוו, איז ליגנט, שקר וכזב, אַ שונא האָט אים דאָס אָפּגעטאָן (מן־הסתם גרינשטיין, וואָס האָט זיך אין דער זעלבער גאַס נישט ווייט געעפנט פונקט אַזאַ קאָלאָניאַלן הורט־האַנדל, אָדער עמעץ אַנדערש). אַ שונא, אָדער בעל־קנאה.

אין געוועלב האָט גאָלדפעלד גלייך פאַרגעסן דעם בריוו מיט דער גאַנצער צערודערונג, וואָס דער בריוו האָט אים אָט ערשט פאַרשאַפט.

דאָ האָבן זיך די מסחר־רעדער געדרייט, געיאָגט זיך מיט דער גאַנ־צער קראַפט, קונים האָבן געוואַרט. די צוויי קראָם־„מענטשן" האָבן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. קישטיין האָט עפּעס נישט אַזוי העפלעך געענטפערט אַ בלאָנדוואָנסיקן איינקויפער פון אַ קריסטלעך נאַציאָנאַלן קאָאָפּעראַטיוו, האָט יענער געהאַלטן אין איין זידלען קישטיינען, אים צוגע־רעכנט צום „ערגסטן סאָרט זשידעס, וואָס די וועלט פאַרמאָגט נאָר".

גאָלדפעלד האָט קודם גענומען איבערבעטן דעם קאָאָפּעראַטיוו־„מענטש", אויסגעזידלט קישטיינען, דעם בלאָנדוואָנסיקן געכאַפּט הינטערן אָרעם, אים איינגערוימט עפּעס שמייכלענדיקס. די איבעריקע וואַרטנדיקע קונים זיינען אָבער אויך געווען אומגעדולדיק און דאָ, איידער איינער איז

געוואָרן אָפּגעפּאַרטיקט, זײַנען דרײַ פרישע קונים צוגעקומען... גאָלדפעלד האָט זיך באַלד געפונען אין סאַמע האַרץ פון אָט דעם מסחר און געלט־געווימל און אַלץ אַרומיקע צוזאַמען מיט זײַנע אייגענע, אַ חוץ מסחר־זאָרגן — פאַרגעסן.

שפּעט אין אָוונט נאָכן פאַרמאַכן דאָס געשעפט, ווען גאָלדפעלד איז געזעסן בײַם טיש אין עס־חדר און „געמאַכט קאַסע", האָט ער בײַם צוזאַ־מענשלעפּן געלט פון אַלע קעשענעס — פון אַ פעלץ־קעשענע צוזאַמען מיט אַ פּאַק צעקנייטשטע, צעקנאָדערטע געלט־פּאַפּירלעך, אַרויסגעשלעפּט דעם בריוו און מיטן גאַנצן פּאַק אים אַרויסגעלייגט אויפן טיש. און אַז גאָלד־פעלד האָט איצט דעם בריוו נאָכאַמאָל אַדורכגעלייענט, האָט ער מיטאַמאָל פאַרגעסן זײַן נאָכמיטאָגדיקן באַשלוס, אַז דער בריוו איז שקר וכזב און איז נישט מער, ווי אַן אונטערגעשטעלט פּיסל פון אַ שונא, אָדער אַ בעל־קנאה. איצט, זיצנדיק איינער אַליין, אַ ביסל באַפרײַט פונם באַטאָגיקן הו־האַ אין שטילן, פאַרשוויגענעם, בלויז פון איינלאָמפּ באַלויכטענעם חדר, אין אָפּוועזנהייט פון דער פרוי — האָט דער בריוו אים ווידער צע־רודערט... גאָלדפעלד איז אויפגעשטאַנען פון טיש. נערוועז גענומען שפּאַ־נען אַרויף און אַראָפּ. ער איז איצט זיכער געווען, אַז דאָס, וואָס עס שטייט אין בריוו, איז אמת. עס האָט זיך אים שוין געטראַכט" און וואָס וועט זײַן. אַז כ'וועל זיי טאַקע כאַפּן?..." און האָט מורא געהאַט פאַר אַזאַ פאַל.

ער האָט זיך צוריק געזעצט צום טיש, ווייטער גענומען גלייכסדרן דאָס געלט. אָבער רויק איז ער מער נישט געווען.

די קינדער זײַנען, ווי יעדן אָוונט, געלעגן „דערווייל" אין די מלבושים און געשלאָפן אויף דער סאָפע. דאָס פּינפּיעריקע מיידעלע איז יעדע פּאָר מינוט אויפגעקומען מיט אַ געוויין. דער פאָטער איז צוגעגאַנגען און גע־פרעגט, פאַרוואָס זי וויינט. דאָס קינד האָט זיך נאָך העכער צעוויינט און געזאָגט: „ס'הונגערט מיך". גאָלדפעלד האָט מיט אַ בייזן געשריי אַרײַנ־גערופן די דינסט, זי געפרעגט, פאַרוואָס זי האָט די קינדער נישט געגעבן צו עסן נאַכט־עסן. די דינסט, אַ פאַרשלאָפענע, האָט זיך פאַרענטפערט.

— וואָס בין איך שולדיק — די פּאַני זאָגט מיר נישט, כ'זאָל פאַר די קינדער מאַכן באַזונדער צו עסן.

— אַלזאָ, זאָג איך — האָט ער זיך געבעסט — די קינדער זאָלן מיר מער נישט ליגן דאָ, נאָר קריגן נאַכט־עסן און מ'זאָל זיי לייגן שלאָפן.

אַן אויפגערעגטער, אַזש רויט פאַר כעס, האָט ער די גאַנצע קופּע פּאַפּיר־געלט אַרײַנגעפּאַקט אין דער אײַזערנער שאַנק, געפּאַקט און גע־שטופּט, ווי אַלטע „שמות", ווי שמאַטעס; צוגעשלאָסן די קאַסע און געכאַפּט אויף זיך דעם פעלץ, וואָס מיטן העלן אונטערשלאַק און פּיקס־קאַלנער,

געמאַכט ברייט און גרויס, גענוי ווי די פּעלצן, וואָס די אַנדערע סוחרים פון זיין סגאַל טראָגן, און איז ארויס אין גאַס מיטן פעסטן באַשלוס אויפ־צוזוכן די פרוי.

אין גאַס איז געווען די געוויינטלעכע אָוונט־באַוועגונג. פאַר די באַ־לויכטענע קינאָ־טעאַטערס זיינען געשטאַנען ווייסע חברה־ניקעס. זיי האָבן באַטראַכט די אויסגעשטעלטע אילוסטראַציעס פון דעם „שטיק", וואָס ווערט איצט דערינען געוויזן — נאָכגעמאַכט די גרימאַסעס און זיך דורכ־געוואָרפן מיט ניבול־פּה־דיאַלאָגן.

די רויקייט אויף דער גאַס האָט אויף גאָלדפעלדן גוט געווירקט. ער איז רויקער געוואָרן און גענומען גיין מיט זיין געוויינטלעכן זעלבסט־צופרידענעם, שטייפן גאַנג צום אין בריוו אָנגעוויזענעם אָרט.

אַזוי ווי עס איז שוין געווען נאָך ניין אַזייגער, איז דער פּאַרק געווען געשלאָסן. גאָלדפעלד האָט אַריינגעקוקט דורך די שטאַכעטן. אויף די אין אַלע זייטן לויפנדיקע שטעגלעך איז געלעגן ברודיקער שניי — סימנים פון פיס־טריט; אויף די נידעריק אַרומגעצוימטע פּלעצער, וווּ זומער־צייט וואַקסט גראָז, איז געלעגן פאַרשפּרייט אַ דעק ווייסער נישט באַרירטער שניי. און רויק איז דערינען, אַזוי רויק און שטיל: די ליידיקע ווינטערדיקעביימער מיט שטראַם פאַרריסענע צווייגן, די האַלבע לבנה אויפן קלאָרן קאַלטן הימל — אויף אַלעם איז אויסגעגאָסן אַ שטילע רויקייט — און אָט די אַרומיקע שלווהדיקע שטילקייט האָט גאָלדפעלדן ווי איבערצייגט, אַז אַלץ, וואָס אין בריוו שטייט, איז שקר, אַ בלבול, אַ מיאוסער בלבול — און מיט דער דאָזיקער זיכערקייט האָט ער רויק גענומען אַהיים גיין.

אויף דער הויפּט־גאַס האָט גאָלדפעלד באַגעגנט אַ באַקאַנטן, אַ ווײַלע געשמועסט און געוויר געוואָרן, אַז סחורה איז היינט געוואַלטיק געשטיגן, און ווען גאָלדפעלד איז ווידער אַליין אַהיימגעגאַנגען, האָט אים באַנג גע־טאָן, וואָס ער האָט היינט אַזוי פיל סחורה אַרויספאַרקויפט אויפן נעכטיקן פּרייז. ער האָט, אָט דאָ איצט, אַזוי גייענדיק, ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז נאָכאַמאָל, אויב עס וועלן זיך ביי אים אָנפּאַקן אַזוי פיל קונים, ווי היינט נאָכמיטאָג, איז עס דער בעסטער סימן, אַז סחורה איז געשטיגן. דאַרף ער שוין אַליין פאַרשטיין און זיך אָפּהאַלטן פון פאַרקויפן, איבערהויפּט נאָך — פרעמדע, נישט שטענדיקע קונים.

צום הויז איז גאָלדפעלד צוגעגאַנגען מיט דעם צופרידענעם טראַכטן וואָס ליגן נאָך אויף דער באַן — אַלץ געקויפט נאָך אויף יענע־וואָכיקע וועגן גרויסן טראַנספּאָרט סחורה, וואָס איז היינט אָנגעקומען און סחורות, פּרייזן. און ס'האָט אים שוין נישט אַזוי שטאַרק באַנג געטאָן די היינטיקע „פאַרוואָרפענע" סחורות.

די פרוי איז שוין געווען אין דער היים. אויפן רוקן פון א שטול איז געלעגן איר אויסגעטאָן פוטער. אויפן טיש — דער הוט. זי אַליין איז געזעסן אין גוט געהייצטן שלאָף־חדר לעבן שרייב־טיש, געהאַלטן מיט איין האַנט דעם לאָרניאָן פאַר די אויגן און אַריינגעקוקט אין היינטיקן „קוריער".

דערבליקנדיק זי זיצן מיט איר געוויינטלעכער עגאָיסטישער חוצפּה: איין פוס פאַרלייגט אויפן אַנדערן, ברייט צעלייגט אין דער געבעטעטער שטול, און מיט די געלע אויגן, פון שטאָלצקייט, אַזש שטאַר קוקנדיק אין דער צייטונג און צומאָל זיך נישט אומקוקנדיק בשעת דער מאַן איז אַריין געקומען — האָט זיך אין אים אויפגעוועקט אַ פאַרלאַנג איר עפּעס אָפּצוטאָן. ער איז נאָך אַלץ געווען זיכער, (הגם איצט שוין ווידער נישט אַזוי פעסט), אַז דער בריוו איז בלויז אַ בילבול, אָבער איר איצטיק באַקוועמע זיצן דאָ אין דער געבעטעטער שטול און דאָס נישט באַמערקן אים, דעם מאַן, וואָס האָרעוועט פאַר איר — האָט אין אים אויפגעזאָטן אַ כעס. ער האָט אַרויסגענומען דעם בריוו פון דער פעלץ־קעשענע, אים אויפגעעפנט, צוגעגאַנגען און דעם בריוו אַוועקגעלייגט סאַמע אונטער איר נאָז, אויף דער צייטונג און געשטאַנען, געקוקט אויף איר און געוואַרט.

זי האָט נישט גלייך גענומען דעם בריוו, צום ערשט האָט זי דאָס פּאַפּירל אַוועקגעשאַרט, דערנאָך ערשט איז זי געוואָרן אויפמערקזאַם, אַדורכגעלייענט דאָס בריוול, עטלעכע רגעס געשוויגן, נאָר באַלד האָט זי זיך אַ הייב געטאָן פון דער שטול, געלייגט די הענט אויף די צוויי באַקעס און גענומען לאַכן.

זי האָט געלאַכט מיט איר הייזעריקלעך קול, געלאַכט הויך, שרייענדיק, ווי פון עפּעס אַזעלכעס קאָמישס, וואָס קאָמישער קאָן עס שוין נישט זיין. זי האָט געלאַכט אַזוי הויך, אַזש דאָס פינפיעריקע מיידעלע האָט זיך איבערגעוועקט מיט אַ געוויין. ער האָט געשריגן: „נו, שוין נו, גענוג שוין!" און זי האָט אַלץ נאָך געלאַכט — דערנאָך האָט זי מיט אַמאָל אָפּגעהאַקט דאָס לאַכן, זיך קאַלט צוריקגעזעצט, גענומען דעם לאָרניאָן פאַר די אויגן און נאָך גלייכגילטיקער, ווי ביז איצט, זיך פאַרטיפט אין דער צייטונג.

אַמאָל שוין לאַנג צוריק, נאָך אַלס חתן אין קליינעם שטעטל, איז שלום גאָלדפעלד איין מאָל, אין פאַרנאַכט, אַריינגעקומען צו דער כלה און באַוויזן צו דערבליקן, ווי זי האָט אויף דער גיך, דורך אַ צווייטער טיר,

ארוים משלח געווען איינעם א שטעטלדיקן יונגנמאן, אויף וועלכן שלום האט געהאט א חשד, אז ער לעבט גוט מיט זיין כלה...

באלד נאך זייער חתונה, שוין דא אין שטאט, איז אויך עפעס געווען א מעשה, וואס איז אויפגעדעקט געווארן א דאנק א בריוו, וואס איז צופע־ליק אריינגעפאלן אין גאלדפעלדס האנט... ס'האט דעמלט אויסגעבראכן ביים פארפאלק א גרויסער סקאנדאל און ס'האט שיער געהאלטן ביי א גט. אט דאס אלץ איז געווען מיט יארן צוריק. גאלדפעלד, דער להוטער סוחר, דער פארטאראראמטער האט שוין דאס לאנג נישט געדענקט. נאר אט, דער מיט א צוויי וואכן צוריק דערהאלטענער בריוו וועגן זיין ווייבס „טרעפונ־גען", האט צוריק די דאזיקע אמאליקע געשעענישן ארויפגעברענגט פון תהום פון פארגעסנקייט און אין א רויקער מינוט דערוועקט זיך אין גאלד־פעלדן דער גאנצער קנויל מעשות ביז אט דעם, ווייסט דער טייוול פון וועמען, צוגעשיקטן בריוו — און עס גריזשעט א ביסל. יא, עס בייסט, און אפטמאל דערוועקט זיך א כעס, א כעס אויף איר, אויף דער דאזיקער פרוי, וואס האט פארשטאנען אים, דעם חכם, אזוי ביי דער נאז ארומצופירן, אז ער האט זי גענומען אן א פרוטה נדן, ארבעט איצט און פארשאפט איר א פארמעגן, און זי — גיט צומאל נישט אכטונג אויף דער ווירטשאפט, אפילו נישט אויף די קינדער. יא, עס קרענקט טאקע, נאר צי דארף ער עפעס נאכקלערן וועגן דעם, וואס אין בריוו האט זיך גערעדט? דאכט זיך — נישט. אבער רעדן דערוועגן וואלט זיך יא געוואלט, כדי רויק צו ווערן, כדי דעם מינדסטן שאטן פון חשד אפצווישן; עס זאל זיך אים נישט פלאנטערן אין די מסחר־טראכטונגען. — זיינען זיי דאך אבער ביז איצט געווען ברוגז, נישט גערעדט צו זיך. אין שטוב, ווען ס'איז נישט גע־ווען קיין פרעמדער מענטש, איז ער, דער באלעבאס, געזעסן ווי א שטומ־מער, ווי דאס ווייב, זיין ווייב, וואלט אים געווען א פרעמדע און, אז עס האט זיך אין אים דערוועקט א שאטן פון חשד צוליב דעם דערהאלטענעם אנאנימען בריוו, האט ער דאס העכסטנס געקאנט אויסדריקן אין א באַ־האלטן זיפצל, אדער אין סתם רעדן צו די קינדער, כדי צו פארטרייבן פון זיך דאס נאגנדיקע חשד־געדאנקל. איצט אבער זיינען זיי שוין צוריק גוט געווארן. ער האט זי באשאנקען מיט טייערע מתנות; אפילו אידזשען אלס זייער מלאך־השלום, האט ער געקויפט א שיין זייגערל — מאן און ווייב לעבן איצט צווישן זיך זייער גוט און אין א שפעטן אוונט אין שלאף־חדר איז אויסגעקומען א שמועס וועגן אנאנימען בריוו...

— דאס האט נישט געטאן קיין אנדערער, ווי דער באלשעוויק, — זאגט מאדאם גאלדפעלד.

— וואסערער באלשעוויק? — פרעגט ער פארוואונדערט.

— נו, דיין געשוועסטער־קינד. ווי הייסט ער דאָרט דער מעקלער? — עס פּאַסט איר נישט צו וויסן, ווי ער הייסט.

— בענדעט?

— יאָ, נאָר ער קאָן אַפּטאָן אַזעלכעס.

בענדעט איז גאָלדפעלדס אַן אַמאָליקער חבר און קרוב. זייערע מו־טערס זיינען געווען שוועסטער. בענדעט איז געווען אַ זון פון אַ פּאַר־מעגלעכן קרעמער. אין די בחורישע יאָרן, אין בית מדרש, האָט שלום גע־רייכערט בענדעטס פּאַפּיראָסן און די בחורישע קערמעשלעך", וואָס שלום האָט נישט פאַרפעלט מיטצוהאַלטן, זיינען אויך געווען פון בענדעטס קע־שענע. דערנאָך אָבער האָבן זיך זייערע וועגן צעשיידט. שלום האָט זיך נאָך אַלס בחור, פאַרלייגט אַ וווכער־עסק — בענדעט אַלס נגידישער זון, איז ווייטער געבליבן אין בית מדרש און אין דער שטיל געלייענט השכלה־ספרים. היינט איז דער אַמאָליקער „שלום דעם שוחטס" — גאָלדפעלד!... בענדעט אָבער איז אַן אַלמן, וווינט מיט זיין שוועסטער — אַן עלטער מיידל מיט אַ הויכער פּלייצע — ערגעץ הינטער דער שטאָט און פאַר־נעמט זיך מיט מעקלעריי.

און אָט אויף אים, בענדעטן, האָט עס מאַדאַם גאָלדפעלד איצט גע־זאָגט, אַז ער מוז האָבן צוגעשיקט דעם אַנאָנימען בריוו און אים אָנגערופן „באָלשעוויק".

— בענדעט? — פרעגט גאָלדפעלד איבער — אַ באָלשעוויק איז ער גאָר?

— אוודאי, אַ בלאָשעוויק — באַשטעטיקט זי נאָכאַמאָל — יעדער קבצן איז אַ באָלשעוויק — אַ בעלן אויף פרעמד האָב און גוטס...

— און צוואָס, למשל, זאָל ער עס האָבן געטאָן, — מיר דעם בריוו געשיקט?

— בלויז נאָר אום צו מאַכן אַ בייז לעבן צווישן אונדז, קאָן ער דאָס אויך האָבן געטאָן.

מאַדאַם גאָלדפעלד קאָן באַזונדערס נישט ליידן דעם דאָזיקן בענדעטן, זי, מוז זיין, קאָן אים נישט מוחל זיין, וואָס ער קען זי, די איצטיקע מאַ־דאַם גאָלדפעלד, נאָך פון שטעטל, פון אַמאָל... נאָר דער עיקר — ווייל זי איז חושד, אַז הינטער איר וויסן העלפט אים איר מאַן אַמאָל אַרויס מיט קראָם־פּראָדוקטן.

גאָלדפעלד ענטפערט איר גאָרנישט אויף איר חושד זיין בענדעטן; ער נעמט קענטיק אירע רייד נישט ערנסט. ער שווייגט אַ ווײַלע. דערנאָך רופט ער זיך אָן:

— געלט וואָלט איך מיך געלאָזט קאָסטן, כ'זאָל דערגיין, ווער מיר האָט צוגעשיקט דעם בריוו.

— און איך נישט — זאָגט זי מיט א גלייכגילטיקן זשעסט — ס'איז מיר גאַנץ גלייכגילטיק.

— פאַרוואָס אַזוי? — פרעגט ער צוריק — האָט דאָס געטאָן א שונא — ווייל איך וויסן, ווער עס האָט זיך אויף מיר פאַרמאָסטן, איז ווידער יענער מיינס א גוטער פריינט, וואָס וואָרנט מיך — איז עס מיר דאָך אוודאי ווichטיק.

— און אז עס וואָלט זיך אַזוי באַשטעטיקט? — פרעגט זי אויף א כלומרשט און לאַכט מיט איר ספּעציפיש געקינצלט געלעכטערל.

— וואָס דאַרף איך רעדן נאַרישקייטן — קוקט ער איר שאַרף אין די אויגן — אז עס וואָלט זיך באַשטעטיקט — זאָגט ער לאַנגזאַם — וואָלט איך... — און עס גיט זיך אים א שטעל פאַר א גט־שטימונג: א האַרמי־דער אין שטוב, א צערודערונג; צעוואָרפענע זאַכן, צערוקט מעבל, אויפ־געפּראַלטע שענק... — און ער ווייסט שוין טאַקע נישט, וואָס ער וואָלט געטאָן, אויב ס'וואָלט זיך חלילה באַשטעטיקט, וואָס אין בריוו שטייט.

— אויב אַזוי — זאָגט זי מיט אַזא געמאַכט פּיסקל און זי שטייט פאַר אים אין איר גאַנצער שטאָלצער גרייס מיטן שיקלעכן האַלב נאַקעטן קערפּער אינמיטן אויסטאָן זיך, גרייט זיך צו לייגן — מוז איך לײַדער מודה זיין...

און אז ער קוקט זי שטום אָן, צעלאַכט זי זיך ווידער.

— איך ווייס נישט, וואָס דו מיינסט, — זאָגט ער ערנסט און גיט דערביי אַזא הייב מיט די פּלייצעס און מאַכט אַזא אומבאַהאָלפענע מינע, ווי זיין פאָטער, דער שוחט, בשעת א שווערע „סירכא" ביי א גסה.

— איך מיין — זאָגט זי מיט אומגעהויערער זעלבסט־ווערדע און באַליידיקטער צניעות און זי רעדט דאָס מיט א שטים, ווי צו א פרעמדן מאַנצפּאַרשוין — אז איך גיי אַדורך א גאַס, פרעסן מיך מאַנצבילישע בליקן, שפּיזן מיר דורך די קליידער... און וויפל פון זיי, האָבן מיין גע־שטאַלט און מיין פּנים פאַר די אויגן דאַרט, ווי זיי געפונען זיך דערגאַנג, ביינאַכט...

ער קוקט זי אָן און גאַפט.

— יאָ, יאָ — הויבט זי ווידער אָן — א פיינע חברה זענט איר מע־נער — נאָך גוט כאָטש, וואָס דו דאַרפסט נישט אין זינען האָבן אַן אַנדע־רע, ווען דו פייניקסט מיך.

— פון וואַנען ביסטו עס אַזוי זיכער? — פרעגט ער מיט א שמייכל.

— פון וואַנען? — פרעגט זי איבער — מוזסטו דאָך ערשט אויסגע־פונען און אַהערברענגען אַזעלכע, וואָס זאָל קאָנען מיט מיר... כאָטש זיך גלייך שטעלן...

און מיטאַמאָל נעמט זי דערציילן:

— פאַר עטלעכע טעג טרעפט מיך דאָקטאָר סמאָלינסקי — דווקא איך זאָל זיך מיט אים אַביסל איבערגיין. וואָס איז? ער איז געווען ביי עטלעכע פּאַציענטקעס און אַלץ — מיאוסע, מוז ער איצט זיך איבערגיין מיט מיר, כדי דעם הומאָר צוריק צו קריגן. נישט אַנדערש — איך האָב אים געמוזט צוליב טאָן. — אַנומלטן ווידער טרעפט מיך ראַטמאַן לאָקשינסקי. פּאַני גאָלדפעלד, זאָגט ער, „אויב איר מיט אייער פאַרשטעל און פאַרשטאַנד, וואָלט זיך באַטייליקט אין אונדזער באַוועגונג, וואָלט איר הויך געשטיגן און אויך אונדזער אַרבעטער־זאַך וואָלט דערפון געוווּנען..."

די מעשה מיטן דאָקטאָר סמאָלינסקי איז פון איר זייט געווען ריכ־טיק געצילט און גוט געטראָפן: זיין ווייב שפּאַצירט מיט אַ גויעשן דאָק־טער!... דערפאַר די צווייטע העלפט, מיט לאָקשינסקין, האָט אויף אים גאָר קיין רושם נישט געמאַכט.

— לאָקשינסקי איז אַ פּלוידערזאַק — זאָגט ער מיט ביטול.

זי רעגט זיך אויף:

— דאָך איז ער אַ ראַטמאַן — נישט דו — זאָגט זי שניידיק — און געוויילט — פון די סאָציאַליסטן, אויך נישט גאָר גרויסע נאַראָנים, דאָך האָבן זיי אים אויסגעוויילט און נישט קיין אַנדערן.

און פונדעסטוועגן מאַכט דאָס אויף גאָלדפעלדן קיין שום רושם נישט.

לאָקשינסקי האָט זיך אַ צייט אַרומגעשלעפּט מיט מאַדאַם גאָלדפעלדס שוועסטער — דאָרע. און שטענדיק איז צווישן זיי אַרויסגעקומען ברוגזן צוליב רכילות... און דאָס, וואָס לאָקשינסקי איז ראַטמאַן, ווייסט גאָלד־פעלד, אַז ער איז נישט מער ווי אַ שטעלפאַרטרעטער פון אַ רעזיגנירטן ראַטמאַן.

זי זעט, אַז מיט לאָקשינסקן האָט זי נישט געטראָפן, הייבט זי צוריק אָן.

— דאָקטאָר סמאָלינסקי געפעלט דיר שוין אפשר אויך נישט?

— נו — זאָגט ער מיט דרך ארץ — סמאָלינסקי — כאָטש אַ מענטש, אַ דאָקטער!...

דערנאָך, אַז ער מאַכט ווידער אַ שמועס וועגן דעם אַנאָנימען בריוו, וואַרפט זי דאָס ווידער אויף בענדעטן:

— קיין אַנדערער, ווי ער האָט דאָס נישט געטאָן.

— וואָס רעדסטו? — מאַכט דער מאַן מיט אַ פּאַראַיבל־מינע — איך קען דען נישט בענדעטס כּתב?

— האָט ער עס געלאָזט שרייבן עמעצן. ער איז גאָר נישט אַזוי פֿיל נאַר, אַליין דאָס צו מאַכן.

גאָלדפעלד איז נישט איינשטימיק.

אידזשאַ — וואָס איז די איינציקע, וועמען מאַדאַם גאָלדפעלד האָט פֿאַרטרויט וועגן דעם אַנאָנימען בריוו — האָט געלאָזט פֿאַלן אַ וואָרט גאָר אין אַנדערער ריכטונג.

— אפשר האָט מען מיטן בריוו גאָרנישט געמיינט דיר אָפּצוטאָן, נאָר עמעצן אַנדערש. .. — האָט אידזשאַ גערעדט פֿאַרשטעלט, אָבער מיט אַ קלאָרן מיין. מאַדאַם גאָלדפעלד שטויסט זיך אָן, וואָס די שוועסטער מיינט.

נאָך די הגאוות האָט זיך דער האַנדלס־טומל און פֿאַרדין־הו־האַ אויף אַ ווײַלע אַ ביסל אַ שטעל אָפּ געטאָן, געבליבן הענגען אין דער לופֿט.

אויף דער הויפּט־גאַס, וווּ די שוואַרצע בערזע געפֿינט זיך, איז שטיל און רויק — נישט קיין אָבלאַוועס פֿון דער פּאָליציי אויף אַזעלכע, וואָס האָבן בײַ זיך אויסלענדישע וואַליוטע און נישט קיין נאָכשפּיאָנירן פֿון גע־היים־אַגענטן נאָך געלט־הענדלער. די וואַליוטניקעס האָבן איצט טעגווייז פֿאַרברענגט אין „קאַפֿע־לאָנדאָן" אין הינטער־שטיבל בײַ די ביליאַרד־טישן, „געאַרבעט" אָן מאַרינאַרקעס אין די הוילע העמד־אַרבל, געזוידלט זיך, גלײַך צוריק שלום געוואָרן און געהאַפּט, אַז אָט־אָט וועט זיך דער האַנדל צוריק אַ „ריר" טאָן...

עלטערע, געזעצטע, זײַנען געזעסן אין אַ גערוים־ליכטיק פּעדער־חדר, וואָס מיט די אָפֿענע טירן צו דער גאַס, געשפּילט דאַמקע אויף אַ גלאָז טיי מיט צובייס און אָפּגעחוזקט פֿון יענע, וואָס זײַנען געבליבן המצדיק מיט אַ היפּש פּעקל אַמעריקאַנער „מציאות"... אינדרויסן פֿאַר דער קאַוויאַרניע אויף דער ביז איצט שטאַרק באַלעבטער גאַס זײַנען וואַליוטניקעס אַרומ־געקראָכן איינציקווייז און צו עטלעכע, פֿאַרגנעצטע, קוים זיך רירנדיקע, ווי פֿליגן אין האַרבסט.

קריכן זיי אַרום די ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק רירעוודיקע, פֿלינקע געלט־הענדלער, קלאַפּן פֿאַר לאַנגווייל מיט די האַנטשטעקעלעך אָן טראָ־טואַר, קוקן אויפֿן טורעם־זייגער, צי ס'איז שוין צייט אַהיימצוגיין מיטאָג־עסן, און מיט די זויערע מינעס דערמאָנען זיי אַ חסיד אַ קבצן — צו־מאָרגנס נאָך שמחת־תורה.

ס'לויפֿט פֿון ערגעץ אָן אַ קליינשטעטלדיק שוואַרץ יידל. דאָס יידל — אַ דערשראָקענער, וואָס ער טראָגט בײַ זיך אַזאַ טרפֿה אַרטיקל — דאָ־

לארן... — זוכט א געלט־הענדלער. ער איילט צו צו א וואליוטניק, וואָס שפּאַצירט זיך חול־המועד־מעסיק פּוסט און פּאַס, און אין פאַרבייגיין שטעקט אים דאָס שוואַרץ־באַוואַקסענע יידל אָפּ אַ סוד, געהיימנישפול, ווי א גאַסנמיידל, ווען זי רופט א זכר פון א באַלעבטער גאַס:

— כ'האָב „לאַנגע"...

און דער וואליוטניק מיט א בלאָנד בערדל און שאַרפסוקנדיקע אויגן, ענטפערט דעם פּראָווינצער יידל אָפּ לצנותדיק מיט דערזעלבער געהיימניש־פולער מינע:

האַלט אייך זיי געזונטערהייט.

— כ'האָב „לאָקשן" — זאָגט ער שוין דרייסטער.

— באַגיסט אייך זיי מיט יויך. .. — קריגט ער אַן ענטפער אויף זיין אָנבאָט. ביז דאָס יידל טרעפט ענדלעך אָן אויף א ריזיקאַנט.

— וויפל זאָל עס קאָסטן?

— און וויפל צאָלט איר?

— דער וואליוטניק — א בחור אין אויסגעפּוצטער — באָט אָן א שפּאָט פּרייז. דאָס יידל אַנטלויפט נישט. ער באַדויערט בלויז:

— מ'האָט מיר אינדערהיים געוואָלט טייערער צאָלן.

— טאָ נעמט אייך זיי צוריק אַהיים — זאָגט דער קויפער גלייכגיל־טיק.

זיי קומען לסוף אַדורך. אין א טויער ווערט דאָס געשעפט דערליי־דיקט. דאָס יידל לאָזט זיך לויפן צום וואָגן, וואָס וואַרט אויף אים אַהיימצו־פאָרן, און דער בחור מיט דער איינגעהאַנדלטער „מציאה" אין קעשענע, גייט אַרויס פון טויער מיט א מינע פון „אויך מיר א געשעפט".

נישטאָ וואָס צו טאָן, קוקט מען נאָך פאַרביישפּאַצירנדיקע פּרויען פון שפּעקוליאַנטן — ווייבער, דיקע, אויסגעפּאַשעטע אין פּאָק־מאַנטלען, אין קאַראַקולן — שפּאַנען שטייף, פּרייכנדיק, ווי די פּעטע גענדז... אָט גייט מאָ־ריץ קרול — א בחור אין א פוטער מיט א סך פאַרהיילטע דראָפּעס סימנים אויפן פּנים. מיט א זעקס חדשים צוריק, האָט דער דאָזיקער קרול נישט פאַרמאָגט זיין אייגנס קיין גאַנצע פּאָר הויזן, און היינט איז אים געבליבן נאָך דער „האָסע" א היפּש פּעקל „לאָקשן" — איז ער טאַטע פּריילעך און זאָרגלאָז. ער קוקט נאָך א „פּאַסקאַזשעס" פּרוי — א דיקע מיט א גוידער, אין א פוטער און זאַמש־היט — ער ווינקט אויף איר חשבון מיט אַן אייגל צו די אַרומיקע:

— האָט איר מאַן איצט מאָגערע טעג, האָט ער דערפאַר פּעמע נעכט. . .

ביי גאָלדפעלדן אין געשעפט איז שטיל, טויט ווי אין קליינשטעטלדיקן בית־מדרש הושענה־רבה נאָך דאַווענען. גאָלדפעלדן טוט הנאה, וואָס ער איז נישט איינגעגאַנגען מיט פּינטשעווסקין אין שותפות מכוח אָפּקויפן אין דער ציקאָריע־פאַבריק דעם גאַנצן קאָנטינגענט אויסאַרבעטונגען פון יאָר.

— ער וועט דעם קאָפּ צוליגן — זאָגט גאָלדפעלד וועגן פּינטשעווסקין.

און צו דער פרוי ווענדט זיך גאָלדפעלד מכוח א באַשטעטיקונג פון זיינע פעיקייטן:

— בראָניע, דיין מאַן האָט א „שמעקער", העז?

זי אָבער וויל אים דעם „שמעקער" נישט לאָזן באַקומען:

— ס'איז גאָרנישט אַזוי שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז פּינטשעווסקיס געשעפט טויג נישט — זאָגט זי קאַלט.

קריכן טעג — לאַנגווייליקע, פּוסטע. אָט איז שוין ווידער שבת. נאָכמיטאָג האָט גאָלדפעלד היינט באַפרייט זיינע „מענטשן" פון צוריקקומען אין געשעפט. ס'איז פאַרמיטאָג אויך נישט געווען וואָס צו טאָן. שפּילמאַן, דער צווייטער „מענטש" האָט געהאַט עטלעכע קליינינקייטן צו דערליידיקן אין גאַס: אין באַנק און ביי סוחרים; געצל קישטיין אלס איינגענער, איז געבליבן אין געוועלב. ער האָט געהאָלפן דער דינסט אַרויפברענגען פון קעלער קוילן איינצוהייצן, צוזאַמענגעקלאַפּט א צעשיטן קאַסטן. . . נאָכמיטאָג זיינען שוין די מענטשן נישט צוריקגעקומען.

אין עס־חדר האָט די דינסט אָראָפּגערוימט פון טיש דאָס געפעס פון מיטאָג־עסן און אוועקגעגאַנגען מיט די קינדער אַרויף צו דער באָבע מייטע.

פרוי גאָלדפעלד זיצט אין שלאָף־חדר, לייענט א בוך, אָדער מאַכט זיך די פריזור. אויף דער סאָפע ליגט גאָלדפעלד אָן רעקל און לייענט די נעכטיקע, פריטיקדיקע, יידישע ציימונג; אידזשאַ איז פאַרמיטאָג א ביסל דאָ געווען, געשפּילט פּיאַנע, און ווען זי איז אוועק, האָט זי, ווי איר שטייגער, אָפן געלאָזט דאָס דעקל, וואָס איבער די קלאַווישן — איז עס נאָך אַלץ אָפן.

די קאַץ, שוין אויסזייענדיק אויף אַלע שענק און טישן, דאַכט זיך איר קענטיק אויס, אַז דאָס פענצטער איז אָפן, האָט זי אפנים חשק זיך אביסל אַרויסצוכאַפּן פון שטוב אין שנייאיקן קלאָר־ווייסן דרויסן — שפּרינגט

זי זיך אַרויף אויף דער פּיאַנע, וואָס שטייט לעבן פענצטער. לויפט איבער די קלאַווישן און: טים טאַם טאַם טאַם באַם!... לאָזן די קלאַווישן זיך הערן פון אונטער אירע קעציִשע פּיסלעך.

גאָלדפעלד קוקט מיט התמדה אין דער צייטונג. ער לייענט וועגן ארץ־ישראל (אַז דער מסחר „ליגט" אַ ביסל, אינטערעסירט אים ארץ־ישראל). אין דער צייטונג דערציילט זיך, וואָס דאָרט ווערט אַלץ אויפגעטאָן... גאָלדפעלד טראַכט: „ס'וואָלט גלייך געווען צו דערוויסן זיך, צי דאָס אַלץ וואָס די צייטונגען שרייבן איז אמת".

ער דערטראַכט אַט איצט, ליגנדיק דאָ אויף דער פּליושענער סאָפע, אַז אין ארץ־ישראל, ווי אין אַ לאַנד, וואָס האַלט זיך ערשט אין בויען, ווו עס קומען זיך צוזאַמען יידן פון דער גאַנצער וועלט — און צווישן זיי מן הסתם נישט ווייניק דלפנים — וואָלט גוט געווען זיך איינצואָרדענען אַ ליכווע און וווכער־עסק אויף קליינע אויסצאָלונגען און גרעסערע פּראָצענטער. מיט אַט אַזעלכע טראַכטונגען, שלאָפט גאָלדפעלד איין; ווען ער וואַכט אויף איז שוין אָוונט. די דינסט איז שוין דאָ צוריק, די קינדער אויך. די פרוי איז אַוועק, אָדער האַלט ביים אַוועקגיין שפּאַצירן — גאָלדפעלד איבערבייסט עפּעס ,טוט זיך אָן און לאָזט זיך גיין צו אַ באַקאַנטן, ווו עס קומען זיך צוזאַמען אַ חברותא פּאַסקאַזשעס שפּילן אין קאָרטן.

דער שטעטלדיקער דאָקטאָר האָט אויסגעפונען, אַז מירלס הוסטן און אָטעם־שטיקונג איז נישט „לונגען", נאָר עפּעס אַנדערש, האָט ער געראָטן דעם פאָטער, ר' ליפּען, זיין טאָכטער זאָל אָנהויבן טרינקען עפּעס אַ קינסטלעך מינעראַל־וואַסער געמישט מיט מילך — און מירל איז צוליב דער דאָזיקער רפואה געצוווּנגען געווען צוריקצופאָרן צום ברודער, אין דער גרעסערער שטאָט צו גאָלדפעלדן.

מאַדאַם גאָלדפעלד איז דעמלט גראָד געווען אָן אַ דינסט און קריג; אַ דינסט איז דער פּאַני גאָלדפעלד נישט גאָר לייכט...

דער לעצטער דינסטס אַוועקגיין איז כלל נישט געווען אויף אַ פריינטלעכן אופן. מאַדאַם גאָלדפעלד האָט דער דינסט, לכבוד דעם ניטל־יום־טוב, געשענקט, שטאָף אויף אַ קלייד. די דינסט האָט זיך אָבער באַלד פאַרזינדיקט: זי איז אַפּגעלאָזט געוואָרן אַהיים אין דאָרף אויף איין מעת־לעת און געזוימט האָט זי זיך — צוויי. האָט די פּאַני אַרויסגענומען פון דער דינסטס נישט צוגעשלאָסן קופערטל די מתנה, דאָס שטיקל שטאָף אויף אַ קלייד. די דינסט האָט דערפאַר אָפּגעזאָגט די שטעל. אויסגעוווען ביזן חודש און אַוועק ברוגז.

מאדאם גאָלדפעלד איז אָן א דינסט: מיטאָג לאָזט זי ברענגען פון רעסטאָראַן. צום אָנבייסן אין דער פרי, אויב די „מענטשן" זיינען פארנומען אין געוועלב איז נישטאָ ווער עס זאָל פייער מאכן אין קיך...

עטלעכע אוונטן פריער, איידער מירל איז געקומען, האָט גאָלדפעלד דער פרוי פּאָרזיכטיק פאָרגעברייט, אַז זיין שוועסטער וועט אפשר אהער קומען אויף א פּאָר וואָכן צוליבן טרינקען „וואסער". ער האָט זיך אפילו געאיילט צוצוגעבן: „האָסט דאָך איצט קיינעם נישט, וועט דיר א ביסל לייב־טער זיין".

זי האָט אָבער דעם „זאָג" זיינעם נישט קיין חשש געהאט אדורכצו־לאָזן.

— א דינסט קאָן איך א יעדע מינוט קריגן — האָט זי אָפּגעשלאָגן זיין אָנצוהערעניש — אָבער איך זוך מיר א גוטע דינסט און מאָרגן איבער־מאָרגן וועל איך שוין האָבן.

נאָר דייטלעך קעגן מירלס קומען האָט זי גאָרנישט געזאָגט, זי האָט גרויסמוטיק געשוויגן און — שוין.

דער מסחר־ראָד האָט זיך דעמלט — נאָכן קורצן שטיל־שוויגן אי־בער דער „בעסע" — שוין ווידער געדרייט, דאָלארן זיינען געפלויגן אין דער הייך — נישט צודעריאָגן...

גאָלדפעלדס שכן, דער וואַליוטניק אין הארטן קאַפּעליוש, איז נאָכאנאנד געקומען צו לויפן פון גאַס אויפן הויף און ארויפגעשריגן צו זיינע פענצטער צום זון:

— יויזיף „הארטע דבר אחרים" מיט צען פונקטן ארויף...

אוועקגעלאָפן און באלד געקומען ווידער.

— יויזיף, „גרינע" — מיט אכצן פונקטן ארויף.

און א ווייַלע שפּעטער מיט א פארשארצטן קאַפּעליוש און פארביסענע ליפּן:

— יויזיף, צוריקהאַלטן פון פארקויפן — אַלץ פליט!

און יויזיף, דער זון, וואָס דערליידיקט די וואַליוטע־עסקים אין דער היים, ענטפערט דעם פאָטער אויף אַלע בשורות מיט איין און דעם זעלבן:

— פּאַפּא, כ'הער... גוט...

ביי גאָלדפעלדן ברענט דער יאריד אין געוועלב און אין אַלע חדרים; אומעטום זיינען פול קונים, מ'פרעגט גאָרנישט קיין פּרייז, מ'בעט זיך, מ'חלשט וועגן סחורה, מ'קוקט די סחורה גאָרנישט אָן: מ'ציילט געלט, מ'לייגט צו נאָכן און אין מיטן צאָלן; מ'איז גליקלעך, אז מ'קריגט כאָטש.

די קונים באַפאַלן גאָלדפעלדן ווי די היישעריקן:

— פאַניע גאָלדפעלד, שוועבעלעך...

— זייף, כ׳בעט אייך.
— צוקער, כאָטש איין זאַק.
און גאָלדפעלד האָט פאַר אַלע איין ענטפער:
— דערווייל — גאָרנישטאָ.
נאָר פאַר יחידי סגולה (וואָס ווייסן, אז היינט צאָלט די מינוט...) האָט ער אַ באַזונדערן ווונק, גאָלדפעלד; די דאָזיקע פאַרשטייען שוין, אַז דאָס הייסט, זיי זאָלן אַריינקומען אַ ביסל שפּעטער, אינאָוונט, גייען זיי אַרויס לפּנים אויף אומצופרידן, מיט ליידיקע הענט. און גאָלדפעלד קאָן זיך נישט קיין עצה געבן: ער און די „מענטשן" — אַלע אַרבעטן, אַלע שוויצן; נישטאָ קיין צייט אָפּצואָטעמען.
און אָט אין דער דאָזיקער „יאַריד־צייט" איז מירל צוריקגעקומען צום ברודער כדי דאָ אין שטאָט, לויט דער עצה פון שטעטלדיקן דאָקטאָר, צו טרינקען קינסטלעך מינעראַל־וואַסער געמישט מיט מילך.
דער טאָג איז געווען אַ נענוג פּראַסטיקער. מירל איז געקומען נאָך האַלבן טאָג. ביי גאָלדפעלדן איז שוין געווען נאָכן מיטאָג־עסן. מירל איז אַריינגעקומען אין עס־חדר, אוועקגעשטעלט איר קערבל און גענומען אַראָפּ־ציען די לייכטע הענטשקעס פון די געפּרווירענע פינגער.
די קינדער זיינען זי באַפאַלן מיט נישט אָרטיקע רייסערייען: „וואָס האָסטו אונדז מיטגעברענגט?" מירל איז געשטאַנען געפּלעפּט, נישט גע־האָט די קינדער וואָס צו געבן. מאַדאַם גאָלדפעלד האָט געעפנט די טיר פון שלאָף־חדר, איר קאָפּ האָט זיך באַוויזן אין דער טיר־עפענונג, פרעמד און בייסיק באַטראַכט דעם מאַנס שוועסטער, איר נישט איבעריק עלעגאַנטן הילוך — צוריקגענומען דעם קאָפּ און גאָרנישט רעדנדיק די טיר פאַר־מאַכט.
גאָלדפעלד איז אַריינגעקומען אין עס־חדר:
— אַ, וואָס מאַכסטו, וואָס מאַכט דער טאַטע? — האָט ער דער שוועסטער צוגעוואָרפן. ער איז אַריינגעגאַנגען אין שלאָף־חדר צו דער פרוי.
— מירל איז געקומען — האָט ער דער פרוי נישט דרייסט צווויסן געטאָן — זי איז אַוודאי הונגעריק... מ׳וואָלט אפשר געדאַרפט...
זי האָט דערהויבן די אויגן און הויך גערעדט:
— איך שטער דיר דען אַריינצוגיין אין קיך קאָכן!...
ער איז שטיל אַרויסגעגאַנגען פון שלאָף־חדר, אַריין אין געוועלב, געבעטן קישטיינען מאַכן פייער אין קיך און אַרויפשטעלן צו קאָכן טיי פאַר מירלס וועגן.
צומאַרגנס, איבערמאָרגנס און ווייטער איז מאַדאַם גאָלדפעלד געלעגן אין בעט. גאָלדפעלד האָט פאַרשטאַנען, אַז איר איצטיס ליגן אין בעט איז

כדי מירלען צוצוגעוויינען צו דער קיך־אַרבעט. גאָלדפעלדן האָט דאָס פּאָר־ דראָסן און אַלס פּראָטעסט האָט ער דער שוועסטער אָפּט אונטערגעשטופּט אַ שטיקל שאָקאָלאַד. מירל האָט געטריי באַדינט די אין בעט ליגנדיקע שוועגערין, איר צוגעטראָגן יעדער מינוט עפּעס אַנדערש ס׳הערצל צו דער־ כאַפּן... יענע, די אויסגעפּוילטע, געזונטע, איז געלעגן אין בעט, און מירל, — מיט די פּיבערדיק־רויטע פלעקן אויף די איינגעפאַלענע געלבלע־ כע באַקן האָט זי באַדינט. איצט האָט קישטיין מער נישט געברענגט מיטאָג פון רעסטאָראַן — מירל האָט געקאָכט און דעם טאָפּ פלייש געטראָגן דער שוועגערין צום בעט, זי זאָל, לויט איר איינזען, איינטיילן אויף די טעלער און פון בעט האָט מירל די טעלער דערלאַנגט צום טיש.

אידזשאַ איז אַריינגעקומען מבקר חולה זיין די „קראַנקע״ שוועסטער. די מאַמע מייטע איז אַריינגעקומען זיך דערוויסן, ווי די טאָכטער פילט זיך היינט. מייטע האָט אַ זאָג געטאָן צו מירלען:

— נישקשה, די איינגעפאַלענע באַקן וועלן דאָ שוין פעט ווערן פון דער אַנדערער פּאַשע... און געזאָגט האָט זי דאָס מיט איר ספּעציעל טענדל, אַז מירלען איז דער ביסן געבליבן שטעקן אין האַלדז. מייטע האָט באַדויער־ לעך געשאָקלט מיטן קאָפּ און אונטערגעזיפצט:

— מיט־עסערס האָט מיין טאָכטער...

ווען מייטע איז אַהיימגעגאַנגען, האָט זי אין געוועלב די סאָווע־אויגן אָנגעשטעלט אויפן איידעם מיט ביטערע פּרעטענזיעס:

— אַ ווייב ליגט שוין אַזוי פיל טעג צו בעט... וואָלסט דאָס באַטש געשיקט נאָך אַ דאָקטער!

גאָלדפעלד איז רויט געוואָרן. ער האָט גרויס חשק געהאַט מייטען צו ענטפערן. „ס׳איז איר גאָרנישט״. — אָבער געענטפערט האָט ער נישט אַזוי. אדרבא, גאָר ווייך האָט ער זי געבעטן:

— איך האָב דאָך אַזוי קיין צייט נישט. אפשר וויל די שוויגער אַזוי גוט זיין, אָפּטרעטן אינאיינעם ביים דאָקטער?

אין די גרויסע היצן איז די מאַמע מייטע געוואָרן עפּעס לאָ עליכמדיק, נישט מיט אַלעמען. דעם דאָקטער, צו וועלכן זי איז געגאַנגען אין באַגלייַ־ טונג פון איר טאָכטער אידזשאַ, כדי צו לאָזן זיך אונטערזוכן, האָט זי פאַר־ געשטעלט איר שלאַפקייט מיט: נישט קיין אַפּעטיט צו עסן, נישט קאָנען שלאָפן, און נאָך... און זי האָט אים געפרעגט, צי ס׳וואָלט נישט גלייך געווען, זי זאָל אויף אַ פּאָר וואָכן אַרויספאָרן אויף אַ זומער־וווינונג.

— געווים וואָלט גלייך געווען — איז דער דאָקטער מסכים, און אום צו ווייזן, אַז דאָס „פּאַפּירל", וואָס מייטע וועט אים באַלד דערלאַנגען פאַר דער „וויזיט" האָט ער זיך כשר פאַרדינט, איבערחזרט ער איבער מיט אַ טאָן פון אַ באַפעל:

— דורכאויס אַרויספאָרן אויף אַ זומער־וווינונג און וואָס גיכער!...

— יאָ, אויף אַ זומער־וווינונג — קרעכצט די מאַמע מייטע, צוריק־גייענדיק פון דאָקטער אָנגעלענט אין אידזשאַס אָרעם — עס איז אים גרינג צו זאָגן „אַרויספאָרן אויף אַ זומער־וווינונג"...

אידזשען און דעם מאַן בערל קרעפּל האָט מייטע אויף „עקסטרא" אַרויסגעשיקט צו בראָניען מיט דעם דאָקטערס דרינגנדן באַפעל — און דעם צווייטן, אָדער דריטן טאָג איז די מאַמע מייטע, אָכצנדיק און קרעכצנ־דיק אַרויסגעפאָרן צו דער טאָכטער בראָניע גאָלדפעלד אויף דער זומער־וווינונג — „אויף דערווייל", ביז עס וועט זיך מאַכן צו דינגען אַ שטיקל דירה לעבן דעם וואַלד.

מאַדאַם גאָלדפעלד איז נאַטירלעך נישט אַנטציקט פון דער מוטערס אַריינפּאַקן זיך צו איר. זי האָט גלייך חושד געווען, אַז דער מוטערס כוונה איז נישט בלויז דאָס נעניסן זומער־לופט. ס'האָט זיך איר דערמאָנט, אַז דאָס פאַריקע יאָר, האָט די מוטער עפּעס אויך חשק געהאַט אַ ביסל אַריבער־צופאָרן צו איר אויף דער זומער־וווינונג און פאַר צוויי יאָר, אַז זי, די טאָכטער, איז צוריקגעקומען פון דער זומער־וווינונג אין טשעכאָטשינעס, האָט זיך די מוטער געהאַלטן אין איין באַקלאָגן פאַר איר, אַז אָן איר, בראָניען, פילט זי זיך עלנט, ווי אַ שטיין... און אַז מאַדאַם גאָלדפעלד האָט דאָס אַלץ אַדורכגעטראַכט, איז זי שוין זיכער געווען, אַז דאָס מאַמעלע האָט זיך אַהער אַריינגעפּאַקט, כדי עס זאָל זיך אַ פּאָר וואָכן אומזיסט פּיטערן און זי, די טאָכטער, צו ביסלעך אונטערמעלקן...

„זייער מעלק־קיעלע" — אַזוי רופט זיך מאַדאַם גאָלדפעלד אין גע־דאַנק, דערפאַר, וואָס זי העלפט אַמאָל אויס דער מוטער אָדער דער שוועס־טער, דער אַלמנה, מיט קראָם־פּראָדוקטן, אָדער ביסלעך געלט.

גאָלדפעלד האָט גאָר אָרנטלעך פאַרדראָסן דער שוויגערס אַריינפּאַקן זיך צו אים אויף דער זומער־וווינונג, אויף זיין קאַרק אַרויף, נאָר אַזוי ווי פּראָטעסטירן אויפן קול, האָט ער נישט דעם מוט געהאַט, האָט ער זיין פּראָטעסט אויסגעדריקט אויף אַן אַנדערן אופן. ביז דער שוויגערס קומען, אַז די פרוי האָט געשיקט די דינסט ברענגען געברויכס־אַרטיקלען פון דער קראָם, האָט גאָלדפעלד געשיקט אַלץ וויפל די פרוי פאַרלאַנגט, איצט — נישט. איצט שיקט ער נישט גענוי, וויפל די פרוי פאַרלאַנגט אין דער „רשימה": דריי פונט צוקער — שיקט ער צוויי און אַ האַלבן; אַ האַלב

פונט קאווע — שיקט ער איין פערטל און אזוי אלץ איבעריקע... דאס דאזיקע בכיוונדיקע נישט נאכקומען געגוי, האט געדארפט דינען דער פרוי אלם דעם מאנס שטומער פארוורף: „עפעס געפעלט מיר דארט נישט" און זי זאל זיך שוין אנשטויסן, וואס אים געפעלט נישט...

אויף דער זומער־וווינונג האט זיך אלץ געפירט ווי פריער. לאקשינסקי קומט יעדן טאג ווי געוויינטלעך ארום 5 — 4 נאכמיטאג. מאדאם גאלדפעלד ווערט אפט מיט אים פארפאלן אין וואלד — און גארנישט. עס ארט זי נישט, וואס דאס מאמעלע קוקט דאס צו, ווארים וואס שייך אזוינע עסקים, איז מאדאם גאלדפעלד גאנץ זיכער, אז איר סוד, איז אויך דער מוטערס סוד.

דער מוטערס דא זיין איז איר נישט צום הארץ, סתם „פארוואס עפעס פונקט ביי מיר"? זי וואלט געוואלט די מוטער זאל זיך א ביסל ארייגפאקן צו דער צווייטער שוועסטער, וואס זיצט אויך אויף זומער־וווינונג... דער מוטערס דא זיין איז איר נישט ניחא אויך איבער אנדערע טעמים. מאדאם גאלדפעלד קען נישט פארטראגן, וואס די מוטער ווערט ביי איר אין שטוב אלץ היימישער, אז עס קען שוין באלד אויסזען, אז די אמתע באלעבאסטע איז דא די מוטער, נישט מאדאם גאלדפעלד.

עס קאן איר אויך נישט געפעלן, וואס מען שיקט דער מוטער שוין גארנישט, אפילו נישט דאס, וואס זאל לפנים אויסזען, אז מ'שיקט איר עסן פון דער היים.

דרייט זיך מייטע דא ארום, אומעטום שטעקט זי ארײן איר נאז, די אייניקלעך און אפילו די דינסט האבן נישט פאר איר קיין פיצל דרך ארץ. און ס'האט שוין געטראפן, אז די דינסט האט זיך געפרוווט איינעקשענען, אז זי וויל נישט דער אלטערס בעט פארבעטן.

אט די מייטע מיטן געפאלדעוועטן פנים און האמשיק־נעזל וויל אפנים זיך גארנישט רעכענען דערמיט, אז דאס איז זי פארט נישט ביי זיך אינדערהיים. עסט באלעק אן איי, קוקט זי דערויף מיט שלעכטע, נישט פארגינערישע אויגן, א שטייגער ווי ער וואלט דאס איי איר, דער באבען פון האלדז ארויסגעריסן. „כ'מוז דיר זאגן" — מאכט זי צו דער טאכטער — „אז אייערע ווערן הינען גאר צופיל פארברויכט"... וויל זאשע פון דער מוטער א שטיקל שאקאלאד, מישט זיך מייטע אריין מיט איר כריפעדיק קול: „מען טאר נישט קינדער אלץ נאכגעבן"...

און נאך עפעס: איר, דער מאדאם גאלדפעלד, ביי איר גאנצן שטארק אנטוויקלטן עגאיזם, וועלכע וויל פון גארנישט וויסן, ווי פון באקוועמלעכקייטן און הנאה פארן אייגענעם גוף, ביי איר גאנצער נישט איבעריק

ווארעמער ליבע צו די קינדער, קען ביי איר פּאַרט נישט אויסנעמען דער מוטערס לשון וועגן איר עלף־יעריק יינגל און פינף־יעריקע מיידעלע.

— דער יינג איז אַ געמיינער יינג און די מויד טויג אויך נישט.

מאַדאַם גאָלדפעלד ענטפערט דערויף גאָרנישט. זי שווייגט און גייט ארום אָנגעבלאָזן. מוטער און טאָכטער גייען זיך יעדע פאַר זיך און רעדן גאָר צווישן זיך, ווען די מוטער דאַרף עפּעס פון דער טאָכטער.

ס'איז געווען שוין אין רעכטן מיטן זומער. אין שטאָט האָט זיך ווי־טער געררודערט, ס'איז געגאַנגען אַ גרויסע האַסע. אויסלענדישע וואַליוטעס זיינען געגאַנגען אַרויף, אַרויף מיט ריזן־טריט... סחורה, כלערליי סחורות, האָבן געברענט, געפלאַמט — ביי גאָלדפעלדן אין געשעפט איז געווען אַ סך צו טאָן. מירל האָט אויך צו ביסלעך צוגעהאָלפן אין געשעפט. מירל האָט איצט, אַ חוץ פירן די באַלעבאַטישקייט פאַרן ברודער, געהאַט נאָך אַן ארבעט, וועלכע מאַדאַם גאָלדפעלד האָט לעצטנס איינגעפירט: צו באַקן ווייס געבעקס און אַרויסשיקן דער מאַדאַם גאָלדפעלד אויף דער זומער־ווױנונג.

מירל האָט שווער געאַרבעט און שלעכט אויסגעזען, היימישע קרע־מערס, וואָס האָבן ביי גאָלדפעלדן געקויפט סחורה, האָבן אינדערהיים דערציילט דעם פאָטער, אַז מירל זעט שלעכט אויס און ר' ליפּע האָט גע־שריבן אַ בריוול צום „אהובי בני" מיט פאָטערלעכע פּרעטענזיעס, ווי אַזוי ער, שלום, קאָן דאָס צוזען...

דאָך אַהיימגעפאָדערט די טאָכטער האָט דער פאָטער נישט. ווארים אינדערהיים איז אַ חוץ נישט צופיל פּרנסה, פאַראַן אַ שטיפמוטער.

דאָנערשטיק קומט געוויינטלעך די דינסט וועגן שפּייז־פּראָדוקטן פאַר די זומער־ווױנער.

— וואָס הערט זיך דאָרט? — פרעגט זיך גאָלדפעלד ביי איר נאָך — וואָס מאַכט די פאַני, די קינדער?

— די פאַני — דערציילט די דינסט — ליגט היינט אין בעט.

— אין בעט? — דערשרעקט זיך אַ ביסל גאָלדפעלד. — אויף וואָס באַקלאָגט זי זיך?

— האָט געבראָכן און איצט האָט זי קאָפּ־ווייטיק.

די דינסט, וואָס רעכנט, אַז דאָס איז דער פאַני געקומען פון אָנעסן זיך און ליגן אויף דער פּאַליאַנקע אונטער דער זון, האָט נישט די העזה

ארויסצוזאָגן איר סברה, און זי שווייגט דעריבער, מאַכט נאָר דערביי א רויק־גלייכגילטיקע מינע, ווי נאָר צו זאָגן: „ס'איז גאָרנישט".

מירל האָט אריינגעסדרט פעקלעך אין קויבער.

— הערסט, מירל, — ווענדט זיך צו איר דער ברודער — בראָניע איז עפּעס נישט געזונט, זי ליגט.

— וואָס פעלט איר? — פרעגט מירל.

— זיליידט קאָפּ־ווייטיק און געבראָכן האָט זי אויך — זאָגט גאָלד־פעלד פארזאָרגט.

מירל האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט. זי איז געווען באשעפטיקט מיטן אריינפּאקן אלץ אין דעם קויבער, — נאָר געצל קישטיין, וואָס איז געשטאַנען איבער אַן אָפענעם קאַסטן סחורה און צוגעפּאַסט ברעטלעך פאַר א דעקל, האָט שוין געהאַט עפּעס צו זאָגן:

— ס'איז איצט — האָט ער צווויסן געגעבן — אזא אומטערגאַנג, וואָס הייבט זיך אָן מיט מייקענען און קאָפּ־ווייטיק.

נאָכמיטאָג איז געווען א סך צו טאָן. גאָלדפעלד ווי אויך אלע אין שטוב זיינען געווען פארנומען אין געוועלב. צומאָרגנס, פרייטיק, ווען די דינסט איז ווידער געקומען וועגן פיש און ווייס געבעקס, האָט זי דער־ציילט, אַז די פּאַני איז היינט אויפגעשטאַנען פון בעט און ארויסגעגאַנגען זיצן אין וואַלד. אינגאַנצן ריכטיק איז דאָס אָבער נישט געווען. מאַדאַם גאָלדפעלד איז טאַקע געהאַט אויפגעשטאַנען און ארויסגעגאַנגען אין וואַלד, נאָר א ביסל שפּעטער איז זי צוריקגעקומען אין שטוב אריין און מודיע געווען דער מוטער, אַז א ביסל פּילט זי נאָך קאָפּ־ווייטיק. האָט איר די מו־טער געעצהט זיך צוריקצולייגן אויף איבערן טאָג אין בעט אריין. זי דאַרף דאָס טאָן א חוץ אלעם דערפאַר, וואָס דער מאַן איז נעכטן נישט געקומען א קוק טאָן, וואָס זי מאַכט...

— דו פאַרשאַף אים נאָך נישט אזא לייכט לעבן, זאָל זיך אים גאָר־נישט דאַכטן, אַז זיין ווייב איז עפּעס א געזונטע פויערטע...

מאַדאַם גאָלדפעלד האָט, משמעות, איינגעזען, אַז די מוטער האָט טאַקע רעכט און זי האָט זיך צוריקגעלייגט אין בעט אריין.

פאַרנאַכט איז גאָלדפעלד געקומען אויף דער זומער־וווינונג, ווי יעדן פרייטיק, ער האָט אָפּגעלייגט די פאַרשידענע פּעקלעך, מיט וועלכע ער איז געווען באַהאָנגען, אויסגעטאָן דעם הוט, זיך געווישט דעם פאַרשוויצטן שטערן. און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט צו פרעגן, וואָס דער פרוי איז, און צי ס'דראָט איר נישט, חלילה, א געפאַר — האָט דאָס שוויגערל אַן עפן געטאָן איר מויל־ווערק:

— הע, האָסט דיך שוין אָנגעפּרעסן מיט מיין טאָכטער, ביסט שוין

מיט איר זאָט? — נישט געקומען אַ קוק טאָן, וואָס די פרוי מאַכט, צומאָל קיין דאָקטער נישט אַהערגעשיקט! — אַזאַ מאַן איז דער הונט אויף דער גאַס אויך. — אָנצופרעסן זיך, אָנצולייגן דעם וואַמפּ קומט ער, ער איז דאָ! — בראָניע, פאַרוואָס האָסטו אים נישט אַריינגעגעבן דאָס גרויסע שטיק פיש, דאָס פעטע קאַטשקעלע? ער האָט זיך אפשר נישט פאַרדינט, דער מ־אַ־ן משטיי־נס געזאָגט? — —

און אַז מייטע האָט שוין יאָ געעפנט דאָס מויל, האָט זי שוין איי־ ינעם פאַרגעוואָרפן דעם איידעם גאַנצע צעטלען חטאים קעגן זיין ווייב און קעגן איר משפחה, חטאים און עוולות פון דעם יאָר און יענעם יאָר און נאָך פריער... געגאָסן אויפן איידעם גאַנצע טייכן בלאָטע... זי האָט געזשווזשעט און געכריפּעט, אַזש אַ שוים האָט געשפּריצט פון דעם מויל אירן — מאַדאַם גאָלדפעלד האָט, אמת, גאָרנישט גערעדט, אפילו נישט דאָס מויל געעפנט. זי האָט בלויז געקוקט אויפן מאַן. אָבער דער בליק פון איר בייז צעצינדענע אויגן איז געווען אַזעלכער, אַז דעם מאַן איז אַדורך עפּעס קאַלטס איבערן חוט־השדרה. פון איין זייט די שוויגער מיט איר הודזשעדיק מויל־ווערק, פון דער צווייטער, דאָרט אין בעט — בראָניע מיט איר גיפטיק צעצינדענע מאַן־פרעסערישע אויגן. און ער, גאָלדפעלד, דער פּיפּיקער, האַרט־לייביקער סוחר, וועמען קיינער קאָן אין מסחר נישט גובר זיין, איז דאָ געשטאַנען צווישן זיי, ווי איינער פאַרכאַפּט אין מיטן פעלד פון אַ שטורעם־רעגן מיט דונערן און בליצן. ער האָט דעם קאָפּ אַראָפּ־ געבויגן, טאַקע ווי אונטער אַ פּלוצלינגן שלאַקס־רעגן — און ווי איינער, וואָס אַנטלויפט ערגעץ־ווו אונטער אַן אָפּדעכל זיך ראַטעווען פון אַ שטור־ רעם — האָט ער געכאַפּט דעם הוט און איז אַרויסגעלאָפן פון דער שטוב.

גאָלדפעלד איז געגאַנגען צוריק אין שטאָט. ער איז געגאַנגען פאַרביי די ווילִיעס. פון טייל אָפענע פענצטער האָבן אַרויסגעפינקלט אָנגעצונדענע שבת־ליכט און ס'האָט זיך געהערט זינגען זמירות; פון אַנדערע — האָבן אַרויסגעקלונגען משפחה־שמועסן. די מילד־וואַרעמע זומער־נאַכט האָט מיט פאַרשלאָפענע ווינטלעך געוועקט די פאַרדרימלטע, פאַרחלומטע ביי־ מער, שאָרכענדיק מיט די בלעטלעך און צווייגלעך. אויף אַ ווערענדע, באַלויכטן פון ליכט, איז אַרום אַ טיש געזעסן אַ קליינער עולם אָן היט און אין די בלויזע העמד־אַרבל, געשפּילט קאָרטן און געשיט מיט ווערטלעך... גאָלדפעלד איז געווען שטאַרק הונגעריק; צו דער שטאָט איז ווייט — ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ געבעקס־געוועלב און געהייסן זיך געבן זעמל.

ער איז נאָך אַלץ געגאַנגען פאַרביי ווילי׳עס, זומער־וווינונגען, ער האָט זיך דערפילט פאַרמאַטערט, מיד, און ווו זיך צוצוזעצן אָפּרוען איז נישט געווען (ער וועט זיך דאָך נישט זעצן אויף עמעצנס וועראַנדע). און דאָ איז ער גראָד צוגעקומען צום הייזל, וו בענדעט וווינט. ער האָט דערזען, אַז דערינען איז נאָך ליכטיק און איז אומגעטראַכט אַריינגעגאַנגען. אָהין זיך אַ ביסל אָפּצורוען.

בענדעט און די שוועסטער זיינען געזעסן ביים נאַכט־עסן. גאָלדפעלד האָט דערכאַפּט, ווי באַמערקנדיק אים, איז גיך אַראָפּגענומען געוואָרן פון טיש דאָס לעבל שוואַרץ ברויט און אייליק צוגעטרונקען געוואָרן די לעצטע שליק „קאַווע". גאָלדפעלד האָט אין איין רגע צוריקגעקריגן זיין געוויינט־לעכע חוצפּהדיקע האַלטונג פון אַ רייכן שפּעקולאַנט, בשעת ער פאַרבייגט זיין גרויסן כבוד און קומט אַריין — אמת, צו נישט אַ פרעמדן — נאָר פאָרט אָרימען מעקלער. ער האָט געזאָגט „דאַבּרי וויעטשור", אַראָפּגענומען דעם הוט, אויסגעשטרעקט די האַנט צו חנהן, פאַר יוצא וועגן אויך צו בענדעטן און זיך צוגעזעצט אויף דער פאַר אים צוגערוקטער שטול.

אַצינד, ווען ער איז שוין געזעסן, איז ער אַ ביסל געקומען אין אַ פאַר־לעגנהייט און נישט געוווסט פון וואָס אָנצוהייבן רעדן. זיין אויג האָט דער־בליקט ליגן אויפן שענקל דאָס נאָר וואָס אַראָפּגערוימטע לעבל ברויט, און דאָס מויל זיינס האָט אָנגעהויבן רעדן, סתם, אָן אַפילו צו איבערטראַכטן, וואָס ער רעדט.

— ברויט — האָט גאָלדפעלד אָנגעהויבן, — שוואַרץ ברויט איז דען שלעכט? ווער עס איז דערצו געוווינט — שמעקט עס אים ווי לעקעך; יעדן פאַרגלוסט זיך אַמאָל אַ שטיקל שוואַרץ ברויט. וואָס דאַרף מען מער: איך, איך אַליין זאָג מיך טיילמאָל אָפּ פון דעם בעסטן קוכן און הייס מיר ברענגען אַ שטיקל ראַזעווע ברויט, און גוט אָנגעשמירט מיט פּוטער און מיט קאַווע, איז עס טאַקע גאָרנישט שלעכט.

ער האָט גערעדט און וואָס ווייטער — אַלץ מער האָט ער געפילט, אַז ער רעדט סאַמע נאַרישקייטן. נאָר עס האָט אים נישט געאַרט: דאָס אָרימע שטיבל, די נישט וויכטיקע מענטשן, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך: דאָס עלטערע מיידל מיטן הויקער, בענדעט מיטן פאַרהונגערטן פּנים — דאַרף ער דען זיך קרעמפּירן פאַר זיי, ער, גאָלדפעלד?! ס'ווילט זיך אים רעדן — רעדט ער!

אין אָנהייב פון „ברויט"־שמועס, איז חנה רויט און בלאַס געוואָרן. נאָר וואָס לענגער גאָלדפעלד האָט גערעדט, אַלץ גלייכגילטיקער איז חנהס פּנים געוואָרן; אויף אירע ליפּן האָט זיך אַפילו באַוויזן ווי אַ שאָטן פון

א שמייכל; בענדעט האָט אויך געשוויגן, געקוקט גאָלדפעלדן אין מויל און געשוויגן — אפשר גאָרנישט געהערט, וואָס גאָלדפעלד פּלוידערט, גע־טראַכט פון עפּעס אַנדערש.

מינע פינקל איז אַריינגעקומען. זי האָט זיך געזעצט לעבן חנהן אויפן ראַנד בעט. גאָלדפעלד האָט אַריינגעטאָן די האַנט אין דער טאַש פון רעקל, עפּעס דאָרט זיך געפּאָרעט אין דער טאַש פון רעקל, אַרויסגענומען אַן אָפּ־געבראָכן שטיקל שאָקאָלאַדע, דאָס צעבראָכן אויף דריי שטיקלעך און יעדן דערלאַנגט אַ ברעקל.

קיינער האָט זיין שטיקל שאָקאָלאַד נישט גענומען אין מויל. מינע פינקל איז געזעסן לעבן חנהן, צוגעהערט זיך צו גאָלדפעלדס שמועס מיט בענדעטן וועגן שפּעקולאַציע, ריווחים, פּרייזן פון הייזער, פּלעצער, סיכסו־כים מיט סוחרים... זי האָט געקוקט אויף גאָלדפעלדס האַרטן פּנים, אַ ביסל אַרויסשטאַרצנדיקע באַקנביינער, און קאַלט גלאַנציקע שפּיציקע, טונקעלע אויגן. און ס'איז געווען צו דערקענען, אַז זי, דאָס מיידל, קוקט אויף גאָלדפעלדן, ווי אויף איינעם פון די, וואָס זיינען דירעקט שולדיק אין אַלע צרות פון דער איצטיקער וויסטער נאָך־מלחמה־נויט.

— ווער איז זי? — פּאַסט גאָלדפעלד אָפּ אַ רגע, ווען די צוויי מייד־לעך זיינען פאַרשמועסט און פרעגט דאָס בענדעטן מער מיטן ווונק, ווי מיטן מויל.

— אַ שכנטע — ענטפערט בענדעט קורץ.

ער גיט אַ קנייטש מיט די אויגן:

— ערשטער סאָרט, פּרימע... — און, ווער ווייסט, פאַרוואָס גאָלד־פעלד איז דערביי רויט געוואָרן.

גאָלדפעלד האָט זיך דערהויבן פון שטול. ווידער יעדן באַזונדער דערלאַנגט די האַנט. דער פרייילין פינקל האָט ער נאָך צוגעלייגט אַ „דאָווי־דזעניאַ". פאַרן אַוועקגיין, האָט גאָלדפעלד געפונען פאַר נויטיק קלאָר צו מאַכן זיין פּלוצלינגנדיקן וויזיט דאָ: אַזוי ווי זיין פרוי פּילט זיך אַ ביסל „אומוואָהל" און די שוויגערמוטער שלאָפט דאָרט, גייט ער איצט אַהיים אין שטאָט שלאָפן... בענדעט האָט אים אַ ביסל אַרויסבאַגלייט און גאָלד־פעלד איז אַוועק. ווען בענדעט איז צוריק אַריינגעקומען אין שטוב, האָט מינע פינקל, מיט אַ צעפלאַמט און אויפגערעגט פּנים, גערעדט:

— דערויף האָבן עס מיליאָנען מענטשן מיטן לעבן באַצאָלט אין דער בלוטיקער וועלט־מלחמה, אַז אַזעלכע גאָלדפעלדס זאָלן זיך קענען צעבליִען.

אינהאַלט:

פאָרוואָרט	3
מעשה-ביכלעך	10
ביי א רייכן קרוב	18
אין גערויש פון מאַשינען	27
1905	43
זומפּ	83

רעדאַקטאָרן פון פאַרלאַג:

ל. אַליצקי　　　　דוד ספּאַרד